# עונג שבת

## ליקוט מבחר הגליונות לפ׳

By:
GILYONSENDTOU@GMAIL.COM

## תולדות

Smart Art 347 766 233



# מגזין שבת אוצר

מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.



פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"

## פערל ווערטער - פ' תולדות תשפ"ג

### ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו... ויעתר לו... (תולדות כה:כא)

רש"י: "לו ולא לה שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע לפיכך לו ולא לה"

יצחק אבינו מיט זיין גרויס ענוות האט נישט געהאלטן אז ער איז ווערד געהאלפן צו ווערן אין זיין אייגענעם זכות, דעריבער האט ער מתפלל געווען, "לנוכח אשתו" ער זאל געהאלפן ווערן אין איר זכות. זאגט דער פסוק "ויעתר לו ה'",—אין זיין אייגענעם זכות, ווייל, "אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק דעריבער איז געווען "לו ולא לה",—נישט ווי ער האט געמיינט אז ער וועט קענען געהאלפן ווערן בלויז אין איר זכות.

*(קדושת לוי)*

### ויקראו שמו עשו... (תולדות כה:כה)

רש"י: "הכל קראו לו כן",—ס'שטייט א לשון רבים, ווייל אלע האבן אים גערופן עשיו.

'עשיו' איז טייטש: "הא שוא שבראתי בעולמי"—דאס איז די פאלשקייט וואס איך האב באשאפן אויף מיין וועלט (מדרש). עשיו איז דער סימבאל פון שקר, און אסאך מענטשן ווערן צוגעצויגן צום שקר, און יעקב איז דער סימבאל פון אמת,—אזוי ווי ס'שטייט, "**תתן אמת ליעקב**", דעריבער שטייט "**ויקרא שמו יעקב**",—א לשון יחיד, ווייל דער אמת האט ווייניג אנהענגער, און נאר יחידים ווערן צוגעצויגן צום אמת.

*(דגל מחנה אפרים)*

### וידו אוחזת בעקב עשו ויקרא שמו יעקב. (תולדות כה:כו)

"**עשו**" שטייט אהן א "י". ווייל דער אות "י" האט באקומען יעקב, און דעריבער הייסט ער נישט עקב. דאס זאגט דער פסוק, "**וידו**",— דער אות "י" פון יעקב, וואס געפינט זיך אנפאנג פון זיין נאמען, "**בעקב עשו**",—איז געווען פריער ביים ענדע פון עשו'ס נאמען.

*(חת"ם סופר)*

### ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו ורבקה אהבת את יעקב (תולדות כה:כח)

ביי יצחק שטייט "ויאהב יצחק" א לשון עבר. און ביי רבקה שטייט א לשון הווה, "ורבקה אוהבת". די אהבה פון יצחק צו עשיו איז נישט געווען שטענדיג נאר דעמאלט, צוליעב א געוויסע סיבה "כי ציד בפיו". אבער די אהבה פון רבקה צו יעקב, איז שטענדיג געווען און דער פסוק דארף נישט זאגן א טעם, ווייל ס'איז פארשטענדליך פון זיך אליין, ווייל ער איז געווען "איש תם יושב אהלים". און אין אמת'ן האט אים יצחק ליעב געהאט צוליעב'ן זעלבן טעם, נאר עשיו האט ער ליעב געהאט צוליעב "כי ציד בפיו".

*(כ"ק האדמו"ר מזווועהיל-צאנז זצ"ל)*

### ויעקב נתן לעשו לחם ונזיד עדשים... (תולדות כה:לד)

פארוואס האט יעקב געגעבן פאר עשו ברויט ער האט דאך נאר געבעהטן עדשים? נאר יעקב האט מורא געהאט אז עשו וועט מבטל זיין די מכירה, מיט א טענה אז ס'איז נישט געווען מיט'ן גאנצן דעת ווייל ס'האט

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

### ואלה תולדות... אברהם הוליד את יצחק (תולדות כה:יט)

רש"י: ווייל די ליצני הדור האבן געזאגט "מאבימלך נתעברה שרה" האט דער באשעפער געמאכט אז יצחק זאל אויסזעהן ווי אברהם, און אלע האבן געזעהן אז אברהם הוליד את יצחק.

פארוואס רופט זיי רש"י "ליצני הדור" זיי זענען דאך געווען רשעים, ווייל זיי האבן דאך מוצא שם רע געווען אויף שרה אמנו? נאר זייער כוונה איז געווען נישט אלס רשעות נאר בלויז צו זאגן "מאבימלך" און וויבאלד ס"איז דא א חשד אויף שרה דורך אבימלך און די תורה זאגט ביי פרשת סוטה (במדבר ה:כח) "ואם לא נטמאה...ונקתה ונזרעה זרע" דורכדעם "נתעברה שרה" במילא זענען זיי נישט געווען קיין רשעים. נאר וויבאלד מ"האט געקענט אויסטייטשן זייער רייד בפשטות, אז "מאבימלך נתעברה שרה", רופט זיי רש"י "ליצני הדור" און דערפאר "צר הקב"ה קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם", און אלע האבן געזעהן אז "אברהם הוליד את יצחק".

*(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)*

### ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו... ויעתר לו ה' (תולדות כה:כא)

רש"י: בשס הגמ' (יבמות סד.) "לו ולא לה",—דער באשעפער האט געהערט די תפילה פון יצחק, ווייל ס'איז נישט גלייך די תפלה פון א צדיק בן צדיק, צו די תפלה פון א צדיק בן רשע.

מ"דארף פארשטיין דאס לשון, אויב א תפילה פון א צדיק בן צדיק איז מער חשוב"ער, וואלט געדארפט שטיין "שאין דומה תפלת צדיק בן רשע לתפילת צדיק בן צדיק"? (ס'איז א וואונדער אז די נייע חומשים האבן געענדערט דאס לשון פון רש"י צוליעב די דאזיגע קשיא, ס'איז דאך בפירוש א גמרא מיט דעם לשון?) נאר מ'קען דאס פארשטיין אזוי: די תפלה פון רבקה איז טאקע געווען חשובער ווי די תפילה פון יצחק, ווייל די גמרא זאגט אויף "**ויעתר לו ה'**",—אז די תפילה פון צדיקים איז גלייך צו א עתר, (א גאפל צו אקערן די ערד), און פונקט ווי אן עתר דרייט איבער וואס ליגט אונטן אויף אויבן, אזוי אויך די תפילה פון צדיקים דרייט איבער פון מידת הדין צו מידת הרחמים. אבער די תפילה פון רבקה אמנו האט נישט געדארפט האבן אן 'עתר' אז איר תפילה זאל אנגענומען ווערן, ווייל זי איז דאך געווען א בעלת תשובה, און איר תפילה גייט ארויף אין הימל אהן אן 'עתר'. דעריבער איז שוין דאס לשון מדויק, "שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפילת צדיק בן רשע",—ווייל די תפילת צדיק בן רשע איז מער חשובער און איז נישט גלייך צו אן 'עתר', וואס דרייט איבער מדת הדין צו מדת הרחמים.

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - אושפיזין ד'יצחק תש"ל)*

### ויתרוצצו הבנים בקרבה (תולדות כה:כב)

רש"י: כשהיתה עוברת על פתחי תורה של שם ועבר יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי עבודה זרה עשו מפרכס לצאת.

לכאורה איז שווער בשלמא עשו פארשטייט מען וואס ער איז נישט

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר


## פּערל ווערטער - פ' תולדות תשפ"ג

<-<-<-<-<-

אים דעמאלט אנגעכאפט א בולמוס פון הונגער. דעריבער האט ער אים פריער געגעבן צו עסן ברויט צו שטילן זיין הונגער און דערנאך עדשים צו עסן אזוי אז ער וועט גארנישט קענען טענה'ן.

*("ספרים הק")*

### ויגדל האיש וילך הלוך וגדל עד כי גדל מאד (תולדות כו:יג)

אין די גאנצע פרשה ווערט יצחק דערמאנט מיט'ן נאמען, אבער דא ווערט ער דערמאנט נאר אלס "האיש"? ווייל ווען יצחק איז געווארן א "איש", בר מצוה: "ויגדל האיש וילך הלוך וגדל", איז ער געוואקסן און געשטיגן אין זיינער הייליגע מדריגות העכער און העכער און נישט געבליבן שטיין אויף איין ארט. "כי גדול מאד", ביז ער איז אנגעקומען אז קיינער האט אים נישט געקענט דערגרייכן!

*(הרה"ק רבי ר' בער ממעזריטש זי"ע)*

### ויעש להם משתה ויאכלו וישתו (תולדות כו:ל)

הרה"ק רבי ברוך פון מעזיבוזש זי"ע האט געזאגט: ווען א איד מאכט חתונה א קינד, קומט פון דארט די השפעה פון פרנסה. דאס איז מרומז אין פסוק: "**ויעש להם משתה**"—ער האט געמאכט א חתונה, "**ויאכלו**",—איז געקומען די השפעה זיי האבן געהאט פרנסה.

*(אור לשמים)*

### הקל קול יעקב והידים ידי עשיו (תולדות כז:כב).

***מדרש: בזמן שהקול קול יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין הידים ידי עשו שולטות בכם.***

פרעגן די מפרשים, ס'שטייט דאך נישט: "אין הידים ידי עשו" נאר "והידים ידי עשו",—הייסט דאס דאך אז אפילו ווען ס'איז "הקול קול יעקב", איז אויך "הידים ידי עשו"? נאר 'הקול' שטייט אהן א "ו", און ס'לייענט זיך "הקל", ס'איז לייכט געווארן. ווען ס'ווערט לייכטער און שוואכער דער "קול יעקב", ער איז חסר, דעמאלט געוועלטיגן די "ידי עשו". אויב אבער דער קול יעקב איז "מלא" און נישט אפגעשוואכט, דעמאלט "אין הידים ידי עשו שולטות"

*(הגאון מווילנא זצוק"ל)*

### הקל קול יעקב והידים ידי עשיו (תולדות כז:כב).

דעריבער שטייט צוויי מאהל דאס ווארט "קול", צו ווייזן אז דער קול פון אינדרויסן וואס הערט זיך פון מענטש מיט'ן קול פון אינעווענדיג, דאס מיינט די שפראך פון הארץ, דארף זיין איייניג, דעמאלט איז די ריכטיגע "הקול קול יעקב".

*(דברי ישראל מודזיץ)*

### וישטם עשיו את יעקב על הברכה... (תולדות כז:מא)

דער עיקר כעס פון עשו איז געווען ווייל יעקב האט באקומען די ברכות פון יצחק און נישט ווייל ער האט אים אויסגעפאפט, ווייל ביי עשו איז דאס נישט קיין עבירה, ווייל ער אליין האט דאך דאס געטוען, און דאס איז דער פסוק מדייק "על הברכה אשר ברכו אביו".

*("דברי ירמיהו")*

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

<-<-<-<-<-

געוועהן צופרידן ווייל ער וויל טוען עבודה זרות, אבער יעקב האט דאך געהאט וואס ער דארף, א מלאך האט דאך מיט אים געלערנט די גאנצע תורה? נאר אפילו יעקב האט געלערנט די גאנצע צייט און א מלאך האט אים אלעס אויסגעלערנט, אבער ער האט נישט געוואלט גיין אין איין חדר צוזאמען מיט זיין ברידער עשיו הרשע, און פארדעם איז ער געווען גרייט אפילו צו פארליהרן זיין גוטער מלמד, וואס דאס איז געווען דער מלאך וואס האט מיט אים געלערנט, כדאי נישט צו דארפן זיין אינאיינעם מיט א רשע.

*(כ"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### ויגדלו הנערים ויהי עשו איש ידע ציד איש שדה ויעקב איש תם ישב אהלים (תולדות כה:כז)

רש"י: "יודע ציד, לצוד ולרמות את אביו בפיו...יושב אהלים, אהלו של שם ואהלו של עבר".

דאס וואס די תורה דערציילט אונז אז יעקב איז געווען "איש תם יושב אהלים" פארשטייט מען, כדי מ'זאל זיך אפלערנען דערפון, אבער פארוואס שרייבט די תורה אז עשו איז געווען "איש יודע ציד איש שדה", וואס איז דאס אונז א נפקא מיניה? נאר מ'קען זאגן: ס'שטייט (קהלת ז:יד) "זה לעומת זה עשה האלקים",—און ווען די קדושה שטארקט זיך, שטארקט זיך קעגן דעם אויך די התנגדות דקדושה. אזוי אויך ווען ס'איז דא אן התגברות פון כחות הרשע וואס ווילן ממעט זיין עבודת השי"ת, שטארקט זיך קעגן זיי די כוחות הקדושה, דאס נישט צו לאזן און אידן זענען זוכה צו די הילף פון הימל זיי זאלן קענען דינען דעם באשעפער. און דאס קומט אונז דער פסוק לערנען, מיט דעם וואס עשו האט געוואוסט צו פאַפּן און אויסנארן זיין טאטע, קעגן דעם איז יעקב געזיצן אין בית המדרש פון שם ועבר, ד.מ. ווי שטארק ס'איז געווען די התגברות פון עשו מיט זיין טומאה, איז די התגברות פון יעקב מיט זיין קדושה געווען נאך שטערקער, און דאס קומט אונז לערנען אז מ'דארף זיך שטארקן בעבודת ה', אויך אין צייטן און פלעצער ווי ס'איז דא אן התגברות פון התנגדות הקדושה, ווייל מיט די זעלבע מאס שטארקט זיך דער כח הקדושה,צו העלפן דעם מענטש אין עבודת ה'.

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### ויאמר יצחק אל בנו מה זה מהרת למצא בני ויאמר כי הקרה ה' אלקיך לפני (תולדות כז:כ)

דערפאר שטייט "ה' **אלקיך**", און נישט "ה' אלקינו", ווייל ווען יצחק אבינו האט געשפיהרט ברוח קדשו, אז יעקב האט אים געברענגט מטעמים, האט ער געפרעגט, "**מה זה מהרת למצא בני**",—פארוואס האסטו זיך געאיילט מיר צו ברענגען די מטעמים, איך האב דאך דאס דיר נישט געהייסן, ד.ה. א בחינה פון אינו מצווה ועושה. "ויאמר כי הקרה ה' **אלקיך** לפני",— יעקב האט דערמיט מרמז געווען אויפ'ן "אנכי ה' **אלקיך**" פון מתן תורה. אז ער האט געלערנט די חשובות פון 'אינו מצווה ועושה', פון מתן תורה, וואס דארט האבן אידן געזאגט, "נעשה" פאר "נשמע". און דאס איז פשט פון "כי הקרה ה' **אלקיך לפני**",—דער מעמד הר סיני איז מיר געשטאנען פאר די אויגן, און פון דארט האב איך דאס געלערנט. אויך קען מען פארשטיין וואס ס'שטייט

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-

# מיין שבת אוצר



## מסורת רבותינו אויף די פרשה

<-<-<-<-<-

ווייטער (כז:כז), "**ויברכהו ויאמר ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'**", זאגט רש"י: "כריח שדה", מיט א גוט'ן ריח פון "שדה תפוחים", אזוי ווי ס'שטייט "כתפוח בשדה יער"—פארוואס זענען אידן געגליכן צו אן עפל [תפוח], ווייל אזוי ווי אן עפל, וואקסט די פרוכט פאר'ן בלעטל, אזוי האבן אידן געזאגט 'נעשה' פאר 'נשמע'. דאס איז פשט פון "**ויאמר ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'**"—יצחק אבינו האט געשפירט אין יעקב די קדושה פון מתן תורה וואס איז מרומז אין 'שדה תפוחים,'—וואס די פרוכט וואקסט פאר'ן בלעטל, אזוי ווי אידן האבן געזאגט 'נעשה' פאר 'נשמע'. אויך שטייט ווייטער (כז:לה) "**ויאמר בא אחיך במרמה ויקח ברכתך**"—טייטשט אונקלוס און רש"י: "**במרמה**"—מיט קלוגשאפט. אין מדרש (ב"ר סז:ד) שטייט, "בא אחיך במרמה", רבי יוחנן, בא בחכמת התורה,—יעקב אבינו האט דאס געלערנט פון די תורה, צו זיין אין א בחינה פון 'אינו מצווה ועושה'.

*(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)*

### ויאמר יצחק אל בנו מה זה מהרת למצא בני ויאמר כי הקרה ה' אלקיך לפני (תולדות כז:כ)

דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע] האט געפרעגט: פארוואס שטייט "כי הקרה ה' **אלקיך** לפני", און ס'שטייט נישט "ה' **אלקינו**". ותירץ עפ"י דרכו בקודש. מ'קען זאגן נאך א רמז, לויט וואס דער טאטע ז"ל האט ערקלעהרט דעם ענין אז פסח ביינאכט מעג מען זאגן הלל זיצנדיג, אזוי ווי ס"שטייט אין שו"ע. ווייל די גמרא (יומא כה.) זאגט: "אין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית דוד בלבד", דעריבער פסח ביינאכט ווען ס"איז א זמן פון התעוררות הגאולה העתידה, זאגט מען הלל בישיבה, כדי צו מאכן אן הכנה און התעוררות להתרוממות מלכות בית דוד. וואס זיי איז ערלויבט צו זיצן אין די עזרה, אנדערש ווי כלל ישראל וואס דארפן שטיין. **אד"ק ז"ל.**

ס"שטייט אין מדרש (ב"ר כט:ג) שלשה מציאות מצא הקב"ה. "**אברהם**", אזוי ווי ס"שטייט (נחמי' ט:ח) "ומצאת את לבבו נאמן לפניך". "**דוד**", אזוי ווי ס"שטייט (תהילים פט:כא) "מצאתי דוד עבדי". "**ישראל**", אזוי ווי ס"שטייט (הושע ט:י) "כענבים במדבר מצאתי ישראל". יצחק אבינו האט געפרעגט: "מה זה מהרת **למצא** בני", א לשון פון מציאה דייקא, און נישט **להביא**, צו ברענגען, ווייל יצחק האט מרגיש געווען אז יעקב וויל די סעודה וואס איז געווען פסח ביינאכט צו מאכן אן הכנה און התעוררות להתרוממות מלכות בית דוד, וואס דארט שטייט 'מציאה', "מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו". האט יעקב געענפערט: "כי הקרה ה' **אלקיך** לפני", און ער האט נישט געזאגט ה' אלקינו, מרמז צו זיין אז אין זיין זכות דייקא וועט זיין די גאולה העתידה, אפילו אידן וועלן נישט זיין ראוי, וועט דאס זיין אהן קיין שום הכנה, אזוי ווי א מציאה וואס קומט בהיסח הדעת, און אזוי ווי חז"ל (שבת פט:) זאגן אז לעתיד לבוא וועט יצחק אבינו מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער אז דער באשעפער זאל זיי אויסלייזן אזוי ווי זיי זענען.

*(כ"ק מהר"ם מבילגורייא זי"ע ספר פרשת מרדכי)*

## מיין אוצר... מוסר השכל פון די פרשה

*זיין אפגעשיידט פונעם רשע...*

### ואלה תולדות יצחק בן אברהם... (תולדות כה:יט)

רש"י: יעקב ועשו האמורים בפרשה.

וויאזוי האט יעקב מצליח געווען זיך צו שטארקן איבער עשיו? דער תירוץ איז, דורך 'בפרשה,'—דאס וואס ער האט זיך אפגעשיידט פון עשיו. ווייל ווען מ'איז דערווייטערט און אפגעשיידט פון א רשע העלפט דאס פאר'ן צדיק ס'זאל אים נישט שאדן. *('אהבת ישראל')*

*מ'דארף אהנעמען יסורים מיט ליעבשאפט...*

### אם כן למה זה אנכי... (תולדות כה:יט)

דער מדרש זאגט אז רבקה האט געדארפט געבוירן צוועלף שבטים, נאר אזוי ווי זי האט געזאגט "**אם כן למה זה אנכי**,"—און זי האט נישט אנגענומען די יסורים מיט ליעבשאפט האט זי נישט זוכה געווען צו האבן צוועלף שבטים.

*מ'דארף זיך היטן פון ליגנט און שווינדל*

### ויעקב איש תם יושב אהלים... (תולדות כה:כז)

פון דא קענען מיר לערנען ווי ווייט א מענטש דארף זיך אויסהיטן פון ליגנט און שווינדל, ווייל פון אלע שבחים פון יעקב רעכנט נישט דער פסוק אויס, נאר אז ער איז געווען א איש תם, א עהרליכער מענטש, יושב אהלים, וואס איז שטענדיג געזיצן און געלערנט. *(של"ה הק')*

*א צדיק זעהט נישט שלעכט'ס אויף זיינע קינדער...*

### ויאהב יצחק את עשו (תולדות כה:כח)

הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשובער האט נאכגעזאגט בשם הבעש"ט הק'. פונעם טאג וואס עשו האט אויסגעפאפט זיין טאט'ן און באקומען פון אים די ברכות, דאס האט גורם געווען אז אפילו א צדיק קען נישט זעהן שלעכט'ס אויף זיינע קינדער?

*(זוהר ח"א - פ' וישב)*

*דער "קול" איז געהעריג, אבער די "ידים" נישט...*

### הקל קול יעקב והידים ידי עשו (תולדות כז:כב)

אויפ'ן פסוק "הקול קול יעקב, והידים ידי עשו", האט דער דובנער מגיד אזוי געזאגט: ס'זענען פארהאן אזעלכע אידן, וואס ווען ס'קומט צום "**קול**,"—זענען זיי אין ארדענונג, זיי דאווענען און לערנען און היטן אפ דעם "**קול קול יעקב**" ווי ס'דארף צו זיין. אבער ווען ס'קומט צו די "**ידים**,"—צדקה, מצוות און האנדלן עהרליך, דעמאלט איז ליידער "**הידים ידי עשו**,"—זענען זיי גרייט זיך צו 'הרג'ענ'ן,' און יענעם פאר א קליין ביסל געלט...

*מ'דארפט זיך באגיין מיט קינדער מיט ליעבשאפט...*

### ויברך אותו ויצוהו...לא תקח אשה... (תולדות כח:א)

יצחק אבינו לערנט אונז דא א וויכטיגע לימוד אין חינוך. אויב מ'וויל אז די קינדער זאלן זיך צוהערן און פאלגן די עלטערן, דארף מען זיך מיט זיי באגיין מיט ליעבשאפט, און נישט מיט כעס. ווייל איידער יצחק האט עפעס געבעהטן פון יעקב האט ער אים פריער געבענטשט און דערנאך אים געזאגט, "אז ער זאל נישט חתונה האבן מיט א פרוי פון די בנות כנען. *('חפץ חיים')*



## מיין געדאנק אויף די פרשה

**ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה... (תולדות כה:כז)**

דער 'חתם סופר' ברענגט פון זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אדלער, אויפ'ן פסוק (תולדות כה:כז) "ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה",—ס'איז דא א חיה וואס איז צוגעבונדן מיט'ן נאָפּל צו די ערד, און מ'רופט די חיה 'אבני השדה', (עי' בכלאים פ"ח, ובפרשת קדושים אל תפנו וכו' ואל הידעוני וברש"י שם שלוקחים עצם מחיה ששמה ידוע לתוך פיו והעצם מדבר, ועיי"ש בשפתי חכמים ש"ידוע" הוא החיה הנ"ל). האט הגה"ק רבי נתן אדלער ערקלערהט, עשו איז געווען א יודע ציד, "איש שדה",—דאס מיינט ער האט געקענט פאנגען א חיה וואס הייסט "ידוע", צו וויסן עתידות,—וואס ס'וועט שפעטער געשעהן. האט הרה"ק רבי פיניאלע אוסטילא זי"ע הי"ד, דערויף געפרעגט: איך וואונדער מיך אויף אים פארוואס ער ענדיגט נישט "ויעקב איש תם יושב אהלים",—וויל רש"י זאגט דאך אויף "תמים תהי' עם ה' אלוקיך",—זאלסט נישט נאכפארשן עתידות... און דאס איז פשט "ויעקב איש תם",—מיט זיין תמימות און נישט אזוי ווי עשו.

*(סי' שיח זקני ח"א עמ' ע)*

**ויזרע יצחק בארץ ההוא...ויברכהו ה' (תולדות כו:יב)**

מ'קען זאגן פשט מיט אן הקדמה פון כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע, וואס טייטשט דעם פסוק (תהלים כד) "ישא ברכה מאת ה' וצדקה מאלקי ישעו",—דער באשעפער וועט געבן א ברכה פאר'ן מענטש, נאר אויב ער וועט וויסן אז ס'קומט פון באשעפער און נישט פון זיין אייגענעם כח, און אז די ברכה קומט אים נאר בתורת צדקה. דאס איז פשט "ישא ברכה",—דער באשעפער וועט געבן א ברכה, "מאת ה'",—אויב ער וועט וויסן אז ס'איז "מאלקי ישעו", און אויך אז ס'איז א צדקה און נישט מן הדין. און דאס איז דער פסוק מרמז: "ויזרע יצחק...וימצא מאה שערים",—פארוואס האט ער באקומען א ברכה, ווייל "ויברכהו ה'",—ער האט געוואוסט אז די ברכה קומט פון באשעפער, און ס'איז נאר א צדקה.

*(בנין דוד פ' תולדות)*

**ויאמר בא אחיך במרמה ויקח ברכתך (תולדות כז:לה)**

ס'איז באקאנט די וועלטס קשיא, פארוואס האט דער באשעפער געמאכט אז די ברכות פון יצחק זאלן אנקומען צו יעקב אבינו במרמה, אז יצחק זאל מיינען אז ער בענטשט עשו און דערוויל איז דאס גאר געווען יעקב, פארוואס האט נישט דער באשעפער געמאכט לכתחילה אז יצחק זאל בענטשן יעקב מיט כוונה, און וויסן אז ער בענטשט יעקב. ווייל די ברכות זענען נישט נאר געגעבן געווארן פאר יעקב אבינו אליין, נאר אויך פאר זיינע קינדער און קינד'ס קינדער און אלע זיינע דורות ווייטער, און דעריבער אויב וואלט יצחק געבענטשט יעקב מיט א כוונה פאר יעקב אבינו, קומט אויס אז מיר וואלטן באקומען די ברכות נאר אויב מיר פיהרן זיך אויף אינגאנצן ערהליך אזוי ווי 'יעקב' און מיר זענען ווערד צו באקומען די ברכות וואס זענען געגעבן געווארן פאר אזא צדיק ווי יעקב. דעריבער האט דער באשעפער געטוען א חסד און געמאכט אז יצחק זאל וועלן בענטשן דוקא עשו, און ער האט געגעבן די ברכות מיט א כוונה צו 'עשו הרשע', אויב אזוי, זענען מיר שטענדיג ווערד צו באקומען די ברכות, ווייל דער שוואכסטער איד איז אלעמאהל בעסער ווי עשו הרשע, און דעריבער איז דאס פאר אונז א טובה אז מיר וועלן שטענדיג קענען זוכה זיין צו די ברכות, אפילו מיר זענען טאקע נישט פונקט ווי יעקב, אבער מיר זענען נאך

<<<<<<<

## מיין טייערע געדאנק אויף די פרשה

**ורבקה אמרה אל יעקב בנה לאמר הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך לאמר. (תולדות כז:ו),**

ס'שטייט אין פסוק, אז רבקה האט געזאגט צו איר זוהן יעקב, אזוי צו זאגן, איך האב געהערט אז דיין טאטע רעדט צו עשו דיין ברודער אזוי צו זאגן. פארוואס שטייט צוויי מאהל דאס ווארט 'לאמר'? מ'קען דאס פארשטיין, לויט ווי ס'איז באקאנט, אז דאס ווארט 'לאמר', באדייט א ווייכע לשון, (אנדערש ווי 'וידבר', וואס מיינט, שטרענגע רייד). יעקב האט מסתמא גערעדט מיט א ווייכע און איידל לשון, אזוי ווי ס'איז דער סדר פון צדיקים, און עשו האט גערעדט מיט א הויכע און שטרענגע לשון. קען מען זאגן, אז יצחק האט געגעבן אן עצה פאר עשו, אז יעקב זאל אים נישט קענען צוכאפן די ברכות, אז ער זאל רעדן מיט א ווייכע לשון, אנדערש ווי געוועהנליך וואס ער פלעגט רעדן הויעך, וויל אויב יעקב וועט אויסכאפן די ברכות וועט ער זיך דאך זיכער מאכן אזוי ווי עשו, און רעדן הויעך, דעריבער אלס א סימן, זאל ער (עשו) רעדן ווייער, אזוי וועט יצחק וויסן אז ס'איז עשו. רבקה האט מיט רוח הקודש זיך דערוואוסט פון דעם סוד, דערפאר האט זי געזאגט צו יעקב, אז ווען ער וועט אריינגיין צו יצחק, זאל ער נישט נאכמאכן דעם קול פון עשו וואס רעדט הויעך, נאר ער זאל רעדן ווייער פונקט ווי ער רעדט אייביג, וויל יצחק האט אפגעשמואסט מיט עשו, אז ער (עשו) זאל רעדן ווייער, ממילא ווען יעקב וועט רעדן ווייער, וועט יצחק מיינען אז דאס איז עשו. דאס קען זיין פשט אין פסוק, "ורבקה אמרה אל יצחק בנה "לאמר", און רבקה האט געזאגט צו יעקב איר זוהן, אז "לאמר", ער זאל רעדן מיט א ווייער לשון, אזוי ווי ער רעדט געוועהנליך, פארוואס טאקע זאל ער נישט רעדן הויעך און נאכמאכן עשו, וויל, "הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך "לאמר", כ'האב געהערט אז דיין טאטע יצחק האט אפגעשמועסט מיט עשו אז "לאמר", ער זאל רעדן ווייער, דערפאר זאלסטו אויך אזוי רעדן.

*(אוהב ישראל)*

## מיין געדאנק אויף די פרשה

<-<-<-<-<

אלץ בעסער ווי עשו וואס צו אים האט יצחק אינזין געהאט ווען ער האט געטיילט די ברכות.

*(הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע - עפ"י ספה"ק ישמח ישראל)*

**ברכני גם אני אבי (תולדות כז:לח)**

***מדרש: בשביל דמעות שבכה עשו ואמר "ברכני גם אני אבי", האט ער זוכה געווען צו אלעס גוטס.***

אידישע קינדער וויינען דאך שטענדיג פיהל מער ווי די פעלקער, און דער דין איז דאך אז אלעס ווערט בטל בשישים, איז פארוואס ווערן נישט בטל די טרערן פון עשו אינעם ים פון טרערן וואס אידישע קינדער וויינען? נאר ס'איז פארהאן א דין "מין במיני אפילו באלף לא בטל", און דאס איז דער פראבלעם: אונזערע טרערן מיט די טרערן פון דעם רשע עשו, זענען פונעם זעלבן סארט: ער האט געוויינט ווייל ער האט געוואלט האבן אלע תענוגי עולם הזה, און מיר וויינען צוליעב עניני עולם הזה, מיר ווילן האבן מער ווי מיר האבן... וויל וואלטן אונזערע טרערן געווען לשם שמים, און מיר וואלטן געבעהטן אלעס נאר כדי צו קענען דינען דעם באשעפער, און אפילו ווען מיר בעהטן אויף ענייני הגוף, וואלטן מיר אינזין געהאט צער השכינה, וואלטן די טרערן פון עשו בטל געווארן אין אונזערע טרערן, אלס ביטול בשישים...

*(הרה"ק רבי ר' שמעלקע מניקולשבורג זי"ע)*



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר... וואונדער פון די תורה...

**• דער פסוק הייבט אהן מיט'ן ראש היחס!**

**ואלה תולדת יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק... (תולדות כה:יט)**

דער סדר פון די פסוקים איז, ווען ער וויל אויס רעכענען דעם יחוס פון חשוב'ע מענטשן, הויבט ער אן מיט'ן עלטסטער פון דעם יחוס. אזוי אויך דא, ווען ער וויל פארציילן וועגן די תולדות פון יצחק, הויבט דער פסוק אהן מיט'ן ראש היחס, וואס דאס איז געווען אברהם, דערפאר שטייט "אברהם הוליד את יצחק". *(רמב"ן)*

**• זיי האבן מקנא געווען יצחק!**

**וכל הבארות... סתמום פלשתים וימלאום עפר... (תולדות כו:טו)**

פריער שטייט אין פסוק: "ויצו אבימלך את כל העם לאמר, הנוגע באיש הזה ובאשתו מות יומת", און דעריבער האבן די פלשתים מורא געהאט, שלעכט צו טוען פאר יצחק. אבער אזוי ווי זיי האבן שטארק מקנא געווען יצחק, אזוי ווי ס'שטייט, "ויקנאו אותו פלשתים", דעריבער "סתמו הבארות בשנאת קנאתם"—האבן זיי פארשטאפט די ברונעם'ס. *("ספורנו")*

**• דער באשעפער האט אים גערופן יעקב!**

**ויקרא שמו יעקב, ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם. (תולדות כה:כו)**

"ויקרא", דער באשעפער האט גערופן זיין נאמען יעקב. ווייל אויב מ'זאל זאגן אז, "**ויקרא שמו יעקב**" מיינט מען יצחק, וואלט געדארפט שטיין אין פסוק, "**והוא בן ששים שנה**", און אז ס'שטייט, "**ויצחק בן ששים שנה**", באדייט דאס, אז דער "**ויקרא**",—מיינט נישט יצחק, נאר דער באשעפער. *(אור החיים הק')*

**• דער נאמען פון רש"ס אייניקל**

**ויעקב איש תם יושב אהלים (תולדות כה:כז).**

רבינו יעקב דאס אייניקל פון רש"י האט מען גערופן "רבינו תם", אויפ'ן פסוק 'ויעקב איש תם יושב אהלים,'—ווייל ער איז געזיצן און געלערנט באהלי תורה. *(שלשלת הקבלה עמ' קיז)*

**• פארוואס רבקה האט ליעב געהאט יעקב?**

**ורבקה אוהבת את יעקב (תולדות כה:כח)**

ווייל יעקב האט געפאשעט די שעפעלעך, און עוסק געווען בישובו של עולם, און ס'איז דער דרך פון א פרוי איז, ליעב צו האבן דער וואס האדעוועט און פאשעט ציגאלעך, שאָף און רינדער. *(פי' הריב"ש)*

**• מענשטן האבן אים גערופן "רויטער"!**

**על כן קרא שמו אדום (תולדות כה:ל).**

מענטשן האבן אים גערופן אדום, "רויטער" אלס חוזק און שפאט, פאר זיין פארקויפן די בכבוד"יגע בכורה פאר א "רויטע" עסנווארג. *(רמב"ן)*

**• אלע ווערן געשלאגן!**

**ויאמר אבימלך מה זאת עשית לנו... והבאת עלינו אשם. (תולדות כו:י)**

אייגענטליך האט דאך נאר אבלימלך געזינדיגט, וואס ער האט גענומען רבקה, וואלט דאך געדארפט שטיין אין פסוק: "**והבאת עלי אשם**", א לשון יחיד, און נישט א לשון רבים "והבאת עלינו אשם"? נאר ס'קען זיין אז ווען דער גרויסער ווערט געשלאגן שאדט דאס אויך




פאר אלע ארום אים. *("ספורנו")*

**• דער באשעפער האט אים נישט פארלאזט"!**

**אל תירא כי אתך אנכי... (תולדות כו:כד)**

נאכדעם, וואס אבימלך האט ארויס געיאגט יצחק'ן פון גרר, און ער האט אים געזאגט: "**לך מעמנו כי עצמת ממנו מאד**"—גיי פון אונז ווייל דו האסט דיך געשטארקט און פארברייטערט, האט יצחק געשפיהרט "**כי ד' עזבו**"—אז דער באשעפער האט אים פארלאזט, דעריבער האט אים דער באשעפער געזאגט: "אל תירא כי אתך אנכי", ער זאל נישט פארכטן ווייל ער איז מיט אים. *("אור החיים" הק')*

**• געבוירן צוטיילטע צווילינג"!**

**ויתרוצצו הבנים בקרבה. (תולדות כו:כב)**

הגאון רבי יהושע'לע מקוטנא זצ"ל, ברענגט א הערליכער געדאנק אין זיין ספר "לוקטי תורה" (געדרוקט ענדע שו"ת ישועות מלכו) אויפ'ן פסוק "ויתרוצצו הבנים בקרבה." אז דאס וואס יעקב און עשו האבן זיך געשטויסן איידער זיי זענען געבוירן געווארן איז אליין געווען איינע פון די נפלאות הבורא ווייל דורכ'ן זיך באוועגן און לויפן זענען די צווילינג אפגעהיטן געווארן זיי זאלן נישט צוזעקלעבט ווערן ווערן איינער צום אנדערן ווי ס'פאסיהרט צומאהל ביי צווילינג וואס ווערן געבוירן באהאפטן איינער צום אנדערן.

**• די ווייבער פון עשו האבן נישט געלאזט רבקה דאווענען.**

**ותהיין מורת רוח ליצחק ולרבקה (תולדות כו:לה).**

ווען רבקה האט געדאווענט האבן די פרויען פון עשו, אוועקגעלייגט די צלמים קעגן איר, און איז געווען אין כעס ווייל זיי האבן איר איבערגעהאקט אינמיט'ן דאווענען. און יצחק האט געדאווענט אין פעלד ווי ער האט נאר געקענט, און ווען ער איז אהיים געקומען האט רבקה זיך באקלאגט און געבעהטן "נעם זיי אוועק פון שטוב ווייל איך האב נישט געקענט דאווענען. *(פי' התורה לרבינו יחיאל מפאריז מבעלי התוספות)*

**• רק בכורים לבשו את בגדי עשו**

**ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות (תולדות כז:טו).**

מיט אזעלכע קליידער זענען די בכורים געגאנגען אהנגעטוהן. ווייל אין יענער צייט האט מען מקריב געווען קרבנות דורכ'ן בכור. די קליידער האט אדם הראשון אנגעטוהן און דערנאך שם בן נח וואס איז געווען א כהן, און שם האט דאס געגעבן פאר אברהם, און אברהם צו יצחק און יצחק האט דאס געגעבן צו עשו דער בכור. אבער ווען יצחק האט געזעהן אז די ווייבער פון עשו דינען עבודה זרה, האט ער גענומען די קליידער און געגעבן פאר רבקה צו היטן. און וויבאלד רבקה האט געוואוסט אז עשו האט פארקויפט די בכורה צו יעקב האט זי געזאגט: "פאר יעקב איז פאסיג אנצוטוהן די קליידער ווייל ער איז דער בכור". *(ילקוט מעם לועז בשם ספר 'שתי ידות')*

**• קול יעקב ועשו שוין, לפי שהיו תאומים!**

**הקול קול יעקב (תולדות כז:כב).**

וויבאלד זיי זענען געווען צווילינג ברודער, איז זייער קול געווען עהנדליך איינער צום אנדערן. דעריבער האט יצחק נישט דערקענט זיין קול, ווייל ס'איז געשטאנען איינער מיט א האריגער האלדז. *(רשב"ם)*

***



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר


## מַיין אוֹצָר...וואונדערליך...

### • די קינדער זאלן נישט דארפן שטערן די עלטערן...

**אלה תולדות יצחק בן אברהם,אברהם הוליד את יצחק... (תולדות כה:יט)**

*מדרש: פארוואס זענען אונזער אמהות געווען עקרות, ווייל דער באשעפער גליסט צו די תפילות פון צדיקים.*

דער "תפארת שלמה" ערקלעהרט בדרך צחות: דער דרך העולם איז, אז קינדער שטערן די עלטערן פון דאווענען און לערנען, ווייל זיי דארפן זיך אפגעבן מיט די קינדער מיט זייער געזונט און זייער וואוילזיין. און וויבאלד דער באשעפער גליסט צו די תפילות פון די אבות און אמהות, האט ער נישט געוואלט מ'זאל זיי שטערן, דעריבער זענען זיי געווען עקרות...און ער לייגט צו, דערפאר בעהטן מיר ביי תפילת מוסף פון שבת, "זרעא חייא וקיימא, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא", אז אונזערע קינדער זאלן שטענדיג זיין געזונט און שטארק, און נישט דארפן שטערן די עלטערן מפתגמי אורייתא. *(שיח הפרשה)*

### • א גוי וואס טוהט נישט קיין שלעכט האב איך נשט פיינט...

**ויעקב איש תם יושב אהלים... (תולדות כה:כז)**

ווען דער שיניאווא רב זי"ע האט זיך געדארפט שטעלן פאר א פארהער ביי די רעגירונג צו באשטימען אויב ער איז שוין גענוג רייף חתונה צו האבן ביי די זעכטצן יאהר. האט אים זיין מאמע באגלייט צום פארהער. איינע פון די פראגעס איז געווען "וועמען האסטו מער ליעב א איד אדער א גוי"? האט אים זיין מאמע שטילערהייט אונטער געזאגט ער זאל ענטפערן, "אז ער האטביידע ליעב גלייך", כדי צופרידן צו שטעלן דעם פארהערער.

דער שיניאווא רב אבער, האט געענטפערט: "א גוי וואס האט מיר נישט געטוען קיין שלעכטס האב איך נישט קיין סיבה פיינט צו האבן", דער ענטפער איז געווען צופרידנשטעלנד און מ'האט אים באשטעטיגט דעם "אישור נשואין". אינדערוויסן, האט דער שיניאווא רב געזאגט פאר זיין מאמע **"איך האב נישט געקענט זאגן פאר'ן פארהערער א ווארט וואס ער וועט פארשטיין אז איך האב ליעב א גוי פונקט אזוי ווי א איד..."**

### • רבקה האט מען נישט געקענט אפנארן...

**ורבקה אוהבת את יעקב (תולדות כה:כח)**

פון דא, פלעגט זאגן דער ראפשיצער



רב, זעהט מען אז הגם "תמימות" איז איינע פון די שענסטע און וויכטיגסטע מדות, דאך בלויז תמימות אליין טויג אויך נישט. יצחק, דער 'עולה תמימה', האט נישט פארשטאנען צו קיין שווינדל, האט ער זיך דערפאר געלאזט אפנארן פון עשו'ן, און זיינע שמד־שטיק און פרומע שאלות: "אבא, האיך מעשרין את התבן". רבקה, אבער איז אים נישט געלונגען אפצונארן, רבקה, די טאכטער פון בתואל הארמי און די שוועסטער פון לבן הארמי, זי האט גלייך פארשטאנען אויף די דאזיגע זאכן...

### • עשו האט געגעסן האלב געקאכטע עדשים

**ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדם האדם הזה (תולדות כה:ל)**

ביי איינע פון די באזוכן פונעם "אמרי אמת" אין ארץ ישראל, האט אים אויך באגלייט זיין זוהן דער 'בית ישראל'. האט זיך געמאכט אז אינמיטן דעם באזוך איז פלוצלינג דער "בית ישראל" נעלם געווארן אויף עטליכע טעג נישט וואוסנדיג ווי ער געפונט זיך. נאך עטליכע טעג, ווען ער האט זיך אומגעקעהרט, האט אים דער "אמרי אמת" געפרעגט ווי ער איז געווען? האט דער 'בית ישראל' דערציילט אז ער איז געווען אין די באקאנטע ישיבת המקובלים "בית א-ל" אין די אלט שטאט ירושלים, ווי ער האט קונה געווען און אסאך געלערנט פון די חכמי המקובלים אין ירושלים עיה"ק. דער "אמרי אמת" האט געהערט די תשובה און גארנישט געענטפערט, אבער ס'האט זיך דערקענט זיין אומצופרידנהייט דערפון.

נאך עטליכע חדשים פון יענעם באזוך, אלע האבן זיך שוין אומגעקעהרט צוריק קיין פולין צום שטעטל גור. האט איין טאג דער "בית ישראל" געבעהטן זיין פאטער דער "אמרי אמת", אז ער וויל אים פרעגן א קושיא. ס'שטייט ווען יעקב האט געבעהטן פון יצחק ער זאל עסן פון די מטעמים וואס ער האט אים געברענגט האט ער אים געזאגט: "קום נא שבה", און עשו האט געזאגט "יקום אבי ויאכל", און נישט געזאגט "נא". זאגט דארט רש"י, אז יעקב האט גערעדט צום פאטער בלשון תחנונים, "קום נא",—איך בעהט דיך, און עשו האט גערעדט מיט א צארן "יקום אבי",—טאטע שטיי אויף. דארף מען פארשטיין פרעגט דער 'בית ישראל', מ'זעהט דאך אז ווען עשו האט געבעהטן פון יעקב ער זאל אים געבן צו עסן פון די נזיד עדשים, שטייט אז ער האט גערעדט מיט אים בלשון תחנונים, און געבעהטן "הלעיטני **נא** מן האדום האדום הזה". דער 'אמרי אמת' הערט די קושיא, און מיט התפעלות רעאגירט ער, "ס'איז טאקע א פאסיגע קושיא, ס'איז מיר קיינמאהל נישט איינגעפאלן דער דיוק". האט דער "בית ישראל" געזאגט פאר'ן "אמרי אמת", אז ווען ער איז געווען אין די ישיבת המקובלים "בית א-ל" אין ירושלים, האב איך געהערט א ריכטיגער תירוץ צו די קושיא. רש"י ערקלעהרט אז דער נזיד "מן האדום האדום הזה", איז געווען א געקעכט'ס פון רויטע לינזין, דארף מען פארשטיין, ווייל דער וואס איז א בקי אין די גוטסקייט פון לינזין, ווייסט אז אין אנהייב זענען זיי רויט, אבער וואס מער מ'קאכט זיי ווערן זיי ווייכער, דער רויטער פארב גייט אוועק און זיי ווערן געהל, אויב אזוי פארוואס האט עשו געזאגט אז יעקב זאל אים געבן "מן האדום האדום"? איז דער ענטפער, ווייל דאס ווארט "נא", נוצט מען אויך אויף א זאך וואס איז נישט אינגאנצן געקאכט, אזוי ווי ס'שטייט (שמות יב:ט) "אל תאכלו ממנו נא", און דאס האט עשו געזאגט פאר יעקב "הלעיטני נא", פיטער מיך מיט די לינזין כאטש זיי זענען נאך אין א מצב פון "נא", נישט אינגאנצן געקאכט, און זיי זענען נאך רויט. מיט די דאזיגע רייד האט דער "בית ישראל" געוואלט מפייס זיין דעם פאטער, פאר'ן נעלם ווערן אויף עטליכע טעג, ווייל אין פולין זענען נישט געווען לינזין צו עסן, אזוי אז ער וואלט נישט געקענט אפירקומען מיט אזא בליציג'ן און וואונדערליכער חידוש, וואס ער האט דאס נאר געקענט הערן פון די חכמי ישיבת המקובלים "בית א-ל", וואס זענען בקי אין די טבע פון עדשים. און טאקע הער'נדיג דעם טייערן חידוש, האט דאס געזיכט פונעם "אמרי אמת" אויפגעלאכן, און ס'האט זיך דערקענט אז ער האט מקבל געווען מיט צופרידנקייט די עטליכע טעג וואס דער בית ישראל איז נעלם געווארן. א באוייז דערצו איז געווען, אז דער "אמרי אמת" פלעגט יעדעס יאהר פ' תולדות איבער זאגן דעם חידוש, און זאגן אז ער האט דאס געהערט פון זיין זוהן רבי ישראל [שליט"א] זצוק"ל.

*(האדמו"ר מטאלנא שליט"א, ששמע מכ"ק אדמו"ר ה"בית ישראל" מגור זי"ע. מובא בספר "אוצר אפרים" להגה"ח רבי אפרים פישל שטיין שליט"א)*

## ♦ אל תְהִי בִרכַת הֶדיוט קלה בעיניך

**בעבור תברכך נפשי... (תולדות כז:ד)**

### • ברכה מתוך שמחה

**גדולי ישראל אין אלע דורות האבן מחשיב געווען א ברכה פון יעדן איד, און אפילו פון פשוטע מענטשן האבן זיי זיך געפרייד צו באקומען א ברכה.**

דער "רבינו בחיי" שרייבט: אז די כוונה פון יצחק מיט "ועשה לי מטעמים", האט ער נישט געמיינט אז דער גוף זאל הנאה האבן, און שפיהרן

<<<<<<<



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר...וואונדערליך...

<<<<<<<

א טעם אינעם עסן, נאר כדי זיין נפש, די נשמה זאל זיין בשמחה, ווייל ווען מ'שטארקט דעם כח הגוף ווערט אויך געשטארקט דער כח הנפש, און ס'איז שורה רוח הקודש, אזוי ווי חז"ל (שבת ל:) זאגן: **"אין השכינה שורה לא מתוך עצלות ולא מתוך עצבות אלא מתוך שמחה".**

### • מ'בענטשט די שכינה

ס'שטייט אין מדרש (תנחומא פ' ויחי ה). "רבי מאיר האט געזאגט אז דער וואס בענטשט אידן איז אזוי ווי ער בענטשט די שכינה. אזוי ווי ס'שטייט (תהלים לז:כב) "כי מברכיו ירשו ארץ ומקלליו יכרתו", ס'שטייט נישט, כי 'מברכיהן' נאר כי 'מבורכיו', ס'ווערט אים גערעכנט ווי ער בענטשט דעם באשעפער אליין.

### • ברכת הדיוט

די גמרא (מגילה טו.) זאגט: אמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא... לעולם אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", טוה נישט גרינגשעצן א ברכת הדיוט, ווייל צוויי גדולי הדור, האבן צוויי הדיוטות געבענטשט און זייערע ברכות זענען מקויים געווארן. דוד און דניאל. ארוונה האט געבענטשט דוד אזוי ווי ס'שטייט (שמואל ב' כד:כג) "ויאמר ארוונה אל המלך וגו', און דריוש האט געבענטשט דניאל אזוי ווי ס'שטייט "אלהך די אנת פלח ליה בתדירא הוא ישיזבינך".

### • א ברכה אויף עניני גשמיים

דער "אמרי חיים" פון וויזניץ זצ"ל, האט דערציילט: אמאהל האט א פשוטער איד געבעהטן דעם רבי'ן פון לובלין זי"ע ער זאל אים בענטשן ווייל חז"ל זאגן 'אל תהי הדיוט קלה בעיניך". די חסידים הערנדיג דאס האבן דעם איד געוואלט צורייסן ווי א פיש, אזא חוצפה צו רופן דעם רבי'ן א הדיוט. אבער דער רבי פון לובלין, האט זיי צוריק געהאלטן און ערקלעהרט וואס דער איד האט געמיינט. "ווען מ'בעהט א ברכה פון אן אדם גדול, באקומט מען א ברכה ברוחניות, מ'זאל שטייגן בתורה וביראה, מ'זאל גליסטן צו עבודת ה', אבער א הדיוט, א פראסטער מענטש, וואונטשט עניני גשמיות, פרנסה, געזונט, נחת פון די קינדער, זיי זאלן קענען לערנען און דאווענען מיט הרחבת הדעת. דער איד האט געוואלט איך זאל אים בענטשן אויך בברכת הדיוט, ער זאל האבן פרנסה בריווח און אלעס גוטס".

### • א ברכה פון א פשוטער איד

אמאהל איז א איד געקומען צו איינער פון די צדיקי הדור און געבעהטן אז דער צדיק זאל מתפלל זיין פאר זיין קינד וואס ליגט שטערבליך קראנק, און די דאקטורים האבן זיך שוין מייאש געווען. האט ער אים געגעבן אן עצה אז ער זאל שטיין, ערב שבת ווען דער עולם גייט זיך טובל'ן לכבוד שבת קודש, און בעהטן פון די וואס קומען זיי זאלן א ברכה אויף די מזונות און בראנפין, און וואונטשן דיין זוהן א רפואה שלימה, ווייל אפשר איז דא איינער צווישן זיי וואס איז ראוי אז זיין ברכה זאל העלפן. און אזוי איז טאקע געווען און דאס קינד איז געזונט געווארן.

### • ליבערישט בלייב איך א הדיוט...

א איד האט אמאהל געבעהטן א ברכה פונעם גאון רבי עקיבא אייגר זצ"ל און בטעות האט ער געזאגט "חז"ל זאגן דאך 'אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך'", אבער ער האט זיך געכאפט אויף זיין טעות, אז ער האט גערופן דעם גדול הדור א הדיוט. האט ער זיך באלד פאראכטן, אז חז"ל מיינען א ברכה וואס מ'וואונטשט פאר א הדיוט זאלסטו נישט גרינגשעצן...אבער דער גאון האט אים געענטפערט: **"ליבער'שט בלייב איך א הדיוט, און זאג נישט א פאלשער פשט".**

### • אויך בעלי עגלות זאלן וואונטשן

ס'ווערט דערציילט, ווען דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט נישט געקענט פאהרן צו די חתונה פון זיין זוהן דער הייליגער טשורטקובער זי"ע וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד, (פון וואנעט דער הייליגער רוזשינער איז אנטלאפן) האט ער באגלייט זיין זוהן ביז'ן פארט, און דארט האט ער זיך געזעגנט. ווען דער רוזשינער איז צוריק אהיים געפאהרן, און זייענדיג אין וואלד צווישן הוסיאטין און קאפישטניץ, האט ער געהייסן אפשטעלן דעם וואגן און ער האט זיך אוועק געזעצט אויף א קלאץ פון א בוים, געהייסן ברענגען משקה, און געזאגט אז יעדער זאל טרונקען 'לחיים', און אלע פון גרויס ביז קליין, אפילו די בעלי עגלות, זאלן אים וואונטשן **"ער זאל זעהן נחת פון זיינע קינדער און קינד'ס קינדער ביז סוף כל הדורות".**

דער 'אהבת ישראל' פון וויזשניץ זי"ע פלעגט נאכזאגן פונעם זיידן דער הייליגער רוזשינער זי"ע: **"ווען איך מאך**



**א שמחה וויל איך אז אפילו די בעלי עגלות זאלן מיר וואונטשן ברכות ביי די שמחה".**

### • מיר גייען אנגעטוהן דאס פארקעהרטע פון די גוים

**ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדל החמדת. (תולדות כז:טו)**

א משכיל האט אמאהל געפרעגט פון הרה"ק רבי ר' בונם פון פרשיסחא זי"ע: "פארוואס זאלן די אידן נישט מעגן גיין אנגעטוהן אזוי ווי די גוים? ווייל מיט וועלכע מלבושים האט זיך יעקב אבינו אנגעטוהן? איז דען שוין דעמאלט געווען ספעציעלע אידישע מלבושים?" האט דער רבי ר' בונם אים געענטפערט: "יעקב אבינו האט זיך צוגעקוקט ווי אזוי עשו גייט אנגעטוהן, האט ער זיך אנגעטוהן פונקט פארקעהרט"..."דאס זעלבע איז אויך היינט", האט דער רבי ר' בונם אויסגעפיהרט: "מיר אידן זעהן ווי די גוים טוהן זיך אהן, און מיר גייען אנגעטוהן דאס פארקערטע"...

### • א פאסיגע געלעגנהייט

**יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי. (תולדות כז:מא)**

אין די גרויסע שוהל אין בריסק האט אמאהל אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן צוויי ברידער, וואס זענען געווען אבלים, אין יאהר פון זייער פאטער, יעדער פון זיי האט געוואלט צוגיין צום עמוד, ביז איינער פון די ברידער איז צוגעגאנגען צום צווייטן און אים דערלאנגט א פראסק אין פנים...ווען דער 'בית הלוי' זי"ע האט דאס געזעהן, האט ער זיך אנגערופן: "עשו האט געזאגט 'יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי', פארוואס האט עשו געדארפט ווארטן ביז ווען יצחק וועט נפטר ווערן, צו קענען הרג'ענען יעקב? נאר עשו האט געטראכט: "איך וויל נישט אויסקוקן אין גאס ווי א קאלט-בלוטיגע מערדער, בעסער וועל איך ווארטן ביז ווען מיין טאטע וועט שטארבן, וועט דעמאלט זיכער אויסברעכן א קריגעריי צווישן אונז ביידע, ווער ס'זאל דאווענען פאר'ן עמוד, וועל איך דעמאלט האבן א פאסיגע געלעגנהייט צו באפאלן מיין ברודער און אים הרג'ענען!"...

### • יעקב איז געבליבן דער בכור

**אם יעקב ועשו (כח:ה)**

רש"י: איני יודע מה מלמדנו.

הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זצוק"ל (אור אייניקל פונעם קאזניצער מגיד, און איידעם ביי הרה"ק רבי מרדכי מלויעב-טשערנאביל) האט ערקלעהרט פשט אין רש"י, זאגנדיג אז באמת איז דאס ווארט 'מה' געווען א ר"ת, און ס'איז געשטאנען אין רש"י **מ"ה**, וואס באדייט **מ**'י **ה**'בכור, נאר די שטרעכלעך זענען געווארן אויסגעמעקט בטעות. און דער פשט דארף מען לערנען אזוי: פאר רש"י איז שווער געווען וואס דער פסוק וויל מוסיף זיין מיט די ווערטער 'אם יעקב ועשו', איני יודע, צי דען ווייס איך דאס נישט? ענטפערט רש"י: **מ**'י **ה**'בכור מלמדנו , דער פסוק לערנט אונז ווער ס'איז פאקטיש געבליבן דער בכור. דהיינו, דערמיט וואס דער פסוק איז מקדים און שרייבט 'יעקב' פאר 'עשו', זעהט מען אז נאך די גאנצע השתלשלות איז יעקב געבליבן דער בכור. *(בישישים חכמה ערכו, אות א)*

***

## ♦ "ער האט מסכים געווען צו די תפילות..."

**ויעתר יצחק לה'...ויעתר לו ה'... (תולדות כה:כא)**

***מדרש: (בר"ר סג:ה): "ויעתר" רבי יוחנן אמר: ששפך תפילות בעושר. יצחק האט געבעהטן מיט א רייכקייט גאר אסאך תפילות, ביז ער איז געהאלפן געווארן.***

ווען דער "לב שמח", הרה"ק רבי חנוך העניך פון אלעסק זי"ע, האט אלס יונגערמאן געגעסן קעסט ביים שווער כ"ק מרן מהר"ש זי"ע אין די שטאט בעלזא, האט דארט געוואוינט א איד וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט אסאך מפציר זיין און בעהטן פון מרן מהר"ש זי"ע אז ער זאל פאר אים מתפלל זיין, און פועל'ן א ישועה ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, ביז ענדליך איז דער איד געהאלפן געווארן. צווישן די בעלזער אידן האט זיך געדרייט א שמועה אז יענער איז גאר געהאלפן געווארן פון א ברכה וואס ער האט באקומען פון הרה"ק רבי העניך פון אלעסק. ווען הרה"ק רבי העניך איז געקומען צום שווער אין שטוב האט אים מרן מהר"ש זי"ע געפרעגט: איך האב געהערט אויף דיר זאגן אז דו האסט געפועל'ט א ישועה פאר דעם איד?

האט הרה"ק רבי העניך געענטפערט: מיטן רשות פונעם שווער וויל איך זאגן א **משל:** איינער האט געוואלט שפאלטן א גרויסער שטיק האלץ אויף צוויי. האט ער געברענגט א שטארקער מענטש א בעל כח און א מומחה, וואס נאך עטליכע מאהל האקן, האט ער געשפאלטן דעם האלץ מיט א גרויסע האק. און אזוי ווי דער שפאלט איז געווארן גרעסער, הא ער אריינגעשטעקט אינעם שפאלט א שטיקל האלץ כדי דער שפאלט זאל זיך האלטן אפען, און אזוי האט ער געהאלטן אין איין האקן ביז דער שפאלט איז געווארן גרעסער אין גרעסער, און נאך איידער דער האלץ האט זיך זיך אינגאנצן געשפאלטן, איז אנגעקומען א שוואכער מענטש און מיטן האק געגעבן א לייכטער זעץ און דער האלץ האט זיך געשפאלטן אויף צוויי. וועט דען איינעם איינפאלן צו זאגן אז דער שוואכער מענטש האט געשפאלטן דעם האלץ? אוודאי נישט, ווייל ס'איז זיכער אז דער שטארקער מענטש, ער האט געשפאלטן דעם האלץ. אזוי אויך דא האט הרה"ק רבי העניך אויסגעפיהרט: דער הייליגער שווער [מרן מהר"ש זי"ע], האט מרבה געווען בתפלה און געבעהטן פאר א ישועה פאר דעם איד, ביז דער איד איז געהאלפן געווארן, און וואס איך האב געטוען איז געווען, איך האב מסכים געווען מיט די הייליגע תפילות, אבער די ישועה איז געקומען פון די תפילות פונעם הייליגער שווער. *("לב שמח" החדש)*

࿐

## ♦ "אויך אויף אייער מאן האב איך אסאך געדאווענט"

**ויעתר יצחק לה'...(תולדות כה:כא)**

**רש"י: הרבה והפליר בתפילה**

בשעת די ערשטע וועלט קריג זענען געקומען אסאך עלטערן און מאמעס, זיך מזכיר צו זיין ביי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע וועגן זייערע קינדער וואס זענען פארנומען געווארן צום מיליטער דינסט, אז מרן זי"ע זאל פאר זיי בעהטן און דאווענען אז זיי זאלן באפרייט ווערן און פארבלייבן ביי זייער אידישקייט. צווישן זיי איז געווען א פרוי וואס איז נאך געקומען אנהויב די ימי נוראים און ביי יעדער געלעגנהייט וואס



מ'האט נאר געקענט האט זי מזכיר געווען ביי מרן זי"ע איר מאן וואס מ'האט פארנומען אין מיליטער, אבער די ישועה איז נאך אלס נישט געקומען, און זי האט דערווייל נישט געהערט עפעס א גוטע בשורה. הושענא רבה אינדערפרי ווען מרן זי"ע איז געגאנגען אין שוהל דאווענען, איז די פרוי געשטאנען ביים וועג און זי האט אנגעהויבן צו שרייען: "דער רבי גייט יעצט דאווענען צוזאמען מיט טויזענטער אידן און מיין מאן געפונט זיך ערגעץ אויפ'ן שלאכט פעלד און ווער ווייסט צו ער קען דאווענען, אדער ער האט עפעס כשר'ס צו עסן? די חסידים האבן איר געוואלט פארטרייבן אבער מרן זי"ע האט געהייסן מ'זאל איר צורופן און ער האט איר אזוי געזאגט: **"גלויבט מיר, ס'זענען שוין אדורך ביי מיר צענדליגע און הונדערטער קוויטלעך מיט בקשות פון אידן זיי זאלן באפרייט ווערן פון מיליטער און אהיים קומען בשלום. אויך אויף אייער מאן האט איך זייער אסאך געדאווענט און געבעטן, אז, אסאך אידן וואלטן געקענט געהאלפן ווערן פון די תפילות. אבער וואס זאל איך טוען אז דער באשעפער וויל הערן אייער מאנ'ס קרעכצץ פון ווי ער געפונט זיך"**. צום ענדע איז איר מאן באפרייט געווארן באלד נאך די ימים טובים און ער איז אהיים געקומען בשלום.

࿐

## ♦ "חומש דברים א סגולה געבענטשט צו ווערן מיט קינדער..."

**ויקרא שמה רחובות, ויאמר כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ. (תולדות כו:כב)**

אמאהל איז א איד וואס האט נאך נישט זוכה געווען צו האבן קינדער, געקומען צו כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, און געבעהטן א ברכה ער זאל זוכה זיין צו זרע של קיימא. האט אים מרן זי"ע געזאגט אזוי: "דער הייליגער רבי ר' הערש פון רימינוב זי"ע פלעגט זאגן אז לערנען חומש דברים איז א סגולה אויף קינדער. און דער טעם דערצו איז, ווייל די פרשיות אין חומש דברים זענען אנגעפיהלט מיט דברי מוסר און תוכחה פאר אידישע קינדער, און אזוי אויך ווערט דארט אסאך דערמאנט וועגן די מצוה פון תשובה און התקרבות צום באשעפער. און ווען א איד האט א צובראכן הארץ און ערוועקט זיך צו תשובה שלימה קען ער זעהן ישועות און נפלאות און געהאלפן ווערן מיט בני ברוכי". און מרן זי"ע האט פארגעזעצט: "און אין לייג צו צו זיינע הייליגע ווערטער, אז אין פ' תולדות איז דא א רמז דערצו. "אין די פסוקים פון די פרשה לערנען מיר אז יצחק און זיינע קנעכט האבן געגראבן פינף ברונעם'ס [די ערשטע צוויי שטייט געשריבן אין פסוק: "וישב יצחק ויחפור את בארות המים אשר חפרו בימי אברהם אביו", דאס זענען צוויי ברונעם'ס, ווייל ס'שטייט לשון רבים 'בארות'. און די ווייניגסטע פון רבים איז צוויי, דער דריטער באר שטייט געשריבן: "ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו שם באר מים חיים... ויקרא שם הבאר עשק כי התעשקו עמו". דער פערדער באר: "ויחפרו באר אחרת ויריבו גם עליה ויקרא שמה שטנה", וועגן דעם פיפטער באר שטייט געשריבן: "ויעתק משם ויחפור באר אחרת ולא רבו עליה, ויקרא שמה רחובות, ויאמר כי עתה הרחיב הי לנו ופרינו בארץ"]. "די פינף ברונעם'ס זענען א רמז אויף די פינף חומשים פון די תורה, ביים פינפטער באר, וואס איז מרומז אויף חומש דברים, שטייט געשריבן אין די תורה, "ופרינו בארץ".

<<<<<<<

<<<<<<<

דערפאר איז דאס א רמז אז חומש דברים איז מסוגל צו זיין פרוכטבאר, צו האבן קינדער, "דעריבער", האט מרן זי"ע אויסגעפיהרט צו דעם איד, **"מאך דיר א קביעות'דיגער צייט צו לערנען חומש דברים, און מיט'ן באשעפער'ס הילף וועסטו געהאלפן ווערן"**. ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא. פאר יעדער דבר שבקדושה איז דא א רמז און מקור אין די תורה הקדושה. און די תורה הקדושה איז די מקור פון ברכות. סגולות און ישועות.

## ♦ "ער וועט זעהן דאס וואס ער דארף צו זעהן."

### ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראת (תולדות כז:א)

דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי אלימלך רובין פון יאברוב זצוק"ל, (יו"ד כ' מרחשון תרס"ה) איז געווען אן אייניקל פון כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע. (זיין מוטער הרבנית איידל איז געווען א טאכטער). ער האט ל"ע פארלוירן זיין זעה קראפט ביי די צוויי יאהר, און ער האט נישט געקענט זעהן. די מוטער זיינע האט זייער געוויינט צו איר פאטער מרן מהר"ש זי"ע איבער'ן גורל פון איר קינד, און מרן זי"ע האט איר צוגעזאגט: **"ער וועט זעהן דאס וואס ער דארף צו זעהן."** הרה"ק רבי אלימלך איז געווען באשאנקען מיט'ן זעלטענעם כח און חוש פון פיהלן און טאפן זאכן. ער האט שטענדיג געוואוסט וואס ס'טוהט זיך ארום אים, אפילו ער האט נישט געקענט זעהן. ווען ער האט עפעס גענומען אין די האנט אדער אין זיין מויל האט ער געקענט פונקטליך אפשאצן די ווערד, קוואליטעיט און קאליר פון די זאך.

הרה"ק רבי אלימלך איז געווען א רבי מפורסם, און ער האט געהאט אסאך חסידים, פונדעסטוועגן פלעגט ער פאהרן קיין בעלזא אויף שבתים און איבערגעלאזט זיינע חסידים אינדערהיים. א זעלטענע ערשיינונג פלעגט מען זעהן, ווען ער איז געזיצן ביים טיש מיט אלע חסידים און געווארט אז מרן מהר"י זי"ע, זאל אריינקומען אין די "גרויסע שטוב" צום טיש. פלעגט הרה"ק רבי אלימלך מרגיש זיין ברוח קדשו אז מרן זי"ע גרייט זיך שוין, און אט קומט ער אריין צום טיש און אזוי איז טאקע געווען. און די זעלבע זעלטענע ערשיינונג פלעגט זיך איבער'חזר'ן ווען ער פלעגט פאהרן צו מרן מהרי"ד זי"ע.

ס'ווערט דערציילט אז נאכדעם וואס רבי פיניאלי טווערסקי, דער אוסטילא רב זי"ע איז א חתן געווארן מיט די טאכטער פון כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע האט מען געקויפט צירונג און אויך א שנירל פערל פאר די כלה. האט מרן מהרי"ד זי"ע געהייסן אז מ'זאל די פערל געבן פאר הרה"ק רבי אלימלך ער זאל אפשאצן זייער ווערד.



האט רבי אלימלך אריינגענומען די פערל אין זיין מויל און באלד געשאצט אז די פערל זענען נישט מער ווערט ווי צוויי הונדערט רייניש, אבער וויבאלד ס'האט א "קויל פלעק" (א לייכטער פלעק), זאל מען נישט באצאהלן פאר די פערל מער ווי אכציג רייניש. דער סוחר האט טאקע אין אנהויב געבעהטן צוויי הונדערט ריינוש, אבער צוליעבן "קויל פלעק" האט ער אראפ געלאזט די פרייז צו אכציג רייניש.

נאך א מעשה איז געווען אין בעלזא ווען מ'האט באשטעלט א קופאן מיט שטאף צו נייען קליידער אויף א חתונה פון איינע פון די קינדער פון מרן מהר"י זי"ע. האט מרן זי"ע גענומען צוויי שטיקלעך שטאף, איין שטיקל פונעם עק פונעם קופאן און די צווייטע שטיקל פון אינדערמיט און דאס געגעבן פאר הרה"ק רבי אלימלך ער זאל זאגן דערויף זיין מבינות. האט ער געזאגט: "די ערשטע איז העל און לייכט, און די צווייטע איז טינקעל און שווער." האט אים מרן מהר"י זי"ע געזאגט: "איך האט דיך אצינד אויסגעפרואווט.ביידע שטיקלעך זענען פונעם זעלבן קופאן שטאף". אבער הרה"ק רבי אלימלך האלט זיך ביי זיינס, און זאגט נאכאמאהל די זעלבע. ווען מ'האט געעפענט דעם גאנצען קופאן שטאף האט מען אינעווייניג געטראפן א צעטעלע פונעם סוחר, אזוי ווי ס'האט אים אויסגעפעהלט שטאף האט ער צוגעלייגט אן עהנליכע שטאף אבער דער אונטערשייד איז "די ערשטע איז העל און לייכט, און די צווייטע איז טינקעל און שווער".

## ♦ "צו גיין אין די אלטע וועגן פון אונזערע עלטערן"

### ויקרא להן שמות כשמות אשר קרא להן אביו (תולדות כו:יח)

אין יאהר תרמ"ב איז פארגעקומען אין די שטאט בעלזא די חתונה פון הכלה מרת פריידא ע"ה די טאכטער פון הרה"ק רבי יחיאל מקריליוויץ זצוק"ל און אייניקל פון כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע, מיט'ן חתן הרה"ק רבי יצחק ישעי' פון טשעחויב דער אינגסטער זוהן פונעם "דברי חיים" פון צאנז זי"ע. [דער צאנזער רב איז נפטר געווארן צווישן די אירוסין און די חתונה]. דעם צאנזער רב'ס אלע קינדער האבן זיך באטייליגט ביי די חתונה, וואס איז געפייערט געווארן אין א גאר געהויבענע פרייליכע שטימונג וואס האט געשפאלטן די הימלען. א בחינה פון עליונים ששו ותחתונים עלזו. אין לויף פון די ימי ה"שבע ברכות", זענען פארגעקומען יעדן טאג צוויי סעודות, אזוי ווי דער מנהג פון רבותינו הק' איז, איין "שבע ברכות" בייטאג און איין "שבע ברכות" ביינאכט. מ'האט דערלאנגט פאר'ן עולם א סעודה פון פיש, יאהך און פלייש, אזוי ווי ביי יעדער סעודת מצוה, און מ'האט געזינגען שירות ותשבחות לכבוד שמחת חתן וכלה. אויך ערב שבת איז געפראוועט געווארן א סעודת "שבע ברכות" און מ'האט דערלאנגט פאר'ן עולם צו עסן א "ראסיל" [א געדיכטע הינדל-יאהך וואס מען פלעגט עסן אין בעלזא יעדן ערב שבת].



די משפחה פונעם חתן וואס האט נישט געוויסט פון דעם מנהג, האבן זיך דערויף געוואונדערט, און דער שיניאווא רב האט זיך געוואנדן צו כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע, און געפרעגט פארוואס מען דערלאנגט נישט צום טיש פיש און יאהך אזוי ווי ביי א יעדער סעודת מצוה? האט מרן מהר"י זי"ע געענטפערט אז אויך דער טאטע ז"ל [מרן מהר"ש זי"ע] האט זיך אזוי געפיהרט צו עסן "ראסיל" ביי א שבע ברכות וואס מ'האט געפראוועט ערב שבת, און דעריבער פיהר איך מיך אויך אזוי, און איך וועל נישט אנדערש טוען ווי מיין טאטע ז"ל האט געטוען. און מרן מהר"י זי"ע האט ערקלעהרט: אין פ' תולדות (כו:יח) שטייט אז יצחק האט אויפגעגראבן די בארות וואס זיין טאטע אברהם האט געהאט געגראבן און ער האט זיי גערופן מיט די זעלבע נעמען ווי זיין פאטער האט זיי גערופן. זאגט דער "רבינו בחיי" אז די תורה לערנט אונז אז מיר טאהרן גארנישט ענדערן פון די מנהגים פון אונזערע עלטערן, ווייל יצחק האט אפילו נישט געוואלט ענדערן די נעמען פון די בארות וואס זיין פאטער האט גערופן, איז אוודאי אז מ'טאהר

<<<<<<<

<<<<<<<

נישט ענדערן פון די הייליגע מנהגים פון אונזערע עלטערן. און דאס איז אויך די סיבה פארוואס די נעמען פון אברהם און פון יעקב האט מען געטוישט פון אברם צו אברהם, און פון יעקב צו ישראל, אבער יצחק'ס נאמען האט מען נישט געטוישט ווייל דאס איז געווען א באלוינונג מדה כנגד מדה וויבאלד ער האט נישט געטוישט די נעמען פון די בארות וואס זיין פאטער אברהם האט גערופן. האט מען דעריבער אויך נישט געטוישט זיין נאמען "יצחק" וואס דער פאטער האט אים געגעבן.

### ♦ "אזא פנים האט מען אז מ"פאלגט נישט."

### ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראת (תולדות כז:א)

הרה"ג רבי סנדר גראס שליט"א מחשובי הדיינים בעיר מאנסי האט באגעגנט א איד פון ארץ ישראל וואס האט אים דערציילט אזוי: יונגערהייט איז ער רח"ל קראנק געווארן אויף די אויגן און דאקטורים האבן אים געזאגט אז ער דארף דרינגענד האבן אן אפעראציע און ס'קען געלונגען בלויז זעכציג פראצענט און די



אנדערע פערציג פראצענט אויב ס'וועט נישט מצליח זיין קען ער חלילה אינגאנצן בלינד ווערן. דער איד האט נישט געוואסט זיך אן עצה צו געבן איז ער אריין געגאנגען צו מרן מהר"א זי"ע און געבעהטן א ברכה. זאגט אים מרן זי"ע ער זאל נישט מאכן די אפעראציע, נאר באלד אינדערפרי ווען ער שטייט אויף זאל ער עפעס עסן נאך איידער ער דאווענט. און ער זאל נישט פאסטן קיין שום תעניתים נאר יום כיפור. ס'איז אדורך צוויי יאהר און דער איד איז געווען אינגאנצן געזונט. און ווען ס'איז געקומען תשעה באב, טראכט ער ביי זיך, וואס הייסט "תשעה באב" וועל איך נישט פאסטן? און ער האט געפאסט. און באלד נאך תשעה באב איז די קרענק אויף זיינע אויגן צוריק געקומען ל"ע. איז ער נאכאמאהל אריינגעגאנגען צו מרן מהר"א זי"ע און נאך שטייענדיג ביים טיהר פון צימער רופט זיך אהן צו אים מרן זי"ע, "אזא פנים האט מען ווען מ'פרעגט און מ'פאלגט נישט". האט זיך דער איד געבעהטן ביי מרן זי"ע און צוגעזאגט אז פון היינט און ווייטער וועל איך אלעס פאלגן. האט אים מרן זי"ע געזאגט: אויב אזוי נעם אויף דיר אז מהיום והלאה אז דו שטעלסט נישט אראפ דיינע פיס פון בעט אינדערפרי איידער דו עסט עפעס, און געדענק נישט צו פאסטן קיין שום תענית אויסער יום הקדוש. דער איד האט אלעס אויסגעפאלגט און ער איז צוריק געזונט געווארן, זוכה געווען צו אריכות ימים און גייט מיט די אייגענע כוחות אינגאנצען געזונט.

### ♦ "ער האט מיך ממש מחי' געווען"

### בעבור תברכך נפשי... (תולדות כז:ד)

***אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך גדולי ישראל אין אלע דורות האבן מחשיב געווען א ברכה פון יעדן איד, און אפילו פון פשוטע מענטשן האבן זיי זיך געפרייד צו באקומען א ברכה.***

איין יאהר ווען כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע איז צוריק געקומען פון זאגן תשליך ראש השנה, האט אים א פשוטער איד, א וואסער טרעגער, געוואונטשן ער זאל זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאהר מיט א כתיבה וחתימה טובה און זאל זעהן א סאך נחת דק' פון זיינע קינדער. האבן די חסידים וואס זענען געשטאנען ארום געלאכט, זעהענ'דיג א זאך וואס זיי זענען נישט געוואוינט, אז א פשוטער איד זאל וואונטשן דעם רבי'ן... ווען מרן זי"ע האט דאס באמערקט האט ער זיי געפרעגט פארוואס זיי לאכן פון דעם מענטש? "**גאנץ חודש אלול וואונטשן זיך אידן איינער דעם אנדערן מיט א גוט געבענטשט יאהר, און ס'פאלט קיינעם נישט איין, צו קומען און מיר אויך וואונטשן, אצינד ווען דער איד האט מיר געוואונטשן האט ער מיך ממש מחי' געווען**".

### ♦ "דער קבצן האט אים געבענטשט"

### בעבור תברכך נפשי... (תולדות כז:ד)

הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר אב"ד חוג 'חתם סופר' בני ברק, האט דערציילט: אמאהל איז ער געווען אנוועזנד ווען כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, האט באזוכט ביי הגאון רבי עקיבא סופר דער פרעשבורגער רב זצ"ל אין ירושלים. און איידער מרן זי"ע איז אוועק געגאנגען האט ער געבעהטן פונעם פרעשבורגער רב ער זאל אים בענטשן. הערנדיג דאס האט דער פרעשבורגער רב אויפגעציטערט און נישט געקענט. אבער מרן זי"ע האט אים שטארק געבעהטן, האט ער אנגעהויבן בענטשן מיט'ן מויל פארשידענע ברכות, האט אים מרן זי"ע געזאגט: נישט דאס האב איך געמיינט, און מרן זי"ע האט גענומען די הענט פונעם פרעשבורגער רב און זיי ארויפגעלייגט אויף זיין קאפ, און אים געזאגט ער זאל אים בענטשן מיט די ברכה פון "יברכך". דער פרעשבורגער האט אנגעהויבן צו וויינען און הויעך אויפ'ן קול האט ער געבענטשט מרן זי"ע, און זיי האבן זיך געזעגנט. א שטיק צייט שפעטער האט ער באגלייט דעם פרעשבורגער רב, צו די ישיבת 'חיי עולם' אין ירושלים. נעבן די ישיבה זענען געזיצן א גרופע קבצנים, ארעמעלייט, און געבעהטן צדקה. איז דער פרעשבורגער רב צוגעגאנגען צו איינע פון די קבצנים, און אים געגעבן א מטבע. דער קבצן האט זיך



שטארק באדאנקט, אבער צו זיין גרויס וואונדער, האט דער פרעשבורעגר רב געבעהטן דעם קבצן ער זאל אים בענטשן, האט דער קבצן אנגעהויבן מורמלן עטליכע ווערטער. זאגט אים דער פרעשבורגער רב, נישט דאס האב איך געמיינט, נאר לייג דיין האנט אויף מיין קאפ און בענטש מיך מיט די ברכה פון "יברכך". האט דער קבצן אזוי געטוען און אים געבענטשט. דערנאך האט מיר דער פרעבורגער רב געזאגט: "**אויב איך בין ראוי צו בענטשן דעם בעלזער רב, קען דער קבצן מיך אויך בענטשן**".

### ♦ "ווי גייט'ס אינען ראבינער"

### בעבור תברכך נפשי... (תולדות כז:ד)

הרה"ח ר' אליעזר ראזען ע"ה האט אמאהל געטראפן אין די שווייץ א איד פון דייטשלאנד, וואס האט אים דערציילט, אז מרן מהר"א מבעלזא זי"ע האט אים מכיר טובה געווען פאר א קלייניגקייט. געווען איז דאס ווען מרן זי"ע האט באזוכט אין באד-האמבורג אויף זומער אפרוה, איז דער איד אריין מיט א קוויטל צו מרן זי"ע, צוזאמען מיט אלע צובראכענע און פארזארגטע אידן, וואס זענען דעמאלט געקומען. מרן זי"ע, האט אים

<<<<<<<

<<<<<<<

אויסגעפערגט וואס ער טוהט און מיט וואס ער באשעפטיגט זיך א.א.וו., פאר'ן פארלאזן די שטוב האט ער זיך ערלויבט צו פרעגן פון מרן זי"ע "און ווי גייט'ס אינען, ראבינער?", מרן זי"ע האט זיך שטארק באדאנקט אז ער אינטערעסירט זיך אויף זיין געזונט צושטאנד, און ער האט אים געזאגט מיט א פרייליכ'ן שמייכל: "דאס איז דאס ערשטע מאהל זייט איך בין אהער געקומען אז איינער פרעגט און איטערעסירט זיך אויף מיין געזונט צושטאנד". [ער איז דאך נישט געווען א חסיד, דעריבער אז מרן זי"ע האט אים געפרעגט האט ער צוריק געפרעגט, בדרך נימוס]. און דער איד האט פארלאזט די שטוב פון מרן זי"ע מיט "**א גוט אווענד**".

## ◆ "די פרייזן וועלן נאך ארויפגיין און ארויפגיין"

### ויתן לך מטל השמים ומשמני הארץ... (תולדות כז:כח)

הרה"ח ר' אברהם אהרן בורשטין פון קראקא, איז געווען אן אגענט פון די "שיכט" אויל פירמא, דער גרעסטער פאבריקאנט פון פעטנ'ס און אויל אין פוילן. איין טאג איז די פרייז פון אויל שרעקליך געפאלן, און פיהלע סוחרים האבן באנקראטירט מיט זייער געלט. ר' אברהם אהרן איז געווען זייער פארזארגט, ווייל ער האט געהאט א מאגאזין אנגעפוהלט מיט פעסער פעטנ'ס, און ער וואלט געקענט דערליגן צעהן טויזנט דאלער, א גאר גרויס סומע געלט אין יענע טעג. איז ער געפאהרן צו מרן מהר"א זי"ע, צו פרעגן אן עצה וואס צו טוען. האט אים מרן זי"ע געראָהטן ער זאל דערווייל גארנישט פארקויפן, זאגנ'דיג: "**וואס שרעקסטו זיך אז די פרייזן זענען געפאלן, זיי וועלן נאך ארויפגיין און ארויפגיין.**" צופרידן איז ר' אברהם אהרן אהיים געפאהרן, און געטוען וואס מרן זי"ע האט אים געהייסן, און גארנישט פארקויפט. יענע טעג איז אנטשטאנען א מיינונג'ס פארשידנהייט צווישן די אויל פאבריקאנטן און די רעגירונג, וואס האבן געפאדערט פון די פאבריקן א ספעציעלער שטייער פאר די רויע מאטריאלן וואס די פאבריקאנטן האבן אימפארטירט פון אויסלאנד, און די אויל פאבריקן האבן נישט געוואלט איינשטימען דערצו. אין די ענדע האבן זיך די אויל פאבריקן אונטערגעגעבן צום פארלאנג פון די רעגירונג, וואס האט געברענגט אז די פרייזן פון אויל און פעטנ'ס האבן זיך מיט איינמאהל שטארק געהויבן. ר' אברהם אהרן האט אויספארקויפט די גאנצע סחורה וואס איז אים געשטאנען אין מאגאזין, פאר א הויכער פרייז, אין די צייט וואס ער האט דערויף באצאהלט די אלטע נידריגע פרייז, און ער האט דערפון פארדינט א גאר גרויסע סומע געלט. *(אדמו"ר בעלזא)*

## ◆ "נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט"

### ויתן לך מטל השמים ומשמני הארץ... (תולדות כז:כח)

ווען כ"ק **מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** האט זיך געגרייט צו בויען די הייליגע שוהל אין די שטאט בעלזא, האט ער געוואלט אפקויפן דעם באדן פון די שוהל, פונעם מושל צו וועמען דער באדן האט באלאנגט, אבער ס'איז אים נישט לייכט אנגעקומען ווייל דער מושל איז געווען א שונא ישראל און ער האט נישט געוואלט פארקויפן דעם באדן אויפצושטעלן דארט א שוהל. האט דער איידעם פונעם מושל וואס האט אים פיינט געהאט, און שטארק געשעצט מרן זי"ע, אפגעקויפט דעם באדן פונעם מושל, אהן ער זאל וויסן פארוועמען דער באדן גייט, און אלס באלוינונג האט אים מרן זי"ע געבענטש אז ער זאל שטייגן הויך אין זיין אמט, און ס'האט נישט לאנג געדויערט און דער איידעם איז געווארן דער מושל אנשטאט זיין שווער דער שונא ישראל. דערווייל האט מען זיך דערוואוסט אז איין טייל פונעם באדן באלאנגט פאר צוויי "שותפים", א איד מיט א גוי. האט מען פארהאנדלט מיט'ן גוי, און ער איז גלייך באשטאנען צו פארקויפן זיין חלק, אבער דער איד האט זיך פאר'עקשנ'ט און נישט געוואלט פארקויפן זיין חלק, און הערנ'דיג אז דער גוי וויל פארקויפן זיין חלק האט ער דאס גלייך אפגעקויפט פונעם גוי, און געווארן דער אייגענטומער, און וואס מער מ'האט אים געבעהטן ער זאל פארקויפן דעם באדן, אלס מער האט ער נישט געוואלט, ביז מ'האט אים דערציילט אז מ'דארף דעם באדן פאר מרן זי"ע, צו בויען דערויף די הייליגע שוהל, האט ער מסכים געווען אבער בתנאי, אז מרן זי"ע זאל אים צוזאגן עשירות און גוטע קינדער. אבער מרן זי"ע האט נישט געוואלט מסכים זיין צום תנאי. דער איד האט אבער נישט נאכגעגעבן, ער האט נישט מסכים געווען צו פארקויפן דעם באדן סיידן מרן זי"ע וועט אים צוזאגן וואס ער בעהט.

נאך עטליכע יאהר, איז דער איד געקומען אין די סוכה בשעת מרן זי"ע האט אפגעראכטן דעם טיש לכבוד די אושפיזא פון יוסף הצדיק און געטיילט פאר יעדן "שווארץ ברויט". דער איד איז אויך געשטאנען אין די שורה צו נעמען "שווארץ ברויט". אבער פריער האט אים מרן זי"ע געזאגט אזוי: ס'שטייט אין פסוק (מקץ מב:ו): "**ויוסף הוא המשביר**",—אויב מיינסטו אז דאס איז נאר געווען דעמאלט אין יענע יאהרן, זאלסטו וויסן, אז אויב די תורה דערציילט אונז אז יוסף הצדיק האט משפיע געווען פרנסה און שפע, האט זיך דאס נישט אויפגעהערט נאך יוסף'ס פטירה, נאר יעדעס יאהר, ווען די אושפיזין קומען אין די סוכה פון יעדער איד, קומען זיי נישט מיט ליידיגע הענט נאר זיי ברענגען מיט זיך מתנות. אברהם ברענגט מתנת חסד, יצחק ברענגט מתנת גבורה און אזוי יעדער אויף זיין שטייגער,




און יוסף הצדיק ברענגט אין טאג פון זיין אושפיזא פרנסה פאר כלל ישראל". מרן זי"ע האט אים געגעבן די "שווארצע ברויט" און אויסגעפיהרט, "נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט און פון דעם וועסטו האבן פרנסה". דער איד האט פארשטאנען אז ער האט יעצט באקומען א ברכה פאר עשירות אויפ'ן גאנצן לעבן. ער האט באלד מסכים געווען צו פארקויפן דעם באדן אהן צו באקומען אן הבטחה. אין די קומענ'דיגע חנוכה טעג, האט מען דערציילט אין בעלזא, אז דער איד האט אפגעקויפט אלע תבואה פעלדער אין די ווייטע שטעטע ארום בעלזא, און די גאנצע תבואה וואס איז געוואקסן אין די פעלדער פון לעמבערג, זלאטשוב, און ארום איז געווען זיינס. אזוי ווי דער איד האט געזעהן אז ער איז רייך געווארן פון די ברכה פון מרן זי"ע, האט ער זיך שפעטער געלאזט קאסטן מיט גאר גרויסע געלטער פאר'ן אויפבוי פון די הייליגע בעלזער שוהל. *(יחיד בדורו)*

## • ער איז שוין פאסיג צו ווערן רב...

### אברהם הוליד את יצחק... (תולדות כה:יט)

די עלטערן פון אסטראוועצער רבי'ן זצוק"ל זענען נישט געווען קיין גרויסע יחסנים. ווען דער זוהן פון אסטראוועצער רבי'ן איז נאך געווען יונג, האט אים די קהלה איבערגעגעבן א כתב רבנות, און צוגעלייגט א תנאי, אז דאס רבנות איז גילטיג בתנאי ער זאל אויסוואקסן אזא גרויסער גאון ווי זיין טאטע. ווען דער ראש הקהל האט איבערגעגעבן דעם כתב רבנות, האט זיין פאטער זיך אנגערופן: מיר זאגן אין די סליחות: "מי שענה לאברהם אבינו הוא יעננו",—ווי פארגלייכן מיר זיך צו אברהם אבינו, ער איז דאך געווען א צדיק גמור, אבער אונז? נאר דער טאטע פון אברהם איז געווען תרח, און דערפאר האט אברהם געדארפט זיין גאהר א גרויסער צדיק, אז זיין צדקות זאל פארדעקן די פעהלער'ן פון תרח, אבער מיר זענען דאך שוין קינדער פון אברהם, און אפילו מיר זענען נישט צוגעקומען צו די מדריגה פון אברהם, זענען מיר נאך אלץ ווערד אויסגעלייזט צו ווערן. אזוי אויך ביי מיר, וויבאלד איך בין א זוהן פון א בעקער, האב איך מיך געדארפט שטארק פלאגן צו ווערן א רב, אבער מיין זוהן איז דאך שוין דעם אסטראוועצער רבינ'ס זוהן, דעריבער איז ער פאסיג צו ווערן רב אפילו אויב לויט אייער מיינונג איז ער נאך נישט אזא גאון ווי זיין פאטער...

## • דער כח פון תפילה...

### ויעתר לו ה'... (תולדות כה:כא)

רש"י: "הרבה והפציר בתפלה": ער האט זיך שטארק איינגעבעטען.

איבער'ן געוואלדיגן כח התפילה זעהט מען פון אט די דראמאטישע געשיכטע וואס האט פאסיהרט טאקע אין אונזער דור מיט יאהרן צוריק. דער וואס האט נאר געהערט די געשיכטע, האט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג נישט צו פארלאזן א טרער.

א איינגערמאן א תלמיד חכם איז געקומען צו הרה"ג רבי חיים קניבסקי זצ"ל אין שטוב מיט א זיבן יעריג בא'חן'ט אינגעלע און אים דערציילט זיין געשיכטע. דאס קינד וואס לערנט אין א תלמוד תורה אין בני ברק איז ל"ע קראנק געווארן אויף די ביטערע מחלה, און מ'האט אים געדארפט אנהויבן באהאנדלן מיט ראדיאלאגישע שטראלן. די עלטערן האבן צוגעגרייט דאס קינד, ער זאל וויסן אז צוליעב די שטראלן וועלן אים זיינע האר ארויספאלן. דאס קינד איז נישט ספעציעל דערשראקן געווארן פון וואס די עלטערן זאגן אים, אבער פלוצלינג האט ער אנגעהויבן צו וויינען, און זיי געזאגט: **"אז די האר פון קאפ וועלן ארויספאלן אַרט מיך נישט, אבער וויאזוי וועל איך קענען הייסן א אידיש קינד אהן פיאות".**

דאס קינד האט ווייטער געוויינט, ווען טייכן טרערן גיסן זיך פון זיין בלאס'ן געזיכט. ער האט זיך אויסגעדרייט צו די וואנט און געשעפשעט א הארציגע תפילה צום




הייליגן באשעפער: **"דערבארימ'דיגער פאטער, איך בין זיכער אז אלעס וואס דו טוסט מיט מיר, איז פאר מיין גוט'ס וועגן, איך בין זיכער דערין. ס'איז נישטא א גרעסערער בעל רחמנות ווי די, הייליגער באשעפער, און אזוי האבן מיך מיינע עלטערן שטענדיג געלערנט. דעריבער בין איך מקבל מיט ליעבשאפט די קרענק וואס איך האב, און איך בין גרייט אויף די אלע שווערע באהאנדלונגען מיט'ן גאנצן הארץ, ווייל איך בין זיכער אז דו וועסט מיך נישט פארלאזן, ווייל שטענדיג ביזטו מיט מיר און דו וועסט אויף מיר היטן. איך בין גרייט אפילו צו פארגיין אויף די האר פון מיין קאפ, אפילו איך וועל זיך שעהמען דערמיט. אויף אלעס בין איך גרייט, ממש אויף אלעס. אבער די פיאות?!**

און דא האט דאס קינד נאכאמאהל אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין גיסנדיג כוואליעס פון טרערן: **"די פיאות...וויאזוי קען איך מוותר זיין אויף די פיאות... די גאנצע אויסזעהן פון א איד זענען דאך די פיאות, און איך וויל ווייטער בלייבן מיט די פיאות. איך בעהט זיך ביי דיר הייליגער טאטע אין הימל, לאז מיר איבער כאטש די האר פון די פיאות, אז די פיאות זאלן מיר נישט ארויספאלן ווען מען גיט מיר די שטראלן."** דאס קינד איז אזוי געזיצן און געוויינט, צוזאמען מיט די עלטערן וואס זענען געשטאנען אין די זייט. און דא, ווייזט דער פאטער פאר הרב חיים זצ"ל אויפ'ן קינד, דער אומגלויבליכער נס וואס איז געשעהן. איך האב אהער געברענגט דאס קינד כדי צו ווייזן, דעם גרויסער וואונדער וואס דער באשעפער האט געטועהן, און ווי א דערבארימדיגער פאטער האט ער צוגעהערט צו די תפילה פון א ריין אידיש הארץ אשר לא טעם, טעם חטא. אלע האָר זענען פונעם קינד ארויסגעפאלן פון די שארפע שטראלן, **און נאר די פיאות זענען אים געבליבן אזוי ווי פריער.** אפילו די דאקטורים האבן נישט געגלויבט וואס זיי זעהן. אין די היסטוריה פון רפואה געדענקען זיי נישט אזא געשעעהניש. רבי חיים אליין איז זייער ערשטוינט געווארן הערנדיג די געשיכטע און זעהענדיג דאס קינד. ער האט אריינגערופן זיין רעבעצין ע"ה זי זאל אויך זעהן דעם גרויסן וואונדער פון באשעפער. **ווען מיר וואלטן געוואוסט וואס דער כח פון אן אמת'דיגע תפילה איז, וואלט אונזער לעבן גאנץ אנדערשט אויסגעזעהן. יא! דער כח התפילה איז זייער גרויס אין הימל, פאר יעדן איינעם! קליין און גרויס!**

## • זיך געטיילט מיט ביידע וועלטן

### ויתרוצצו הבנים בקרבה... (תולדות כה:כב)

אמאהל פרייטאג צונאכט איז הרה"ק רבי וועלוועלע פון זבאריזש זי"ע אהיימגעגאנגען פון ביהמ"ד, אויפן וועג איז געלעגן א גוי א שיכור, און ווען דער צדיק איז אריבערגעגאנגען מיט נאך עטליכע אידן האט דער גוי געשריגן "אידן! איר זאלט וויסן אז איר וועט גיין אין גהינום, און מיר וועלן גיין אין גן עדן". רבי וועלוועלע האט זייער וויי געטועהן די חוצפה פונעם שיכור, אז ער קען דאס אפילו זאגן, ער האט געהאט אזא עגמת נפש אז ער האט נישט געקענט מאכן קידוש. שפעטער איז ער געווארן מלא שמחה און דערציילט: מ'האט אים מגלה געווען פון הימל אז יצחק אבינו האט איינגעטיילט די צוויי וועלטן צווישן יעקב און עשו. האט מען געפרעגט פון הימל וויאזוי קען עשו האבן עולם הזה ווען ער ווייסט אז אויף יענער וועלט וועט אים זיין ביטער און שלעכט, ס'וועט אים דאך אוועק נעמען די גאנצע הנאה פון עולם הזה? די זעלבע ביי יעקב אבינו, וואס כאטש ער וועט האב יסורים אויף די וועלט, אבער וואס פארא ווערד האבן די יסורים ווען ער ווייסט אז ס'ווארט אים אפ א לעכטיגער גן עדן? האט מען אין הימל גע'פסק'ענט אז יעקב וועט אויף די וועלט

<<<<<<<

<<<<<<<

שטענדיג זיין צובראכן אז ער וועט נישט האבן אויך יענע וועלט, און עשו וועט שטענדיג זיין פריילין ווייל ער וועט זיך איינרעדן אז ער האט יענע וועלט אויך, אזוי וועט שטימען די איינטיילונג צווישן ביידע. האט ער יעצט פארשטאנען די טיעפקייט פונעם שיכור'ס ווערטער וואס ער האט געשריגן, און מיט שמחה איז ער געגאנגען קידוש מאכן.

## • א לאנגע שיינע בארד

### ויהי עשיו איש יודע ציד (תולדות כה:כז)

רש"י: לו פחפן זיין פחטער מיט'ן מויל. פרטגדיג ווי חזוי מטסר'ט מטן סטרוי חון זחלן חז דער פחטטר זחל מיינטן חז טר חיז ח מדקדק במלוות.

אין די בראשית יאהרן פון בני ברק האט מען געזוכט א שוחט. האט מען אנגעטראגן א שוחט מיט א שיינע לאנגע בארד, וואס האט געמאכט אן איינדרוק אלס א ירא שמים און בקי אין די הלכות. אבער איידער מ'האט געוואלט יענעם אויפנעמען אלס שוחט, האט מען אים געהייסן אריינגיין צום "חזון איש", און נעמען זיין הסכמה. דער "חזון איש" האט געשמועסט מיט יענעם שוחט, און דערנאך געזאגט מ'זאהל אים נישט אויפנעמען אלס שוחט. האבן די עסקנים געפרעגט פארוואס? האט דער "חזון איש" מיט א פשטות געענטפערט "צוליעב זיין לאנגע בארד", אבער זיי האבן נישט פארשטאנען די כוונה. א צייט שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז דער 'שוחט' איז נישט מער ווי א גנב און א שווינדלער, ער האט פארקויפט א דירה פאר דריי אנדערע מענטשן, און פארקויפט באדן'ס פון לאנד, וואס איז נישט געווען זיינ'ס און באגאנגען נאך אנדערע שווינדלערייען און פארברעכנ'ס, און אין די ענדע געמוזט אנטלויפן קיין אמעריקא. האבן די עסקנים געפרעגט דעם "חזון איש", וויאזוי ער האט דאס אלעס באמערקט אין די קורצע צייט פונעם באגעגעניש מיט יענעם? האט ער זיי געענטפערט, וואלט יענער געווען א שוסטער מיט א לאנגע בארד, וואלט דאס געווען א סימן פון יראת שמים וואלט איך אים זיכער געהייסן נוצן. אבער דא קומט ער זיין א שוחט און די גאנצע צייט פון אונזער שמועס האט ער זיך געשפיעלט מיט זיין בארד, האב איך פארשטאנען אז אויסער די שיינע און לאנגע בארד האט ער אין זיך גארנישט. *(מעשי איש)*

## • ווען 'עשו' דאווענט מעריב...

### ויהי עשו איש יודע ציד...(תולדות כה:כז)

דער באקאנטער מגיד הירושלמי הגה"צ רבי שלום שוואדרון זצ"ל, האט אמאהל ביי א דרשה געזאגט: הערט וועל איך אייך דערציילן וואס דאס הייסט עשו. אמאהל שפעט ביינאכט נאענט צו חצות, די גאסןליידיג פון מענשטן, שטייט א איד אינדרויסן פון די שטיבלעך אין 'מאה שערים', און זוכט א מנין צו קענען דאווענען מעריב בציבור. ס'איז נישט געווען אזוי גרינג צו טרעפן א מנין אין אזא שפעטע שעה. "ר' איד! ר' איד! איר האט שוין געדאוונט מעריב? איר זענט דער זעקסטער, ס'פעהלן נאך פיהר אידן, ווארט צי אביסל ס'וועט זיין מנין", אזוי שטייט דער איד אין די גאס און ברענגט איין איד און נאך א איד , ענדליך נאך א האלבע שעה האט זיך געמאכט א גאנץ מנין.

"איך בין אויך געווען דארט", דערציילט רבי שלו', איך האב געזעהן ווי דער איד שטרענגט זיך שטארק אהן צוזאם צושטעלן דעם מנין", און רבי שלום הייבט אהן מיט זיין באקאנטע געקרייזעלטע מוסר שטימע: "איי, איי, און ווען ס'איז שוין געווען צעהן, זענען מיר אלע אריין אין בית המדרש, און אונזער ר' צדיק וואס האט צוזאם געשלעפט דעם מנין גייט צו צום עמוד. אין יענע סעקונדע שפרינגט ארויס פונעם דערנעבענדיגע געסל אן עלטערע פערשוין, אנגעטוהן מיט א העלער אנצוג און א שטרויענעם הוט, לויפט אריין אין בית המדרש, פארסאפעט, כאפנ'דיג קוים דעם אטעם, לויפט צו צום עמוד און בעהט זיך פונעם חזן בתחנונים, "ר' צדיק איך האב היינט יאהרצייט נאך מיין טאטע איך וואלט געוואלט דאווענען פאר'ן עמוד". א שטילקייט הערשט אין בית המדרש, דער מנין ווארט. ר' צדיק הייבט אויף זיין קאפ און מיט וואונדער מעסט ער אפ דעם פערשוין. "איך ארבעט שוין א האלבע שעה צוזאם צו שטעלן דעם מנין, און דו קומסט אהן אין די לעצטע רגע און דו ווילסט צוכאפן דעם עמוד פון מיר? גיי זיך דיר אן אנדער פלאץ..." דער פערשוין שטייט ערשטוינט און מיט א בעהטנדיגע שטימע זאגט ער: "איך בין דאך אבער א חיוב, איך בין געקומען פון דערווייטענס ווייל איך האב געטראכט אז אפשר וועל איך דא טרעפן א מנין צו קענען דאווענען, לעילוי נשמת מיין פאטער איך בעהט אייך טוהט מיר א טובה..." אנגעצויגן ווארט דער מנין מיט נייגער, וואס ס'וועט זיך דא אויסקאכן. ר' צדיק הייבט זיין קול: "אהה, דו האסט יאהרצייט און דו ווארטסט ביז אזוי שפעט ביינאכט, דוקא וועגן דעם קומט דיר נישט דער עמוד..." און ר' צדיק שטופט אוועק דעם פערשוין מיט ביידע הענט, און ספאנטאניש הייבט ער אהן "והוא רחום יכפר עוון..." מיט א פארווייטיגטע און פיינפולע שטימע פיהרט רבי שלום אויס זיין דרשה: "איך האב מיך אויפגעשטעלט פון פלאץ און הויעך אויסגערופן, "עשו דאוונט מעריב, עשו דאוונט מעריב", און ארויס פון בית המדרש.

## • עשו'ס לאנגע קליידער האבן געפאסט אויף יעקב...

### ותלבש את יעקב בנה הקטן (תולדות כז:טו)

אמאהל איז הרה"ק רבי צבי הירש מסאקאלוב זצוק"ל בעמח"ס "אמרת הצרופה" געקומען אויף שבת פ' תולדות צו הרה"ק רבי מענדל'ע מרימינוב זי"ע, און ער האט אים מכבד געווען צו זאגן תורה, האט ער זיך געשטעלט אויף דעם וואס ס'שטייט אין פסוק אז רבקה האט גענומען די קליידער פון עשו בנה הגדול, און אנגעטוהן פאר יעקב בנה הקטן, וואס פעהלט אויס דא צו דערמאנען אז עשו איז געווען דער גרויסער זוהן און יעקב דער קליינער זוהן? נאר מ'דארף פארשטיין, עשו איז דאך געגאנגען אנגעטוהן מיט גוי'אישע קליידער, און יעקב אוודאי ווי חסידים ואנשי מעשה, ווי אזוי האט יעקב מסכים געווען אנצוטוהן די קליידער פון עשו? ס'איז דאך ענדערש מ'זאל נישט האבן די אלע ברכות, ווי איידער מ'זאל גיין איין מינוט מיט גוי'אישע קליידער? דעריבער זאגט די תורה אז עשו איז געווען א גרויסער, און יעקב א קליינער, אזוי אז די קורצע קליידער פון עשו זענען געווען לאנגע קליידער פאר יעקב.

## • יעקב האט זיך געפיהרט כהלכה...

### קום נא שבה ואכלה מצידי בעבור תברכנו נפשי (תולדות כז:יט)

## מַיין אוֹצָר... פון צדיקים און חסידים אויף די פרשה...

<<<<<<<

יעקב אבינו בעהט דעם טאטע יצחק "שבה ואכלה מצידי", ער זאל זיצן און עסן, אבער ווען עשו האט געברענגט זיין עסן זאגט ער פאר יצחק, "יקום אבי ויאכל", ער זאל שטיין און עסן. יעקב האט זיך געפיהרט כהלכה אזוי ווי ס'פאסט צו טוען ווען מ'עסט. אזוי ווי חז"ל (גיטין ע.) זאגן: דריי זאכן שוואכן אפ דעם קערפער פונעם מענטש, עסן און טרונקען שטייע'דיגערהייט וכו'. אזוי אויך דארף מען מאכן די ברכות ווען מ'זיצט. (עיין כף החיים קפג:נא). אבער עשו איז דאך געווען אן עם הארץ, האט ער דעריבער געזאגט "יקום אבי ויאכל", ער זאל עסן שטייע'דיגערהייט.

ווערט דערציילט אויפ'ן גאון דער "כתב סופר" זצ"ל: אז ביי זיין חופה ווען מ'האט אים דערלאנגט דעם בעכער מיט וויין טועם צו זיין דערפון. איז ער נישט נתפעל געווארן פון די צענדליגע רבנים גאונים און אנשים מכובדים, וואס זענען געשטאנען ארום אים ביי די חופה, און ער האט געבעהטן א בענקעל, און זיך אנידער געזעצט און גענומען איין שלינג פונעם כוס וויין. די גדולי התורה האבן באוואונדערט זיין דרייסטקייט און ישוב הדעת, און מ'האט שוין דעמאלט געזאגט אויף אים אז ער וועט זיין פון די מנהיגי הדור. *("לב ישראל" - בפרשתנו)*

## • דאס עסן א טעם גן עדן...

### כריח שדה אשר ברכו ה'...(תולדות כז:כז)

אינעם קליינעם דערפל 'זעלען' נישט ווייט פון לעלוב, האט געוואוינט א איד א צדיק מיט'ן נאמען רבי דוד, וואס איז געווען גאר שטארק באפריינדעט מיט הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, און אינאיינעם פלעגן זיי אפט פאהרן קיין לובלין צום הייליג'ן 'חוזה' זי"ע. האט פאסירט אמאהל ווען זיי האבן געוואלט פאהרן קיין לובלין, איז רבי דוד'ל לעלובער געקומען קיין זעלען אפנעמען זיין פריינט רבי דוד און מיט אים ווייטער פאהרן קיין לובלין. רבי דוד זעלענער האט מודיע געווען פאר זיין פרוי אז היינט וועלן זיי האבן א חשוב'ער גאסט אין זייער הויז, זיין פריינט רבי דוד'ל לעלובער, און אז זי זאל אנגרייטן א סעודה לכבוד דעם גאסט. אינעם הויז פון רבי דוד זעלענער האט געהערשט א גרויס ארימקייט, דער צדיק מיט זיין פרוי האבן געלעבט אין גרויס דחקות און נויט, און האבן זיך שטענדיג באגענוגט מיט כמעט גארנישט צו עסן. הערנדיג אז זיי וועלן האבן אזא געהויבענעם גאסט, איז די רעבעצין ארויסגעלאפן אין וואלד צו קלויבן עטליכע העלצער אז זי זאל האבן מיט וואס צו הייצן דעם אויוון. און דערנאך האט זי גענומען דאס לעצטע ביסל מעהל וואס זיי האבן פארמאגט אין שטוב, און דאס אויסגעמישט מיט וואסער און געשטעלט קאכן אויפ'ן פייער, און פונעם מאכל האט זי דערלאנגט פאר רבי דוד'ל לעלובער און פאר איר מאן. נאכ'ן עסן און בענטשן האבן זיך די צוויי צדיקים ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין לובלין. אהיימקומענדיג פון לובלין, האט רבי דוד'ל לעלובער דערציילט פאר זיין רעבעצין אז אינעם הויז פון זיין פריינט רבי דוד אין זעלען האט ער געגעסן א זעלטן גוטער מאכל אין וועלכע ער האט ממש געשפיהרט א טעם גן עדן. די רעבעצין פון רבי דוד'ל לעלובער וואס האט גוט געקענט איר מאן און געוואוסט ווי ווייט ער איז ווייט פון הנאת עולם הזה און שפיהרט כמעט נישט קיין טעם אין קיין עסן, האט זיך שטארק געוואונדערט וואס איז געווען דער אויסערגעוועהנליכע מאכל וואס איר מאן האט אזוי ליעב געהאט. איז זי אריבערגעגאנגען קיין זעלען, צו פרעגן דארט פון רבי דוד'ס פרוי וואס איז געווען די גוטע שפייז וואס זי האט אנגעגרייט. האט רבי דוד זעלענער'ס פרוי זי געענטפערט מיט א פשטות, כ'וועל דיר זאגן דעם אמת, היות איך האב גארנישט געהאט אינדערהיים, אפילו נישט אביסל געווירצן אדער פעטס מיט וואס אריינצוגעבן א טעם אינעם עסן, האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן מיט א געבעהט צו הייליג'ן באשעפער און געזאגט "רבונו של עולם די ווייסט אז איך וואלט געוואלט צושטעלן פון דאס שענסטע און דאס בעסטע פאר אזא צדיק צו עסן, נאר וואס זאל איך טוען אז איך האב גארנישט אין מיין הויז, אבער דו רבוש"ע דו האסט דאך א גן עדן, בעט איך דיר שיק אריין א טעם גן עדן אין דאס עסן אז דער צדיק זאל הנאה האבן"... דעמאלט איז נתגלה געווארן דער סוד פון דעם גוטן טעם וואס רבי דוד'ל לעלובער האט געשפיהרט אינעם ארימע עסן. *(קודש הילולים)*

## • לערנען תורה מוצש"ק ברענגט הצלחה פאר די גאנצע וואך...

### ויהי אך יצא יצא יעקב...ועשו אחיו בא מצידו (תולדות כז:ל)

מ'דערציילט אויף הרה"ק רבי לייבוש טארנער (דער פערטער זוהן פון הרה"ק משיניאווא זי"ע) וואס איז געווען מפורסם אלץ א גדול בתורה און א גרויסער מתמיד, אז יעדן מוצאי שבת פלעגט ער לערנען דעם גאנצן מדרש פון די פרשת השבוע, און ער פלעגט זאגן: לערנען א בלאט גמרא און תוספות אין מוצאי שבת, איז א סגולה פאר הצלחה פאר די גאנצע וואך.

מ'זאגט נאך פונעם הייליג'ן קאצקער זי"ע, אז מוצאי שבת קודש דארף דער מענטש האבן באזונדערע שמירה, ווייל די קדושה פון שבת גייט אוועק פון אידישע קינדער, און די חיצונים ווילן זיך דעמאלט באהעפטן מיט זיי. און דאס איז מרומז אין פסוק (כז:ל) "**ויהי אך יצא יצא יעקב...ועשו אחיו בא מצידו**,—ווען יעקב איז ארויס איז עשו געקומען, ווייל יעקב איז די בחינה פון קדושה, און עשו איז דאס פארקערטע. האט דערויף געזאגט הרה"ק רבי יחיאל מאיר פון גוסטינין זי"ע אז דעריבער האט מען מתקן געווען צו זאגן "ויתן לך" מוצאי שבת, ווייל מ'דארף דעמאלט האבן ברכת שמים כדי די חיצונים זאלן זיך נישט קענען באהעפטן צו די קדושה.

אין ספר "בנין עולם" שטייט בשם ספר "חוסן ישועה" (על קיצוש"ע סו"ס צו) וואס שרייבט אזוי: דורך לערנען תורה מוצאי שבת קען מען זיך איינקויפן שלמות פונעם קדושת השבת אויף די גאנצע וואך דורך די תורה ועבודה. עכ"ל. און דער פשט איז לויט וואס די קדמונים שרייבן: אז מוצאי שבת איז ווי א צינור וואס פיהרט אריבער די השפעות פון שבת קודש אויף די וואכענדיגע טעג, דעריבער איז די התנהגות פון מוצש"ק משפיעה אויף די גאנצע וואך.

נאך ברענגט ער בשם ספר "זה השלחן" (ח"ב) וואס שרייבט: לערנען מוצאי שבת, אין צוגאב וואס ס'איז מסוגל פאר הצלחה אויף די גאנצע וואך, האט דאס נאך א גרויסער זכות, ווייל אסאך מענטשן זענען דעמאלט עוסק אין וואכענ'דיגע זאכן, אין דברי רשות,

<<<<<<<



## מַיין אוֹצָר... פון צדיקים און חסידים אויף די פרשה...

<<<<<<<

און ס'איז באקאנט אז אין א צייט וואס מ'לערנט ווייניג איז א מצוה מ'זאל זיך דעמאלט שטארקן און לערנען תורה.

אזוי ווי מ'דערציילט אז דער פאטער פונעם "אבני נזר" איז געזיצן און געלערנט פורים נאכמיטאג, ווייל ס'איז דעמאלט א צייט וואס וויניג מענשטן לערנען תורה, און ער האט דערבער זוכה געווען צו א זוהן א גדול בתורה".

דער "שפע חיים" פון צאנז זצ"ל האט דערציילט: איז מיינע אינגע יאהרן, ווען איך בין געווען שבת ביי כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע מבעלזא און איך בין געשטאנען מיט זיינע אייניקלעך אונטער די הייליגע שטוהל, האט ער זיך נאך הבדלה אויסגעדרייט צו אונז און געזאגט: "בחורים גייט'ס לערנען, איך האב א קבלה פונעם טאט'ן [מרן מהרי"י זי"ע] אז באלד נאך הבדלה דארף מען לערנען. עכ"ד.

## • זיי זענען קלוגער געווארן

### וישטום עשו את יעקב... (תולדות כז:מא)

צו הרה"ק רבי איציק'ל וואורקער זי"ע איז אמאהל געקומען א רב און אויסגערעדט זיין ביטער הארץ איבער די צרות וואס ער ליידט פון די שטאטישע איינוואוינער, וואס זענען מערסטנ'ס געווען עמי-הארצים. האט הרה"ק רבי איציק געהייסן מ'זאל זיי רופן, און געזאגט אזוי: "ס'איז באקאנט די געוואלדיגע פיינטשאפט וואס דער עם-הארץ האט אויפ'ן תלמיד-חכם, אז די גמרא (פסחים מט:) דרוקט זיך אויס אז דער עם-הארץ וויל ממש צורייסן דעם תלמיד חכם. "דאס איז די אורזאך פארוואס ס'איז אלעמאהל געווען איינגעפיהרט אז די רייכע לייט, עמי הארצים, גייען אין די ישיבות און קלויבן זיך אויס דעם בעסטער בחור, און געבן א גרויסער נדן און אויך קעסט, ווייל דער עם הארץ האט געוואלט האבן אונטער זיינע הענט א תלמיד חכם וואס ער זאל אים קענען גוט רודפ'ן". אבער 'היינט', פיהרט הרה"ק רבי איציק'ל אויס, "זענען די עמי הארצים קלוגער געווארן, און געטראפן אן עצה, פארוואס דארף יעדער עם הארץ אפקויפן א תלמיד חכם פאר עטליכע טויזענט רובל נדן, זיי ווען זיך צוזאמנעמען און צאהלן א מינימאלע געהאלט פאר איין רב, אזוי האבן זיי א תלמיד-חכם וואס זיי קענען אים גוט אויס'רודפ'ן די יאהרן..."

## • יענעמ'ס ריווח שטערט אים

### וישטם עשו את יעקב על הברכה... (תולדות כז:מא)

מ'האט אמאהל געפרעגט פון הגאון רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע: "פארוואס ווען ס'מאכט זיך א שאלה אויף אן הינדל, און דער רב פסקנ'ט אז ס'איז טריפה, דינגט מען זיך נישט, נאר איז באלד מקיים דעם פסק הלכה, אהן קיין קשיות, אבער ווען דער זעלבער רב פסק'נט פאר איינעם אז ער איז שולדיג געלט פאר א צווייטן, דעמאלט גייט ער ארויס פוהל מיט טענות אויפ'ן פסק הלכה פונעם רב?"

האט רבי יהונתן גע'ענטפערט: "מ'זעהט ביי עשו, כאטש וואס ער האט באקומען די ברכה 'ועל חרבך תחיה', פונדעסטוועגן האט ער פיינט געהאט יעקב, ווייל ער האט נישט פארגינען יעקב אז ער איז ארויס מיט מער ברכות ווי ער. ווי ס'שטייט אין פסוק **"וישטום עשו את יעקב"**—עשו האט פיינט געהאט יעקב נישט צוליעב זיין אייגענעם שאדן, ווייל ער האט באקומען א צו-קליינע ברכה, נאר **"על הברכה אשר ברכו אביו"**—אויף יעקב'ס ריווח, הלמאי ער האט אויך באקומען די ברכות, אבער נישט אויף דעם וואס ער האט דאס נישט באקומען. די זעלבע זאך איז דא, ס'שטערט נישט יענעם אזוי שטארק אז ער האט דא פארלוירן געלט, נאר אז דער צווייטער האט דא פארדינט געלט"... *(כפליים לתושיה)*

## • א קליינער דיאמאנט איז מער ווערד...

### וישב יצחק בגרר... (תולדות כו:ו)

דער הייליגער "ישמח-משה" זי"ע פון אוהעל, פלעגט אלס יונגערמאן ארומפאהרן אין די שטעטלעך און דערפער און האלטן דרשות מעורר זיין אידן צו טוען תשובה. איינמאהל איז ער אנגעקומען אויף שבת פ' תולדות קיין לובלין, און ער איז געגאנגן צום טיש פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע. דער רבי' האט געזאגט תורה אויפ'ן פסוק: "וישב יצחק בגרר", אז אין די ישיבה פון יצחק אבינו האט מען גע'פסק'נט אזוי ווי רבי שמעון ביים דין פון "גרירה". [רבי שמעון פסק'נט אין מסכת שבת אז ס'איז מותר "גרירה", —צו שלעפן א שווערע זאך אויף דער ערד אויב ער האט נישט אינזין צו מאכן א קריץ. און אזוי אויך ביי יעדער מלאכה אין שבת]. דער "ישמח משה" איז דעמאלט נאכניש געווען א חסיד, און די דברי תורה האט אים אויסגעזעהן אביסל מאדנע ווי א ווערטל. ער האט נישט פארשטאנען דעם באדייט דערפון, האט ער זיך אביסל אונטערגעשמייכעלט... אויפ'ן וועג צוריק צו זיין אכסניא האט ער באמערקט אז דאס בינטל שליסלעך פון זיין צימער ליגט ביי אים אין קעשענע, און ער איז יעצט אין א שטאט וואס האט נישט א עירוב. ער האט פארשטאנען אז דער רבי פון לובלין האט אים געמיינט מיט די ווערטער: "אין די ישיבה פון יצחק אבינו האט מען גע'פסק'נט אזוי ווי רבי שמעון אז אויב מ'האט נישט אינזינען צו טוען א מלאכה, איז מען פטור". צומארגנס ווען דער "ישמח משה" האט געהאלטן זיין דרשה אין די שטאט'ש שוהל, האט ער דערציילט א מעשה: אמאהל איז געקומען אין א שטאט א גרויסער דיאמאנט-סוחר און געוואלט פארקויפן זיין סחורה. גייענדיג אין די גאס זעהט ער א צירונג געשעפט וואו דער בעל-הבית האט ארויסגעלייגט אין זיין אויסלייג-פענסטער גרויסער און שיינע דיאמאנטן. דער סוחר האט זיך בארעכנט: אין א שטאט ווי מ'פארקויפט אזעלכע גרויסע דיאמאנטן, האב איך דאך נישט וואס צו פארקויפן! ער פאקט איין זיין סחורה און וויל פארלאזן די שטאט. איז געקומען צו אים א דיאמאנט "מבין" און זאגט אים: אייגענטליך זענען דיינע דיאמאנט שטיינער פיהל בעסער. ווייל יענעמס גרויסע דיאמאנטן זענען פוהל מיט פינטלעך און פלעקן, אבער דיינע קליינע דיאמאנטן זענען וואונדערבאר ריין און טייערער און שענער פון זיינע גרויסע... און דער "ישמח-משה" האט אויסגעפיהרט: אין לובלין געפונט זיך איין קליינער דיאמאנט-שטיין וואס איז פיהל מער ווערד פון מיינע גרויסע שטיינער! איין קליינע דברי תורה פון רבי'ן פון לובלין, איז פוהל מער ווערד פון אלע מיינע לאנגע דרשות! פון דעמאלט אהן איז דער "ישמח משה" געווארן א פייערדיגער חסיד פון רבי'ן פון לובלין זי"ע.

***





# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר...די הייליגע ווינטער נעכט

### התמדה בתורה אין די לאנגע ווינטער נעכט

- ולילות כימים יאירו -

**• די ווינטער חדשים לייכטן מער**

**מ'דארף זעהן מיט צו נעמען מיט זיך פון די הייליגע טעג די אלע התעליות און קבלות טובות וואס מ'האט אויף זיך גענומען, און מיט דעם וואס מ'נוצט אויס די לאנגע ווינטער נעכט אויף תורה מאכט מען א כלי צו קענען אנהאלטן די אלע זאכן, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו א זמן פיהל מיט הצלחות און סייתא דשמיא.**

הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל אב"ד נאראל, האט דערציילט: צו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע זענען געקומען צו פאהרן אויף די ימים נוראים עטליכע חסידים פון רוסלאנד. ביים זיך געזעגענען, האבן זיי געפרעגט פון מרן זי"ע: "רבי! ווי אזוי פאהרט מען יעצט צוריק צו די רוסישע קעלט, נאכ'ן פראווען דא ביים רבי'ן אזעלכע הייליגע טעג? (זיי האבן געמיינט די קעלט ברוחניות ובגשמיות, בגוף ובנשמה, ס'איז קאלט פון אלע זייטן) האט זיי מרן זי"ע געענטפערט: די 'חכמים' פון די שטאט חעלם, האבן אמאהל געהאט א פארזאמלונג, אזוי ווי ביינאכט איז זייער קאלט, איז ווי גיט מען זיך אן עצה מיט די שווערע קעלט? זענען די חעלמער מענטשן געפאלן אויף אן "עצה". זיי האבן אריינגעלייגט גרויסע טעפ אין דער ערד, און וויבאלד חכמי ישראל זאגן דאך אז די זון גייט אראפ יעדער נאכט אונטער די ערד, וועלן די טעפ דארט צוריק האלטן די ווארימע זון... ביינאכט אבער, זענען די טעפ אנגעפוהלט געווארן מיט שניי... איז וואס טוהט מען? האבן זיי געפרעגט אן עצה ביים 'ראש החכמים', וואס צו טוען כדי אנצוהאלטן די זון, ס'זאל נישט זיין קאלט. האט זיי דער 'ראש החכמים' געגעבן א פשוט'ע עצה: די זון גייט דאך אראפ. אלזא, זאלן זיי צוברעכן דעם שניי, און אזוי וועלן זיי אנקומען צו די זון... האבן זיי אזוי געטוען. זיי האבן געהאקט און געהאקט אינעם שניי, און פונעם עצם שווער ארבעטן און הַאקן אויפ'ן שניי זענען זיי געווארן דערווארימט... און מרן זי"ע האט אויסגעפיהרט: האט איר פארשטאנען די חכמה פון די חכמי חעלם? אז אין די גרעסטער קעלט, אויב מ'האקט און מען קנאקט, איז ווארעם...

**• "חוט של חסד"....**

הרה"ק רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע איז געזיצן מיט זיין טאטע'ן הרה"ק רבי ישכר בעריש זי"ע און געלערנט תורה א גאנצע נאכט ברציפות. ווען ס'איז געקומען פארטאג'ס האבן זיי נישט געהאט אפילו א גלעזל טיי מיט א שטיקל צוקער, מיט וואס זיך צו דערקוויקן. האט רבי אייזיק'ל געזאגט פאר זיין פאטער הרה"ק רבי ישכר בעריש: "חז"ל (חגיגה יב:) זאגן דאך אז דער וואס איז עוסק אין תורה א גאנצע נאכט, ציהט זיך א חוט של חסד אויף אים א גאנצן טאג, איז ווי איז דער חוט של חסד אז זיי האבן דאס ביסל אויך נישט? האט זיין פאטער אים געענטפערט: די כוונה פון חוט של חסד מיינט, אז מ'קען ווייטער עוסק זיין בתורה אפילו נאכ'ן לערנען א גאנצע נאכט, און אזוי האבן זיי ווייטער געלערנט תורה מיט גרויס התמדה...*(מעשת צדיקים)*

**• "געלערנט מיט אים גאנצע נעכט....**

ביים הספד אויפ'ן בילגורייא רב זי"ע האט מרן מהר"א זי"ע צווישן אנדערס געזאגט: **"ער האט געהאט א ספעציעלע זכות וואס דער טאטע ז"ל האט באשטימט צו לערנען מיט אים גאנצע נעכט, און דאס איז א סימן פון זיין גרויסקייט, און דער טאטע האט דערביי געהאט א רבי'שער ענין!"**

*(פארזעצונג אי"ה)*

## מַיין אוֹצָר ... חודש כסליו

### • חודש כסלו

**• 'כסלו' דער דריטער און ניינטער חודש**

חודש כסלו ווערט אנגערופן אין די תורה, "החודש השלישי",—ווייל ס'איז דער דריטער חודש פון בריאת העולם, און 'החודש התשיעי',—ווייל ס'איז דער ניינטער חודש פון ניסן, וואס איז דער ראשי חדשים. חודש כסלו ווערט דערמאנט אין תנ"ך צוויי מאהל. אין ספר זכרי'ה, "בארבעה לחודש התשיעי בכסלו", און אין ספר נחמי'ה "ויהי בחודש כסלו". ר"ח כסלו איז אמאהל איין טאג, און אמאהל צוויי טאג. חשון, דער פריערדיגע חודש, איז אמאהל חסר און אמאהל מלא. אויב חשון איז חסר איז כסלו איין טאג, און אויב חשון איז מלא איז ר"ח כסלו צוויי טעג, און דער ערשטער טאג פון ר"ח, ציילט זיך נאך מיט חשון, ס'איז דער דרייסיגסטער טאג פון חשון.

### • דער נאמען פון חודש כסלו.

**"כסילימו",**

דער נאמען כסלו אזוי ווי אלע חדשים נעמט זיך פון די בבלי'שע שפראך. אין אשורית [אכדית] ווערט דער חודש גערופן **"כסילימו"**, עהנליך צוםווארט כסלים, וואס מיינט דיק און פעט, ווען די הימלען זענען באדעקט מיט טונקלע און דיקע וואלקענעס פון רעגן.




**"תלמים"**

רש"י ערקלערט דעם נאמען 'כסלו' פונעם לשון '**תלם**',—דער חודש פון די תלמים, [גרובלעך] אזוי ווי ס'שטייט אויף כסלו (עזרא י:יג) "והעת גשמים ואין כח לעמוד בחוץ. לויט דעם קומט דער נאמען "כסלו" מרמז זיין אויף די גריבלעך וואס מ'האט געאקערט די די פעלדער חודש כסלו, אדער פריער, און די וואסערן פליסן אין זיי און טרינקען אהן די פלאצונגען.

**"כסל"**

אנדערע זאגן אז דער נאמען כסלו איז פונעם לשון '**כסל**',—וואס מיינט בטחון און האפענונג, אזוי ווי ס'שטייט (תהלים עח:ז) "וישימו באלקים כסלם ולא ישכחו מעללי א-ל", מ'האפט אויף רעגן, ווייל אין די תקופה פון חודש כסלו הייבט אהן רעגענען.

**'כוכבי השמים'**

אנדערע זאגן אז דער נאמען 'כסלו' איז פארבונדן צו די גרופע שטערן אין הימל וואס הייסן "כסיל", [אוריון בלע"ז] וואס מ'זעהט אין די הימלען ווינטער צייט, וואס הייבט זיך אהן כסלו. אזוי ווי ס'שטייט (ישעיהו יג:י): "כוכבי השמים וכסיליהם", (עמוס ה:ח) "עשה כימה וכסיל והפך לבקר צלמות ויום לילה החשיך", (איוב ט:ט) "עושה עש כסיל וכימה וחדרי תמן", און נאך.

*(פארזעצונג אי"ה)*



## מַיין שֵׁיינער רֶמֶז אויף דִי פַּרשָׁה

### ויעקב איש תם ישב אהלים... (תולדות כה:כז)

רש"י: יעקב האט געלערנט תורה אין בית המדרש פון שם ועבר.

יעקב האט נישט געלערנט תורה ביי זיין פאטער יצחק, נאר ביי שם ועבר? ווייל עשו איז געווען א גרויסער פּאָפּער, און כדי עשו זאל נישט האבן אויף אים א שלעכטע השפעה, איז ער נישט געבליבן אינדערהיים. דאס איז דער פסוק מרמז: "ויהי עשו איש יודע ציד",—ווייל עשו איז געווען א פּאָפּער, אזוי ווי רש"י זאגט: "ער האט געבלאפט זיין פאטער מיט פרעגן וויאזוי מ'מעשר'ט זאלץ..." דערפאר, "ויעקב איש תם יושב אהלים",—איז יעקב געזיצן און געלערנט אין בית המדרש פון שם ועבר.

*(כתב סופר)*

### הלעיטני נא מן... (תולדות כה:ל)

ה'לעיטני נ'א מ'ן, איז די ר"ת המ"ן. דער פסוק איז מרמז אזויווי יעקב האט אפגעקויפט די בכורה פון עשו, מיט ברויט און לינזין, אזוי האט מרדכי הצדיק געקויפט המן פאר א קנעכט, מיט'ן געבן אים ברויט צו עסן, און המן האט אפגעשריבן די מכירה אויף מרדכי'ס שיך, אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט צו אים. (מדרש אגדת אסתר ה:ט).

*(בעל הטורים)*

### עקב שמע אברהם בקולי (תולדות כו:ה)

די גמרא (נדרים לב.) זאגט: ביי די דריי יאהר האט אברהם אנערקענט דעם באשעפער. אויב מ'נעמט אראפ פון אברהם'ס לעבנסטעג וואס האט געלעבט הונדערט און פינף און זיבעציג יאהר (175) די דריי יאהר, וואס ער האט נאך נישט געטוען קיין שום מצוות, איז דא 172 יאהר. דאס איז דער פסוק מרמז "עקב", הונדערט און צוויי און זיבעציג יאהר (172) שמע אברהם בקול ה' און מקיים געווען מצוות ומעשים טובים.

### ויעש מטעמים לאביו ויבא לאביו (תולדות כז:לא)

די חכמי הרמז מערקען אהן אז די אותיות "**ויבא לאביו**", לייענט זיך אויך פארקעהרט 'ויבא לאביו', מרמז צו זיין אז וואס דו טוהסט פאר דיין טאטע, וועלן דיינע קינדער דיר טוען.

### ויהי לו צאן ומקנה בקר ועבודה רבה... (תולדות כו:יד)

אין די מסורה שטייט צוויי מאהל "ועבודה רבה", איינמאהל דא אין פסוק, און נאכאמאהל אין איוב (א:ג), "ועבדה רבה' מאד ויהי האיש ההוא גדול מכל בני קדם". דאס קומט מרמז זיין, פונקט ווי איוב איז געווען גרעסער פון די בני ארם וואס האבן געוואוינט אין מזרח זייט. אזוי אויך איז יצחק געווען גרעסער פון יעדער אפילו פון אבימלך כאטש ער איז געווען א קעניג".

*("בעל הטורים")*

### ותכהין עיניו מראת... (תולדות כז:א)

רש"י ברענגט דריי טעמים פארוואס די אויגן פון יצחק זענען טונקל געווארן? **א)** צוליעב די רויעך פון עבודה זרה פון עשיו'ס ווייבער. **ב)** צוליעב די טרערן פון די מלאכים אין יצחק'ס אויגן ביי די עקידה. **ג)** כדי יעקב זאל באקומען די ברכות. די דריי טעמים זענען מרומז אינעם ווארט '**עי"ן**', וואס זענען די ראשי תיבות **ע**'קידה, **י**'עקב, **נ**'שי.

*(מגדנות)*

## מַיין אוֹצָר...קליינע מעשה'לעך פון גרויסע אידן...

### • דעם סעקולנער רבי'נ'ס עבודה

וועגן דער עבודת הלילה פונעם הייליגן סקולענער רבי'ן זצ"ל וואלט מעו געקענט שרייבן א גאנצער קאפיטל פאר זיך. מיר וועלן נאר דערמאנען עטליכע קלייניקייטן. זיין קריאת שמע פלעגט אלעמאהל דויערן בערך פינף און צוואנציג מינוט. און קריאת שמע שעל המיטה האט געדויערט די לענגסטע, ס'האט דערציילט זיין זוהן, דער סקולענער רבי זצ"ל, אז א שטיק צייט פלעגט א איד קומען צום רבי'ן יעדער טאג און אים סתם דערקוטשן, ווען דער זוהן האט געפרעגט דעם טאט'ן פארוואס ער לאזט זיך אזוי פון יענעם, האט אים דער טאטע געענטפערט: "וואס זאל איך טוען אז יעדער נאכט ביי קריאת שמע זאג איך 'הריני מוחל לכל מי שהכעיס והקניט אותי', איי, ער קומט צוריק מארגן נאכאמאהלן? אבער מארגן שטייט דאך נאכאמאל אין סידור 'הריני מוחל' ... "

### • געשטאנען א לאנגע צייט ביי די מזוזה...

אמאהל, איו רומעניע, ביי איינע פון די אסיפות וואס ער פלעגט מאכן פאר פדיון שבויים, האט אים איינער זייער מיאוס פארשעהמט, יענע נאכט איז דער רבי געשטאנען און געהאלטן די האנט אויף די מזוזה זייער לאנג, נישט ווי זיין סדר פון יעדער נאכט, נאר א פאר מינוט. ווען מ'האט אים געפרעגט וואס דאס באדייט, האט דער רבי געענפערט: אז ער קען נישט אראפנעמען זיין האנט ביז ער שפיהרט נישט אין זיין הארץ אז ער האט נישט די מינדעסטע אויפרעגונג אויפ'ן מענטש וואס האט אים היינט פארשעהמט.

### • הלוואי קען איך זאגן איך בין פארטיג...

אויף די עלטערע יאהרן , ווען ער איז געווען איו שפיטאל און מ'האט אים געדארפט משמש זיין, איז געווען א גרויסע עבודה פאר אלע משמשים ביז זיי האבן דערזעהן דעם רבי'ן אין בעט, ווייל ער האט זיך נישט געקענט לייגן איידער ער האט געענדיגט אלע שיעורים און התחייבות'ן וואס ער האט געהאט דורכ'ן טאג, אמאהל האט איינער פון די משמשים, ווערנדיג אביסל אומגעדולדיג, געפרעגט: "דער רבי איז שוין פארטיג?" האט אים דער רבי צוריק געפרעגט, "און דו ביזט שוין פארטיג?"

"יא," האט ער געענטפערט, "שוין לאנג." האט דער רבי געזאגט, "הלואי זאל איך קענען זאגן אויף מיר אז אין בין שוין פארטיג..."

### • ערפולט זיין התחייבות

איינמאהל, ווען דער סעקולנער רבי איז שוין ענדליך געווען אין בעט, האט דער משמש באמערקט א פאר מינוט שפעטער ווי דער רבי זיצט ווידער, אנגעטוהן מיט'ן קאפעלוטש און רעקל ביים טיש, און זאגט תהילים. ווען דער משמש האט געפרעגט מיט שרעק וואס דאס באדייט, האט דער רבי אים געזאגט אז ער האט זיך דערמאנט אז אינמיטן טאג איז געווען ביי אים א איד זיך מזכיר זיין ביי אים, און ער האט פארגעסן צו זאגן תהילים פאר אים, ער האט זיך נישט געוואלט לייגן איידער ער ערפיהלט זיין "התחייבות"...

• • •

(ג)

## הרה"ק רבי משולם פייביש הלוי מזבאריזש זי"ע

### "יושר דברי אמת"

### - ב' כסלו תקנ"ה -

**ואלה תולדות:** הרה"ק רבי משולם פייביש הלוי העלער, איז געבוירן געווארן בערך אין יאהר ת"ק אין די שטאט סניאטין, גאליציע, צו זיין פאטער הרה"ק רבי אהרן משה הלוי העלער דער רב ומגיד מישרים פון די שטאט. (דער זוהן פונעם קדוש עליון הרה"ק רבי מאיר אב"ד בראדשין הישן, וואס דער בעש"ט הק' איז צו אים געפאהרן מקיים זיין שימוש תלמידיד חכמים) רבי אהרן משה האט געשטאמט מגזע היחס, א דור חמישי בן אחר בן פון בעל ה"תוספות יום טוב". הרה"ק רבי שמשון מאוסטראפאלע. דער מהרש"א. מהר"ל מפראג. דער מהרש"ל, חכ"ם צבי און נאך. זכר צדיקים לברכה.

**זוגתו:** בזו"ר-די טאכטער פון איינע פון די חשובי העיר קניהניטש, גאליציע. בזו"ש-הרבנית הצדיקת מרת יענטא די טאכטער פון הגאון הגדול רבי אברהם חיים שור מח"ס "צאן קדשים". (זי האט מאריך ימים געווען, און אסאך אידן זענען געקומען צו נעמען ברכות פון איר. ס'איז מקובל אז דער 'אוהב ישראל' פון אפטא איז געקומען נעמען פון איר א ברכה). זכר צדיקים לברכה.

**תולדותיו:** א) מזו"ר-בנו הרה"ק רבי משה אהרן. בתו: אשת הרה"ק רבי ישראל מלובלין. מזו"ש-הרה"ק רבי ברוך יצחק (איציק) מזאווניץ. הרה"ק רבי שמשון מאוזשיראן מח"ס קונטרס "נזירות שמשון". זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** בתורת הנגלה: ש"ב, הגאון האדיר רבי משה צבי הלוי העלער, אב"ד באקשעוויץ רב ומח"ס 'גאון צבי'. הרה"ק רבי דוב בער המגיד ממעזריטש. הרה"ק רבי מנחם מנדל מפרימישלאן. הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב. זכר צדיקים לברכה.

**תלמידיו:** א) הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ בעל "ערבי נחל" ו"לבושי שרד". רבי יוסף דוד הכהן אב"ד יאסי בעל "דרכי אמונה". הרה"ק רבי מנחם מנדל מקאסוב בעל "אהבת שלום". גאון הגדול רבי זאב וואלף שור אב"ד סקאליט בעל "ספר בדרושים". והתלמיד חבר הרה"ק רבי חיים שלמה מטשערנוביץ בעל "באר מים חיים". זכר צדיקים לברכה.

**ספריו:** "יושר דברי אמת". (וואס איז אנגערופן געווארן אין עטליכע מהדורות מיט'ן נאמען 'דרך אמת') און איז אנגענומען געווארן ביי כלל ישראל מיט גרויס דארשט, אלס איינער פון די ספרי היסוד אין תורת החסידות.

**על כסא מלכותו:** זבאריזש.

**פטירתו:** הרה"ק רבי משולם פייביש איז נסתלק געווארן יום ב' כסלו תקנ"ה. ער איז נטמן געווארן אין זבאריזש. זכר צדיקים לברכה.

### באור החסידות

צווישן די ריזן צווישן די צדיקים אין גאליציע, אין די ערשטע צייטן פון חסידות, איז געווען הרה"ק רבי פייביש זבאריזשער, בעל "יושר דברי אמת," וועלכער האט נאך זוכה געווען צו פאהרן צום הייליגן רבי'ן ר' בער פון מעזריטש, און שפעטער צום צדיק וקדוש רבי מיכל'ע זלאטשובער. און דערנאך אליין שטארק מפיץ געווען דעם אור החסידות אין גאליציע, אינאיינעם מיט זיינע אנדערע חברים די צדיקים תלמידי הבעש"ט הק'.

מיט א זעלטענע דביקות שילדערט הרה"ק רבי פייביש זיינע רבי'ס... מיר ווייסן, אז זיי זענען געווען בעלי רוח הקודש, א טייל פון זיי האבן אויך געהאט גילוי אליהו זכור לטוב, ווי דער בעש"ט הק', זיין תלמיד מורינו הרב דוב בער, און מורינו הרב מנחם מענדל מפרימישלאן. דעמאלט ווען כ'האב דאס פון זיי געהערט, זענען די זאכן געווארן איינגעקניפט אין מיין הארץ, ווי איך וואלט דאס מקבל געווען פון די חכמי המשנה ז"ל. אלעס וואס איך שרייב איז בלויז פון זייערע רייד, יעדער דבר חכמה וואס איך שרייב,


ספר
יושר דברי אמת
מה נמרצו אמרי יושר תום ויושר יצרונו. כתוב יושר דברי אמת תורת אמת היתה בפיהו של הרב הצדיק המפורסם קדוש וטהור איש אלקים. איש האמת איש חי רב פעלים בוצינא קדישא חסידא ופרישא. מנורה המהורה. אספקלריא המאירה אור בהיר בשחקים. אור האמת האיר לארץ ולדרים מרנא ורבנא כקש"ת מוהר"ר משלם פייבוש מזבריזא זצוקללה"ה:
הספר
גם ... קונטרס נזירת שמשון ... שמשון מאוזיראן
גם
והוצאתים לאור עולם
שמשון הלוי העלער מקאלימייא
בשנת דרך אמת לפ"ק
נדפס ... שמואל
זנוויל כהנא ...
... עזר הכהן
פריעדר ... מונקאטש.
Samuel Kahn
Talesem Buchhandlung .u Silberborten Fabrik.
Munkács (Ungarn.)
Druck von Kahan & Fried, Munkács.

איז אלעס פון זיי" (שם אות כו).

*

הרה"ק רבי פייביש איז בעיקר אנגענומען אלס א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי יחיאל מיכל, דער זלאטשובער מגיד, און פון הרה"ק רבי מענדל מפרימישלאן. און שפעטער ווען הרה"ק רבי מענדל מפרימישלאן איז ארויפגעפאהרן קיין ארץ ישראל, האט ער 'איבערגעגעבן' זיין תלמיד רבי פייבוש, צו זיין פריינט הרה"ק רבי ר' מיכל'ע זלאטשובער און אים געזאגט "איך גיב דיר איבער דער יונגערמאן, ער איז א 'דיימאנט' און ער האט באפוילן פאר'ן זלאטשובער מגיד אז ער זאל ווייטער 'שלייפן' דער 'דיימאנט' און אים לערנען די וועגן פון חסידות און עבודת ה'. אזוי ארום איז רבי פייבוש געווארן דבוק און צוגעבינדן צום זלאטשובער מגיד פון וועמען ער האט גאר אסאך קונה געווען, ווי ער ברענגט אין זיין ספר 'יושר דברי אמת'. אין צוגאב צו זיין קדושה און חסידות, איז רבי פייבוש געווען א גאון עולם, און איז געווען בקי אין שולחן ערוך און פוסקים ווי אויך אין ספרי שאלות ותשובות מיט א געוואלדיגע בקיאות.

אויך איז הרה"ק רבי פייביש געווען ביי הרה"ק רבי פנחס קאריצער. הרה"ק רבי יוסף דוד הכהן בעל "דרכי אמונה", דער רב פון יאסי, דערציילט אין זיין ספר (פ' חוקת ד"ה ויקחו אליך): כ'האב געהערט פון מורי ורבי החסיד הקדוש מו"ה משולם פייביש זצ"ל פון זבאריזא, ווען ער איז געווען ביי החסיד הקדוש איש אלקי מוה"ר פנחס זצ"ל מקאריץ אויף א שבת, ווי רבי פנחס'ל האט אים געפרעגט, ווען ער האט גענומען טאבאק פון זיין פושקעלע בזה הלשון: "רבי פייביש, ווי מיינט איר, איז דא א דבר רשות אויף די וועלט? מיר דאכט זיך, אז ס'איז נישטא קיין דבר הרשות, אפילו אין דעם שמעק טאבאק. אדער ס'איז א מצוה אדער בהיפך ח"ו". (אגב, דער יאסי רב האט זיך געהאלטן אלס א תלמיד פון הרה"ק רבי פייביש און ער ברענגט אים אראפ עטליכע מאהל אין זיין ספר "דרכי אמונה". צום ביישפיעל אין פ' כי תבא שרייבט ער: "שמעתי ממורי החסיד הקדוש רבי פייביש זצ"ל מזבאריזא שהשיב ללמדן אחד". אויך דערמאנט ער אים אין די תורות אויף פסח.)

### מיט צדיקים אין זיין דור

שפעטער איז הרה"ק רבי פייביש אליין געווען א רבי מפורסם און ער איז געווען שטארק בקשר ידידות מיט צדיקי דורו. א ספעציעלע נאענטקייט האט ער געהאט מיט הרה"ק רבי וועלוועלע מטשארני-אוסטראה, וועלכער האט אויסגעקליבן הרה"ק רבי פייביש אלס זיין ידיד וריעו הנאמן נאך די פטירה פון זיין גרויסן רבי'ן דער מעזריטשער מגיד. הרה"ק רבי וועלוועלע פלעגט פיהל פאהרן צו הרה"ק רבי פייביש און איז געווען מיט אים פארבונדן מיט א גרויסע ליעבשאפט. צווישן חסידים איז דא א מסורה, אז ווען הרה"ק רבי וועלוועלע איז אמאהל אהיימגעפאהרן פון זבאריזש קיין טשארני-אוסטראה, האט אים הרה"ק רבי פייביש באגלייט א שטיק וועג, דערנאך האט רבי וועלוועלע צוריק באגלייט רבי פייביש ביז קיין זבאריזש. עטליכע מאהל האט זיך דאס אזוי איבערגעשפיעלט, איינער האט באגלייט דעם אנדערן א שטיק וועג, זיי האבן זיך פשוט נישט געקענט שיידן צוליעב זייער גרויס ידידות. הרה"ק רבי וועלוועלע האט בימיו געהאט געוואלט ארויפצופאהרן קיין ארץ ישראל, אבער ער איז נישט געפאהרן ווילאנג הרה"ק רבי פייביש האט געלעבט. זיין התקשרות אין הרה"ק רבי פייביש האט איבערגעוואויגן זיין שטארקע שאיפה צו פאהרן קיין אר"י. ערשט נאך די פטירה פון הרה"ק רבי פייביש, האט הרה"ק רבי וועלוועלע אנגעהויבן זיינע הכנות ארויפציגיין קיין אר"י, וואו ער איז ערשט געפאהרן נאך דריי יאהר, ומנוחת כבודו בעיה"ק טבריה ת"ו..

### אשר חלק מחכמתו ליראיו!

אמאהל איז הרה"ק רבי פייביש געפאהרן, צו באזוכן דעם גרויסן גאון דער "ישועות יעקב", דער לעמבערגער רב. און ווען זיי האבן זיך געטראפן, האט דער "ישועות

<<<<<<<



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

<<<<

# הרה"ק רבי משולם פייביש הלוי מזבאריזש זי"ע

## - ב' כסלו תקנ"ה -

יעקב" באלד געמאכט אויף אים די ברכה "אשר חלק מחכמתו ליראיו", בשם ומלכות.—א ברכה וואס מ'זאגט ביים זעהן א תלמיד חכם מובהק וגדול הדור. האט הרה"ק רבי פייביש געזאגט פאר'ן "ישועות יעקב", יעצט זעה איך ערשט וואס פאר א גרויסער תלמיד חכם איר זענט. ווייל אונטערוועגנס, האב איך במשך די נסיעה שוקל געווען די צדדים להלכה, צי כ'זאל מאכן אויף אייך די ברכה 'אשר חלק' אדער נישט. און איר האט מברר געווען די זאך אין א בליץ-סעקונדע, און גלייך געמאכט די ברכה...

*

הרה"ק המפורסם רבי יודא צבי מראזדל, האט דערציילט: אמאהל איז הרה"ק רבי פייביש געקומען אויף א שבת צו הרה"ק רבי ר' מענדעלע רימינובער, און זונטאג, ביים זיך געזעגענען, האט ער זייער געוויינט, און ער זאגט פאר רבי ר' מענדעלע, אז ער איז שוין 74 יאהר אלט, און ער האט נאך ליידער נישט תשובה געטוען. האט דער רבי ר' מענדעלע גאר רירענד אנגעהויבן מיט צו וויינען, זאגנ'דיג, אז ער געפינט זיך אויך אין די זעלבע צרה. ער האט נאך נישט געטוען קיין תשובה. און ביידע צדיקים האבן מסכים געווען, צו געבן איינער דעם אנדערן א ברכה, מ'זאל זוכה זיין צו תשובה שלימה!...דער מח"ס "רחמי האב" פיהרט אויף דעם אויס "ועתה פוק חזי עד היכן הדברים מגיעין". *(ספה"ק 'רחמי האב' - ערך תשובה)*

*

אמאהל שבת קודש ביים עסן האט דער יצר הרע געפרעגט הרה"ק רבי פייביש וויאזוי קענסטו עסן? האסטו דען געדאוועט אזוי ווי ס'דארף צו זיין, ווי אזוי וואגסטו זיך עובר צו זיין אויף די דברי חכמים און עסן פאר'ן דאווענען? האט אים הרה"ק רבי פייביש געענטפערט אז ער עסט מדין, ווייל תפילה איז דאך מדרבנן, און סעודת שבת איז א דאורייתא.

*

הרה"ק רבי פייביש איז געווען באקאנט אלס א פועל ישועות. אמאהל איז ל"ע אריין א רוח רעה אין זיין ברודער. און ער איז געפאהרן צו אסאך צדיקי הדור, מ'זאל אים העלפן פון זיין צרה, אבער קיינער האט אים נישט געקענט העלפן. האבן אלע געזאגט אז ער זאל פאהרן צו זיין ברודער הרה"ק רבי פייביש, און ער וועט אים אוודאי העלפן, און פון דארט וועט קומען זיין ישועה. איז ער געפאהרן צו זיין הייליג'ן ברודער. און אזוי ווי ער האט איבערגעטראטן די שוועל פון זיין שטוב האט הרה"ק רבי פייביש, הויעך געשריגן "צא טמא צא!" אין יענע סעקונדע איז דער רוח רעה ארויס פון זיין ברודער, און ער איז געווארן צוריק געזונט. אזוי ווי פריער. ויהי לפלא.

### "צווי בחינות אין שמירת שבת"

הרה"ק רבי פייביש שרייבט אין ספר "יושר דברי אמת", אז ס'זענען דא צוויי בחינות אין שמירת שבת, איינער וואס א גאנצער וואך איז ביי אים בבחינת שבת, און ווען ס'קומט שבת איז ער דעם שבת מקדש בקדושה יתירה בתוספות שבת. און ס'זענען דא אזעלכע וואס א גאנצע וואך זענען זיי 'וואכעדיג' און בלויז ווען ס'קומט שבת, היטן זיי אפ דעם שבת. דאס איז די כוונה: **"כל מקדש שביעי כראוי לו"**,—דאס זענען די וואס זענען מקדש דעם שבת מיט א תוספת קדושה. א צווייטע סארט מענטשן איז דא, וואס היטן אפ דעם שבת **"כדת מחללו"**, בלויז מיט'ן נישט מחלל שבת זיין. זיי זענען "איש על מחנהו ואיש על דגלו", בשב ואל תעשה, למשל, זיי גייען נישט ארויס חוץ לתחום וכו'. אבער זענען נישט מקדש דעם שבת בקדושה יתירה. פארשטייט זיך אז פאר די ערשטע סארט איז "שכרו הרבה מאד",—זייער באלוינונג איז גרויס און אומשאצבאר. און פאר די אנדערע איז אויך דא א שכר אבער "על פי פעלו",—נאר לויט וויפיהל זיי האבן זיך אנגעשטרענגט מיט זייער צוגרייטן דעם שבת.

*("יושר דברי אמת")*

### כח התורה וענווה

צווישן די ווערטער פון זיינע תלמידים געפונט מען אז הרה"ק רבי פייביש האט געשריבן אסאך דברי תורה און חידושים, וואס רובא דרובא זענען פארלוירן געגאנגען במשך די יאהרן. זיין תלמיד הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ, דער 'ערבי נחל' און 'לבושי שרד', ברענגט א קשיא אין 'לבושי שרד' (או"ח סי' קס"ח) וואס ער האט געהערט פון זיין רבי הרה"ק רבי משולם פייביש. ווי אויך אין הלכות מקוואות ברענגט ער א מעשה ווי עס איז נתעורר געווארן א שאלה איבער די כשרות פון א געוויסע מקוה אינעם שטאט זבאריזש, און די חכמים פון שטאט האבן געוואלט מתיר זיין די מקוה, אבער רבי פייבוש האט געהאלטן אז ס'איז אסור, און מ'האט זיך אסאך מפלפל געווען אין דעם נושא, ביז ס'איז טאקע געבליבן אז די מקוה איז אסור לויט ווי רבי פייבוש האט געהאלטן.

אבער טראץ זיין גרויסע כוח אין תורה, האט הרה"ק רבי פייבוש זיך נישט גרויס געהאלטן מיט זיין גדלות, און



**די גרויסע שוהל אין זאבאריזש**

בכלל נישט געזוכט צו באווייזן זיין גאונות און בקיאות פאר מענטשן. ער האט זיך פראבירט אהערצושטעלן ווי איינער וואס קען נישט צופיהל לערנען. ווי דערציילט איז זיין תלמיד דער 'ערבי נחל' געווען רב אינעם שטאט סאראקא, די לומדים פון סאראקא האבן אים אסאך געטשעפעט און פארגעהאלטן מיט א טענה היתכן אז ער פאהרט צו הרה"ק רבי פייבוש און ער איז זיך מבטל און מכניע פאר אים, בשעת ער איז אסאך א גרעסערע תלמיד חכם ווי זיין רבי, און זיי האבן געהאלטן אז ס'איז נישט קיין כבוד התורה אז זייער רב פאהרט צו סתם א רבי וואס קען נישט קיין לערנען. דער 'ערבי נחל' האט שטענדיג געווארט אויף א געלעגנהייט ווען ער וועט ענדליך קענען אויפווייזן פאר זיינע שטאט-לייט אז זיין רבי קען באמת יא לערנען און ער איז גאר א גאון עצום. ויהי היום, ס''איז אנגעקומען די שמועה אין שטאט אז הרה"ק רבי פייבוש קומט קיין סאראקא, האט דער "ערבי נחל" פארבעהטן די לומדים פון שטאט אז זיי זאלן זיך פאהרקוקן שווערע שאלות און קשיות, און ווען זיין רבי וועט זיין דא אין שטאט זאלן זיי אריינגיין צו אים מיט זייערע קשיות, און אזוי ארום וועט ער זיי מוזן ענטפערן מיט זיין כוח אין חריפות און פלפול, און זיי וועלן איינמאהל פאר אלעמאהל איינזעהן אז זיין רבי איז יא א תלמיד חכם. וכך הוה, די לומדים פון שטאט האבן זיך אנגעגרייט שווערע סוגיות און קשיות וואס צו פרעגן פון הרה"ק רבי פייבוש, און זיי זענען טאקע אריין צו אים און פארגעלייגט זייער שוועריגקייטן. הרה"ק רבי פייבוש האט זיי אלע אויסגעהערט, און דערנאך זיי געענטפערט "איך קען אלע אייער קשיות פארענטפערן מיט בלויז צוויי ווערטער **"איני יודע"**,—איך ווייס נישט... הערנ'דיג דאס האט זיך זיין תלמיד דער "ערבי נחל" באקלאגט פאר אים אויף די אלע רדיפות וואס ער האט געליטן ביז יעצט אז ער פאהרט צו א רבי וואס קען נישט לערנען, און ער האט געהאפט אז יעצט וועלן זיי אנערקענען אין זיין רבי'נס כוח התורה, אבער דערווייל נאך אזא תשובה אז דער רבי ווייסט גארנישט, נישט נאר וועלן זיך די רדיפות נישט אויפהערן, נאר זיי וועלן זיך גאר שטארקן, ווייל יעצט וועלן שוין די לומדים זיין 'איבערצייגט' אז זיין רבי קען דאך גארנישט. האט אים זיין רבי געענטפערט **"איך האב שטענדיג געארבעט שווער און זיך געמוטשעט אז איך זאל נישט אויסזעהן ווי א למדן ביי מענטשן אין די אויגן, און דא ווילסטו אז צוליעב דיין הנאה, זאל איך אין איין רגע פארלירן מיין גאנצע וועלט"**...

### תשובה שלימה

ס'ווערט דערציילט: אז אמאהל אונטערוועגנס, האט זיך דער וואגן פון הרה"ק רבי פייביש אויסגעגליטשט און אריינגעפאלן אין א טיעפער גרוב, אין צו דעם האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן און די קעלט האט געשניטן אין די ביינער. ווען דער צדיק האט געזעהן זיין שווערע מצב אין וואס ער געפונט זיך, האט ער

<<<<<<<



## מַיין אוֹצָר... "יומא דהילולא"

>>>>

# הרה"ק רבי משולם פייביש הלוי מזבאריזש זי"ע

## - ב' כסלו תקנ"ה -

אויפגעהויבן זיינע הענט מיט א תפלה צום רבונו של עולם זאגנ'דיג "רבונו של עולם איך רעד זיך נישט אפ ח"ו אויף דעם וואס דו האסט געטוען צו מיר, ווייל איך ווייס אז דו ביסט גערעכט אין אלעם וואס דו טוסט, און ס'קומט זיך מיר א שטראף צוליעב מיינע שלעכטע מעשים, אבער איך בעהט דיך רבוש"ע, די גאנצע מטרה און ציהל פון דעם איז דאך נאר מיר צו ערוועקן תשובה צו טוען אויף מיינע זינד, אבער פרעג איך דיר וויאזוי קען איך תשובה טוען דא אונטן בשעת איך בין איינגעזינקן אינעם גרוב קאלט און נאס, אויך קיין שום מצוה קען איך דא נישט מקיים זיין פאר דיר, בעהט איך דיך, נעם מיך ארויס פון דא און לייז מיך אויס פון מיין צרה, און איך נעם זיך אונטער אז ווען איך וועל זיין אינדרויסן וועל איך תשובה טוען און זיך פארבעסערן"...

### באורו נראה אור

אין זיינע ספרים ברענגט הרה"ק רבי פייביש אראפ פיהלע יסודות אין חסידות. צווישן אנדערע ברענגט ער אין נאמען פון רבינו הבעל שם טוב הק' זי"ע וואס האט געזאגט, אז אלע מדריגות צו וועלכע ער האט זוכה געווען, איז געווען ווייל ער איז כסדר געלאפן אין מקוה.

הרה"ק רבי פייביש לייגט צו, אז ס'איז טאקע אן ענין גדול מאד, ווייל די מקוה רייניגט אויס דעם גוף און דעם נפש, אבער פארט דארף מען וויסן דאס צו טוען מיט כוונה. נישט ח"ו מצות אנשים מלומדה, ווייל אנדערש איזדאס ח"ו נישט חשוב. נאר מ'דארף זיך דורכטראכטן און פריער אינזין האבן וואס מ'טוהט (שפעטער איז ער מעתיק "כוונת המקוה מהבעל שם טוב ז"ל מה שהעתקתי מסדור הוותיק מורינו הרב משה נ"י, און ער פיהרט אויס: עד כאן העתקתי לך אות באות מדברי האלוקי הבעל שם טוב ז"ל - יושר בדברי אמת אות מ"ב).

די הייליגע ספרים פון הרה"ק רבי פייביש זענען פוהל מיט דיבורים קדושים וועגן תפילה און עבודת השי"ת וואס פלאמען אויף א אידיש הארץ. אויף א פלאץ וואו ער רעדט וועגן תשובה והכנעה איידער מ'שטעלט זיך דאווענען. און ווי מ'דארף זיך מקשר זיין פאר'ן דאווענען סיי מיט גרעסערע פון זיך און סיי מיט קלענערע. דערציילט רבי פייביש, אז ער האט אזוי געהערט פון זלאטשובער מגיד, "ובאמת שמעתי מפה קדושי הרב האלוקי מורינו הרב רבי יחיאל מיכל זלה"ה, וואס האט פאר יעדער תפילה געזאגט "אני מקשר את עצמי עם כל ישראל. הן עם הגדולים ממני והן הקטנים ממני". אין דער תועלת פון דעם התקשרות איז. ווייל מיט גרעסערע פון מיר, וועט דורך זיי נתעלה ווערן מיינע מחשבות, און מיט קלענערע פון מיר, וועלן זיי נתעלה ווערן דורך מיר. ע"כ שמעתי מפיו הקדוש. *(יושר דברי אמת אות לג).*

פיהלע הוראות וועגן די גרויסקייט פון תפילה, דעם דרך פון דאווענען און דער סדר הלימוד טרעפט מען אין רבי פייביש'ס הייליגע ספרים.

גאר ספעציעל ווידמעט הרה"ק רבי פייביש אין זיינע ספרים וועגן ריינע מדות און באזונדער וועגן די שאנדע פון גאוה און דאס חשיבות פון ענוות. ער דערציילט אויף א פלאץ: "שמעתי מזקן אחד ישיש תוארו כמלאך אלקים", וואס ער האט געהערט פון א תלמיד מובהק פון מרן הבעל שם טוב. רבי דוד פון מיקאליב. מיט וועמען ער האט צוזאמען געוווילט ביי זיין מחותן אין טשארני-אוסטראהע, אז אין די הייניטגע דורות איז די קליפה פון גאוה זיך זייער מתגבר, ווי די גמרא (סוטה מט:) זאגט: "בעיקבתא דמשיחא חוצפא יסגא". דער טעם איז, ווייל די דורות זענען נידריג, ווייט פונעם שורש, פונקט ווי די פערשט פון די פיס זענען ווייט פונעם קאפ, דאס איז די סיבה פארוואס גאות איז זיך אלץ מער מתגבר אויף זיי, ווייל דאס איז דער סימן ווי



טייל פונעם אלטן בית החיים אין זבאריזש

מער שפלות'דיג א מענטש איז, האלט ער זיך גרעסער, ווי ס'איז געוואוינט ביי מענטשן צו זאגו, אז גאות קומט פון ווייל ס'פעלט הבנה און בושה פאר'ן באשעפער וואס פילט אהן אלע וועלטן, און ווי מער איינער איז דערווייטערט פון באשעפער, דורך עבירות ופשעים, איז ער א שטערקערער עזות פנים און א גרעסערער בעל גאווה, דעריבער דארף מען זיין שטארק נזהר, ווען מ'וויל נאענט ווערן צום באשעפער.

און הרה"ק רבי פייביש פיהרט אויס: אין דעם דור איז נישטא ווער ס'זאל זיין ריין דערפון אפילו די גרעסטע צדיקים. אויסער די יחידי סגולה בני עליה, וואס האבן זוכה געווען מקבל צו זיין תורה מפי הבעש"ט זלה"ה און זיינע תלמידים און זיך אנגעכאפט אין זייערע וועגן אויסער זיי, זענען אלע פארכאפט אין דעם נעץ. ווי מיר זעהן בעוה"ר אין דעם דור, די קריגערייען און די קנאה, השי"ת זאל אויפאונז רחמנות האבן. דארף מען דערויף בעהטן דעם באשעפער, ער זאל אונז העלפן ובפרט ווען מ'זאגט "אלקי נצור..." דארף מען שטארק בעהטן ביי די ווערטערן "ונפשי כעפר לכל תהיה", מיט מדי פאסיגע כוונה אויפ'ן ענין פון שפלות ווי ס'שטייט אין ארשית חכמה (שער הענוה פרק ג' ד"ה עוד דרך אחר) עיי"ש. *(יושר דברי אמת אות מד).*

*

הגה"ק רבי שמעו'לע זשעליכאווער זצ"ל הי"ד פלעגט אסאך הייסן לערנען דעם ספה"ק דרך אמת פון הרה"ק רבי שרגא פייביש מזבאריזש זי"ע ועכ"ז און געזאגט פאר זיינע תלמידים מ'זאל דעם הייליג'ן ספר איבער'חזר'ן א גאנצן לעבן, ווייל אין דעם ספה"ק ווערט נתגלה דער אמת הכולל, וואס איז דער יסוד פאר די גאנצע קדושה און עבודה. אין א בריוו שרייבט רבי שמעו'לע זצ"ל: "...היודע תעלומות לב יודע, כי כל ההסתרות באים מגאות הטבעי אשר עדיין אסורים בו כמעט כל הלומדים בזמננו כמו קודם התפשטות החסידות של הבעש"ט הקדוש זי"ע בעולם. הרוצים לידע זאת ילמדו הדק בספר הק' דרך אמת להרה"ק מזבאריזש, ואז תבין יראת ה' ודעת קדושים תמצא להבין מאמרי חז"ל בשמעתתא והגדה ובמוסר. *(נהרי אש מאמר י' עמ' נ')*

אמאהל האט רבי שמעו'לע גערעדט וועגן דעם ענין פון א הילולא פון א צדיק, וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון אין טאג פון זיין יאהרצייט, און ער האט ערקלעהרט, אז דער ענין פון הילולא איז דוקא ביי אזעלכע צדיקים וואס האבן זיך משלים געווען זייער ענין אויף די וועלט, דאס איז נישט נוגע צו די גרויסקייט, ווער ס'איז גרעסער צווישן די צדיקים וקדושים, נאר לגבי דער ענין פון שליחות אויף די וועלט, וואס דער צדיק איז אראפגעשיקט געווארן פון הימל מתקן צו זיין נפשות ישראל. אויב האט ער משלים געווען בשלימות זיין ענין, איז שייך א הילולא, ווייל ס'איז דא א שמחה פון זיין ארויפגיין העכער אין גן עדן העליון אין טאג פון די יאהרצייט פון זיין הסתלקות.

האט רבי שמעו'לע צוגעלייגט: ס'איז מקובל ביי אידן, אז ביי דריי יאהרצייטן פון צדיקים זאגט מען נישט קיין תחנון, י"ט כסלו, די יאהרצייט פון גרויסן מעזריטשער מגיד, כ"א אדר, די יאהרצייט פון רבי ר' אלימלך, און ל"ד בעומר, די יאהרצייט פון רבי ר' מענדעלע רימינובער זי"ע, ווייל אזוי איז מקובל פון צדיקים בעלי רוח הקודש, היות ביי זיי איז שייך דער ענין, אז זיי האבן משלים געווען די תיקונים אויף דער וועלט. **"וואלט איך נישט מורא געהאט"**, האט רבי שמעו'לע אויסגעפיהרט, **"וואלט איך געזאגט אז אויך הגאון רבי פייביש'ל זבאריזשער האט זיך משלים געווען זיין ענין אויף די וועלט מיט'ן ספה"ק דרך אמת, וואו ער איז מגלה די עיקרי יסודות החסידות והקדושה פאר אלע באי עולם"**. *(נהרי אש עמ' קנא).*

### "דער עמוד האמת"

הרה"ק רבי פייביש איז שטארק מפורסם געווען מיט זיין מדת האמת. מ'פלעגט אים רופן **"דער עמוד האמת"**. הגה"ק רבי משולם נתן מרגליות זצ"ל, ראב"ד בארדיטשוב, האט דערציילט וואס ער האט געהערט מפה קדשו פון הרה"ק רבי פייביש אז יונגערהייט האט אים דער בעל דבר געוואלט מכבד זיין מיט די מדריגה פון רוח הקודש און נאך הויכע מדריגות, ער האט אבער אפגעווארפן זיין פארשלאג ווענלדיג נאר דעם אמת.

**זכר צדיקים לברכה. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

(מקורות: אור הצפון, עלים לתרופה, תולדות וסיפורי צדיקים "נר יהושע", מעשי אבות, הילולא קדישא, אנציקלופדיה לחכמי גאליציה, ימי זכרון דברי תורה לפ' השבוע ועוד)

***

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תשנ"ט
פרשת חיי שרה
שנת תשפ"ג לפ"ק

ו' קסח) עס פארציילט אונזער עלטער פעטער
**הרה"ח הישיש ר' מאיר יודא פעלזן שליט"א** מאנטריאל

## דאווענען ביי אונז אין ביהמ"ד

אין די ערשטע יארן וואס אנ"ש האבן זיך באזעצט אין מאנטרעאל האט זיך געמאכט חילוקי דיעות צווישן ציבור, און עס איז געווען טייל פונעם ציבור וואס זענען צוליב דעם אוועק געגאנגען דאווענען פון ביהמ"ד.

אין יענע צייט איז דער **רבי זי"ע** געקומען צוגאסט קיין מאנטרעאל, און ער האט געהאט די אכסניא ביי מיר אין שטוב.

איידער דער רבי איז אהיימגעפארן איז דער ציבור צוזאמען געקומען בבית האכסניא און דער רבי האט גערעדט און געשמועסט מיט'ן עולם. בתוך הדברים האט דער רבי גערעדט מיט ווייטאג אויף דעם וואס טייל אנ"ש זענען אוועק געגאנגען דאווענען פון ביהמ"ד, און ער האט געזאגט "אפילו עס איז דא פראבלעמען אין ביהמ"ד, אינדערהיים מאכט זיך דען נישט פראבלעמען פון צייט צו צייט?! קומט דאס דען אזוי אז עס מאכט זיך א סכסוך אין שטוב זאל מען איבערלאזן?! א בית המדרש איז נישט אנדערש, אפילו עס איז דא פראבלעמען גייט מען נישט אוועק, אז מ'דאווענט אינאיינעם אידן דארף מען קענען שלונגען איינער פונעם צווייטן, לכל הפחות אזויפיל וויפיל מ'שלונגט אין שטוב". (בשם הרה"ג ר' יצחק אלחנן גאטליעב ע"ה מותיקי אנ"ש אין מאנטריאל).

לאור זה וואס **כ"ק מרן רבינו שליט"א** פארט צום חנוכת הבית פונעם בית המדרש החדש אין מאנטריאל, איז כדאי צו מעתיק זיין די הייליגע ברכה וואס **כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע** האט געוואונטשן ביים חנוכת הבית פונעם ערשטן ביהמ"ד בשנת תשט"ז:

**"דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין אויפצושטעלן בתי מדרשות וואס זאל זיין לרצון לפני השי"ת, על דרך אבותינו ורבותינו הק', מ'זאל ניצול ווערן מכל צרה וצוקה ומכל עקתין בישין ומכל מיני פורעניות, אידן דארפן האבן גרויס רחמים אויף אלע עקן פון די וועלט, השי"ת זאל דערפרייען אידישע הערצער, יראו עינינו וישמח לבנו, מ'זאל זוכה זיין צו זעהן במהרה די ישועה שלימה, בהתרוממות קרן התורה וישראל".** (מס' החדש 'פינת יקרת')

ו' קסט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' חיים משה נפתלי וואלדמאן הי"ו** ראה"ק לעמבערג קר"י

## אז דער רבי זאל קומען וואוינען אין מאנטריאל...

בשנת תש"כ לפ"ק איז **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** געווען אין מאנטרעאל און ער איז איינגעשטאנען ביי מיין טאטן ע"ה אין שטוב. געדענק איך ווען דער דזיבויער רב ז"ל איז געווען ביים רבי'ן און ער האט אים געפרעגט "אפשר ציעט זיך דער רבי אהער קיין קאנאדא, און קומט וואוינען דא אין מאנטרעאל?".

עס איז דעמאלטס געווען אסאך היימישע אידן וואס זענען געקומען פון אייראפע, און זיי האבן נישט געקענט אריינקומען קיין אמעריקע, און קיין קאנאדע איז געווען גרינגער, אזוי אז עס וואלט געקענט זיין א גרויסע טובה פאר אסאך אידן אז מאנטרעאל זאל ווערן א גרויסע צענטער פאר תורה און אידישקייט וחסידות, און אז דער רבי וואלט זיך דארט באזעצט וואלט דאס ווען זייער שנעל געקענט קומען צו א רעאליטעט.

האט דער רבי געענטפערט "זאג מיר צו אז דא וועט קענען זיין פרנסה פאר 250 אידן קום איך אהער וואוינען"... (עס איז ידוע אז איינע פון די עיקר זאכן וואס דער רבי האט זיך געזארגט בשעת ווען ער האט געזוכט א שטעטל איז געווען אז דאס זאל זיין א מקום פרנסה, ווייל ער האט געשטרעבט אהין צוברענגען דעם עולם, און כדי צו קענען עקזיסטירן אויף אזא מקום האט דאס געדארפט זיין א מקום וואס מ'זאל דארט קענען האבן געהעריג פרנסה).

ב. מורי רבי **הגאון הצדיק רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש זצ"ל אבד"ק וראש ישיבת וויען** איז געווען א מעיין המתגבר, ובפרט די דיבורי מוסר וואס ער האט מתבל געווען מיט פערלדיגע טייטשן וואס האט געמאכט דעם ריכטיגן התעוררות ביי אלע בחורים.

איינמאל האט ער געטייטשט דעם פסוק **"ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל"** זייער זיס. **בימי"ם** איז ר"ת ב'בלי, י'רושלמי, מ'קרא, מ'שנה. און דאס איז געווען די 'ברכה' וואס דער רבש"ע האט אים געבענטשט, ער זאל מצליח זיין 'בכל', אין אלע לימודים.

ענליך צו דעם האט ער אמאל - ווען כ'האב געגעסן ביי אים די סעודת שבת - געטייטשט דעם חרוז **"נעביד לון כתרין במילין יקירין, בשבעין עיטורין דעל גבי חמשין"**. האט ער געטייטשט אזוי: "נעביד לו כתרין" מ'וועט מאכן א קרוין פאר'ן רבוש"ע, "במילין יקירין" מיט טייערע ווערטער, "בשבעין עטורין" אין די זיבן טעג פון די וואך, "דעל ג'ב'י" מיט ג'מרא ב'בלי י'רושלמי, "חמשין", און חמשה חומשי תורה.

ב. שטייענדיג יעצט נאכ'ן רוקן דעם זייגער, וועל איך שוין צולייגן נאך עפעס אינטערעסאנטס וואס כ'האב געהאט ביי אים איבער דעם ענין.

במשך די יארן וואס כ'האב געלערנט אין די ווינער ישיבה, האב איך געהאט די חזקה פון רוקן דעם זייגער ווינטער און זומער.

דער ווינער רב האט פארלאנגט אז מ'זאל רוקן דעם זייגער תיכף מוצאי שב"ק ווי נאר ער האט געמאכט הבדלה. איינמאל האב איך אים געפרעגט דערויף, האט ער מיר געזאגט אזוי: "אויב רוקט מען נישט דעם זייגער תיכף, לאזט זיך דאס אויס מיט ביטול תורה און ביטול תפלה".

און ער האט שיין מסביר געווען פארוואס, ווייל אז מ'ווייסט אז ס'איז דא אן איבריגע שעה ברענגט מען אָן די צייט ביז'ן גיין שלאפן, מ'גייט שלאפן שפעט, און דאס איז גורם ביטול הזמן דעם קומענדיגן טאג.

ווען כ'האב דאס אמאל איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן **מרן הברך משה** זי"ע, האט ער מיר געזאגט אז דאס איז אן אמת'דיג ווארט, און ס'איז א חוב צו איבערגעבן ווייטער.

ו' קע) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
**כ"ק אדמו"ר משינאווא שליט"א**

## כ"ק הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זצוק"ל

צו די יארצייט פון **כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זצוק"ל** (כ"ז מרחשון) געבן מיר דא איבער עטליכע פתגמין קדישין וואס דער **שינאווער רבי שליט"א** דערציילט איבער משמו:

א. פון **רבי יענקעלע ז"ל** האב איך געהערט אויפן **קאלאשיצער רב** אז אזא רבי א מתמיד ווי דער קאלאשיצער רב האט ער נישט געזעהן, "עס איז נישט אדורך קיין פופצן מינוט אין טאג וואס ער זאל נישט שמועסן אין לערנען".

אמאל איז דער קאלאשיצער רב געשטאנען און געווארט אז א באן זאל אנקומען, און עס האט פארשפעטיגט, עס איז געווען אן עולם וואס איז מיטגעגאנגען און באגלייט, האט ער זיך אנגערופן "וואס לערנט עטס?", זאגן זיי "מסכת שבת".

פרעגט ער "וויפיל רבינו תמ'ס ווערט דערמאנט אין די תוספות אין מסכת שבת?".

ווען דער קאלאשיצער רב אליינס וואלט נישט געדענקט וואלט ער נישט געפרעגט, דאס איז נישט קיין קונץ.

האט רבי יאנקעלע געזאגט אפאר תוספות'ן, און איינס האט ער געזאגט אויף די משנה 'אין פולין לאור הנר', איז א מחלוקת רש"י ותוס', רש"י זאגט כינה, און תוס' זאגט פרעוש... ווען ער האט דערמאנט דעם רבינו תם האט דער עולם אזוי געלאכט.

ווען דער קאלשיצער רב האט דאס באמערקט האט ער געזאגט "וואס לאכן זיי? דעם רבינו תמ'ס פרעוש וואלט איך איינגעשלונגען"...

ב. אמאל איז געווען א שאלה אין יו"ד ביים רבי'ן ז"ל, איז אויסגעקומען אז רבי יענקעלע האט עפעס געזאגט אנדערש ווי דער רבי, האט מען דאס נאכגעטראגן אז דער רבי האט געהערט אז רבי יענקעלע האט געזאגט אנדערש ווי אים, דער רבי האט דאס נאכגעקוקט זעהר לאנג, נאכדעם האט ער געזאגט אז ער איז גערעכט.

ג. דער שווער (הגה"צ מוואודיסלאוו) זכרונו לברכה פלעגט זאגן א ווערטל אויף רבי יענקעלע, נאכן הסתלקות פון רבי איציקל - דער רבי יענקעלע האט דאך כסדר געלערנט, ער פלעגט לערנען און לערנען - האט ער געזאגט "כ'האב מורא אז ס'זאל אים נישט שאטן צו די רבי'סטעווע"...

ד. רבי יאנקעלע ז"ל האט געזאגט אז ביי צוויי זאכן איז ער זייער נתעורר געווארן ביים רבי'ן ז"ל, פרייטאג צונאכטס ביי קידוש, און ביי שלש סעודות ביי ה' מלך.

(הרה"ק רבי יענקעלע ז"ל האט געשריבן אין א בריוו פאר א אייניקל בשנת תשמ"א שוין נאך די פטירה פונעם רבי'ן זי"ע: **"הנה אצל מרן הגה"ק מקאלאשיץ זי"ע נתרגשתי בעת אמרו קידוש, ובעת אמרו בשלש סעודות ה' מלך, וכן אצל מרן מסאקמיר זי"ע, גם כן נתרגשתי ביותר בעת קידוש ובעת אמרו ה' מלך וגו', הגם שהיה חילוק גדול בין ניגון זה לניגון זה".**

ביי א דרשה כ"א כסלו אין סאטמארער ביהמ"ד אין אנטווערפן, האט דער פשעווארסקער רבי אמאל גערעדט פונעם רבי'נס קידוש, האט ער זיך אויסגעדריקט בלש"ק: **"עס שטייט פון רבי מרדכי נעשכיזער, 'הראיני את מראיך השמיעני את קולך', וואס שטייט**

**אין שיר השירים (ב, יד). טייטשט דער נעשכיזער, אז דער אייבערשטער זאגט דעם צדיק, השמיעיני, מאך 'מיך' הערן את קולך, אז מען וועט הערן דיין קול, זאל מען הערן מיך, עד כאן פון רבי מרדכי.**

**דער וואס האט געהערט דעם (סאקמאר) רב קידוש מאכן, און זאגן ה' מלך, האט מען געהערט א הימל קול, (בבחי') 'השמיעיני את קולך', עס קען זיין אז אנדערע מענטשן האבן ביי אנדערע זאכן, ביי מיר איז געווען וואס מ'זאגט דער גרעסטער קאנאן, איז געווען ביי קידוש און ביי ה' מלך, האט מען געהערט א 'הימל קול', השמיעיני את קולך זאגט דער נעשכיזער, אז דער אייבערשטער זאגט דעם צדיק מאך 'מיך' הערן, ווען עס איז דיין קול זאל מען הערן 'מיך', זי"ע ועכי"א.**

אין א אנדערע בריוו שרייבט דער פשעווארסקער רבי ז"ל: **"בשנת תש"י האב איך זוכה געווען צום ערשטן מאל צו זעהן און הערן זיינע תפילות און עבודת הקודש אין די ימים נוראים, לא היה דוגמתו בדור הזה, די שבתות במחיצתו של רבינו היו אזעלכע לעכטיגע שבתים, הדבר שעשה עלי הרושם הגדול ביותר היה הקידוש בליל שבת, ואמירת ה' מלך, ושמע ישראל בסעודה השלישית".**

ער האט געזאגט א פלא וואס ער האט געזעהן ביים רבי'ן, די תפילות פון רבי'ן ביי מנחה ערב שב"ק, געווענליך רבי'ס דאווענען פארן עמוד די הויכע שמונה עשרה, די ערשטע ברכות דאווענט מען מיט התלהבות, אנהויב איז גאר שטארק... נאכדעם ווערט שוין אביסל שוואכער... אבער דאס אז דער **'המברך את עמו ישראל בשלום'** זאל זיין מיטן זעלבן דבקות ווי דער **'מגן אברהם'**, דאס האט ער געזעהן ביים רבי'ן.

ה. **רבי יענקעלע** האט געזאגט "אז איך הער א מעשה, און כ'בין נישט עפעס אזוי צופרידן, לייג איך עס נישט אריין אין בוזעם טאש"... (דער זיידע דער שאצער רב ז"ל פלעגט זאגן אז 'אויב ער הערט א מעשה און ער האט אסאך קשיות דערויף, עס שטימט נישט "האב איך דערויף איין תירוץ, אז עס איז ליגנט!".)

ו. איינער האט אמאל געזאגט פאר **רבי יאנקעלע**, דער רבי האט שוין מסתמא דורכגעלערנט 100 מאל יורה דעה, זאגט ער "עה, נאר 43 מאל"...

די רבותא איז אז ער האט געדענקט אז 43 מאל, דאס איז א רבותא נורא, דאס אליין צו געדענקען נישט 42 מאל נאר 43...

ז. ביי **רבי יענקעלע** ז"ל האב איך געזעהן, אז ער האט מכבד געווען א איד מיטן בענטשן, און ער האט נישט געגעבן קיין יישר כח, זאגט ער "עס קומט מיר א חוב פון אייך"...

ער פלעגט זאגן "יישר כח' איז א ברכה, מ'קען נישט מוותר זיין דערויף.

ח. **רבי יענקעלע** פלעגט אויף פארן קיין סקווירא, ער האט געזאגט "ס'איז גוט צו האבן א טאטן מיט א מאמע, דער רבי איז א טאטע, דער סקווערער רבי איז א מאמע".

ט. **רבי יענקעלע** ז"ל האט מיר געזאגט אז עס שטייט אין נועם אלימלך (סוף פרשת קדושים) אז א צדיק וואס איז זיך מקדש די אברים דארף שוין נישט טוהן פארשידענע זאכן, ווי לייגן די סכך, אליין קנעטן די מיירע, וכדומה - ער דארף נאר עסן די מצה - ווייל ער האט שוין קדושת האברים.

האט רבי איציקל געזאגט פאר רבי יענקעלע "כגון דער בעלזער רב"...

---

ו' קעא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' דוד יודא קאהן הי"ו**

---

## רק רצונם לעשות ארדענונג...

פארגאנגענע וואך איז ליידער נפטר געווארן אונזער חשוב'ער זיידע הרה"ח ר' שלום ראזענבערג ז"ל.

ביי די דברי הספד לפני מטתו האט **הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל בעל אגלי דבש שליט"א** דערמאנט אז דער נפטר איז אן אייניקל פון **הגה"ק רבי יוסף יוזפא ראזענבערג זצ"ל אב"ד לאדאן בעמח"ס דברי יוסף**, וואס ער איז געווען לוחם קעגן די מתחדשים בימיו, וואס האבן געזוכט אריינצוברענגען די גוי'אישע לימודים און ארויפצווינגען אויף די ערליכע אידן, און ער האט איבערגעזאגט מורא'דיגע דיבורים וואס ער שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר אויף יורה דעה, וואס איז אזוי וויכטיג פאר די נסיונות וואס מיר גייען אריבער היינט צוטאגס בימינו אלה, און עס איז וויכטיג אז מ'זאל דאס וויסן. מיר זענען מעתיק זיינע ווערטער:

**"ויהי בימי בעת סדרתי את החיבור היה לי ימים של צער ויסורין של ביטול ונשמע ונעשה שמעשה שטן הצליח לבטל תשב"ר והבחורים מן הישיבות, ולנה גזירה שהרבנים במדינתינו יהי' מוכרחים ללמוד חכמות זרות, והכל נצמח מן המסיתים שאומרים שאינם רוצים לעקור התורה, רק רצונם לעשות 'ארדענונג', והרב יהיה לו פי שניים ברוחו, וההמון אינם מרגישים את אשר בלבם להעבירם מן הדת".**

**"והוא כמו שפירשתי מאה"כ כי יסיתך אליך, כמאה"כ שמע בני מוסר אביך, זה תושב"כ, בן אמך זה תושבע"פ, אשר כנפשך כלומר כך דברי המסיתים שאין בדעתינו לבטל מישראל הדת, אלא בין תורה שבכתב ובין תורה שבע"פ יהיה כנפשך. ודעתינו שיהיה הרבנים חכמים בחכמות זרות ג"כ לכבודתם ולכבוד התורה, אבל דע כי בסתר לאמר 'נלכה ונעבדה אלקים אחרים', ומי שיראת ה' נוגע בלבבו למי חייך אוכל מרבה עליו? ולמי מתוק האור לעינים?".**

דער זיידן שליט"א האט שטארק ארויסגעברענגט אז מיר זעהן פון דעם אז די מסיתים ומדיחים פון יענע תקופה זענען אויך געקומען מיט א תמימות'דיגע מאסקע, ווי כאילו זיי ווילן גארנישט, זיי ווילן נאר מאכן 'ארדענונג', און זיי האבן דאס געוואלט ארויפצווינגען אויף די ערליכע רבנים אז זיי זאלן דארפן לערנען אויף דעם אופן מיט די תלמידים. אבער אונזערע רבי'ס גדולי אונגארן האבן לוחם געווען דערקעגן א מלחמת חרמה, ווי מ'זעהט פון די ווערטער די געוואלדיגע צער און עגמ"נ וואס דער לאדאניער רב האט געהאט פון די מחבלי כרם ה' צבקות.

---

ו' קעב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א** מבארדיוב

---

## ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן די טעיפס

עס איז היינט וועלט בארימט די שיעורי תורה-טעיפס פון **כ"ק ש"ב הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זלה"ה**. איז אינטערעסאנט צו וויסן ווי אזוי דאס האט זיך אנגעהויבן.

עס איז געווען א איד וואס פלעגט זיך דרייען אין פשעווארסק נאך ביי **הרה"ק ר' איציקל**, און שפעטער ביי רבי יענקעלע, און ער פלעגט קומען צו די שיעורים, און ער האט באדויערט אז אזעלכע הערליכע חומש רש"י שיעורים און פערל ווערטער ווערן פארלוירן, און ער האט באשלאסן צו רעקארדירן די שיעורים.

אבער קלארערדיג אז רבי יענקעלע וועט נישט מסכים זיין דערצו האט ער באהאלטן דעם טעיפ-רעקארדער אין א 'פלעסטיג בעג' און ער האט דאס מיטגענומען מיט זיך אין די הענט און געהאלטן ביי זיך בשעת'ן שיעור.

עס איז געווען א פלא אז רבי יענקעלע האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן דעם שיעור און געפרעגט "וואס האסטו דארט אין די הענט?", דער איד האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט מודה געווען אז ער האט דארט א טעיפ-רעקארדער וואס טוט רעקארדירן דעם שיעור.

זאגט רבי יענקעלע "פארוואס דארף דאס ליגן אין א זעקל? פארוואס דארפט איר שטיין? לייגט דאס אראפ אויפן טיש אז עס זאל אויפכאפן געהעריג".

און ער האט מסביר געווען "ווי איידער מ'זאל אויסהערן דעם ראדיא, זאל מען ענדערש אויסהערן דעם חומש רש"י שיעור".

האט דער ציבור געזעהן אז עס איז אים ניחא אז מ'זאל רעקארדירן די שיעורים. די קומענדיגע וואך ביים פארלערנען חומש רש"י איז שוין געווען אויפן טיש פופצן טעיפ-רעקארדערס...

---

ו' קעג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקל הי"ו** גזבר קהל יט"ל

---

## תתן אמ"ת ליעק"ב

שטייענדיג אין די טעג בעפאר די יארצייט פון **הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זצוק"ל**, איז כדאי צו דערציילן פון זיין מידת האמת.

עס איז געווען אין די יארן וואס אנטווערפן האט נהנה געווען פון אסאך עשירות, עס זענען געווען גרויסע עשירים וואס האבן געמאכט אסאך געלט אין די בערזע, וואס דאס האט אויטאמאטיש געצויגן אסאך משולחים קיין אנטווערפן.

אין איינע פון די טעג איז אנגעקומען א משולח פון ירושלים עיה"ק, און ער האט פארשטאנען אז רבי יענקעלע וועט אים געבן א שיינעם סכום, איז ער אריין מיט א קוויטל מיט די כוונה אז דער רבי וועט אים געבן א שיינע נדבה.

זאגט אים רבי יענקעלע אזוי "דו ווייסט דאך דאס אמת אז דו האסט אליין א רבי, איך בין נישט דיין רבי, דו ברענגסט מיר א קוויטל, ווייל דו ווילסט דאך האבן אפאר פראנק, איך געב דיר גערן די פאר פראנק, און נעם דאס קוויטל און גיב דאס פאר דיין רבי'ן, איך רעכן דעיר אפילו נישט אראפ דאס קוויטל געלט אויך נישט".

א אינגערמאן האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות, און עס האט זיך געשלעפט מיטן זמן פונעם ברית, אינצווישן איז דער עולם צוריק געקומען פון וויקאציע, און דער זיידע פונעם אינגערמאן איז אהיים געקומען, און דער אינגערמאן האט געהאט א פראבלעם ווילנדיג מכבד זיין דעם זיידן.

איז ער אריין צום רבי'ן און זאגט אים "רבי, איך האב א פראבלעם, איך האב מכבד געווען דעם רבי'ן מיט סנדקאות, איך וויל אז דער רבי זאל זיין סנדק, אבער דא איז מיין זיידע אהיים געקומען און עס פאסט אז איך זאל אים געבן סנדקאות, און איך ווייס נישט וואס ראיך זאל אים זאגן".

זאגט אים רבי יענקעלע אזוי, לאמיר דיך אויסלערנען, דו ביסט מיין חסיד און איך בין דיין רבי, איך ווייס נישט אויב איך בין דיין עכטע רבי, איך ווייס אויב איך בין ראוי צו זיין א רבי, איך ווייס נאכנישט אויב דו ביסט א חסיד, אפשר ביסטו נישט, דאס איז א ספק ספיקא, אבער דיין זיידע איז זיכער א זיידע, נעם די סנדקאות און געב דאס פאר דיין זיידן".

און ער האט צוגעגעבן "איך וועל אי"ה זיין ביים ברית, און סיי וועלכע כיבוד וועט מיר זיין גוט".

כל הזכויות שמורות להמו"ל

# אז תתענג

דברי תורה וחסידות ועניני מוסר מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע
יוצא לאור מדי שבוע בשבוע וליומא דפגרא להתענג בתענוג רוחני במילי דחדוותא

## פרשת תולדות תשפ"ג לפ"ק - כיתה ו'

בעזהשי"ת

לע"נ אאמו"ר מו"ה **אברהם** ב"ר **משה זאב** ז"ל (ראזענבערג) - ב' מנחם אב תשע"ה
ולע"נ אחי מו"ה **יצחק** ב"ר **אברהם** ז"ל - ז' ניסן תשפ"ב
ולע"נ מו"ה **משה זאב** ע"ה ב"ר **מיכאל דוב** שליט"א (פישער) - ולע"נ מו"ה **אליעזר צבי** ע"ה ב"ר **יום טוב הלוי** שליט"א (יאזשעף)

**ורבקה אמרה אל יעקב בנה "לאמר" הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך "לאמר".**

ס'שטייט אין פסוק, אז רבקה האט געזאגט צו יעקב איר זון אזוי צו זאגן, איך האב געהערט אז דיין טאטע רעדט צו עשו דיין ברודער אזוי צו זאגן.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט צוויי מאל דאס ווארט **לאמר**.

מ'קען דאס פארענטפערן, לויט ווי ס'איז באקאנט, אז דאס ווארט **לאמר**, מיינט א ווייכע לשון, (אנדערש ווי **וידבר**, וואס ס'מיינט, שטרענגע רייד). יעקב האט מסתמא גערעדט מיט א ווייך און איידל לשון, אזוי ווי ס'איז דער סדר פון צדיקים, און עשו האט גערעדט מיט א הויעך און שטרענגע לשון.

קען מען זאגן, אז יצחק האט געגעבן אן עצה פאר עשו, אז יעקב זאל אים נישט קענען צוכאפן די ברכות, אז ער זאל רעדן מיט א ווייער לשון, אנדערש ווי געווענליך וואס ער פלעגט רעדן הויעך, ווייל אויב יעקב וועט אויסכאפן די ברכות וועט ער זיך דאך זיכער מאכן אזוי ווי עשו, און רעדן הויעך, דעריבער אלס סימן, זאל ער (עשו) רעדן ווייער, אזוי וועט יצחק וויסן אז ס'איז עשו.

רבקה איז מיט רוח הקודש געוואויר געווארן פון דעם סוד, דערפאר האט זי געזאגט צו יעקב, אז ווען ער וועט אריינגיין צו יצחק, זאל ער נישט נאכמאכן דעם קול פון עשו וואס רעדט הויעך, נאר ער זאל רעדן ווייער פונקט ווי ער רעדט אייביג, ווייל יצחק האט אפגעשמיסט מיט עשו, אז ער (עשו) זאל רעדן ווייער, ממילא ווען יעקב וועט רעדן ווייער, וועט יצחק מיינען אז דאס איז עשו.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, **ורבקה אמרה אל יצחק בנה "לאמר"**, און רבקה האט געזאגט צו יעקב איר זון, אז **לאמר**, ער זאל רעדן מיט א ווייער לשון, אזוי ווי ער רעדט געווענליך, פארוואס טאקע זאל ער נישט רעדן הויעך און נאכמאכן עשו, ווייל, **הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך "לאמר"**, כ'האב געהערט אז דיין טאטע יצחק האט אפגעשמועסט מיט עשו אז **לאמר**, ער זאל רעדן ווייער, דערפאר זאלסטו אויך אזוי רעדן.

(אוהב ישראל)

דאס קען זיין פשט אין פסוק (וואס ס'שטייט ווען יעקב איז אריינגעקומען צו יצחק), אז יצחק האט געזאגט, **הקול קול יעקב והידים ידי עשו**, אז ס'זעט אויס אז דאס איז עשו, ווייל דער קול איז ווייער אזוי ווי יעקב'ס קול, אזוי ווי מ'האט אפגעשמועסט אז ער זאל רעדן ווייער, און די הענט איז אזוי ווי עשו'ס.

אבער למעשה מיט'ן רשע עשו קען מען גארנישט אפשמועסן, ער טוט ממילא ווי אזוי ער פארשטייט, אזוי ווי ס'איז טאקע געווען, ווען ער איז אריינגעקומען צו יצחק האט ער גערעדט הויעך, אנדערש ווי מ'האט אפגעשמועסט אז ער וועט רעדן ווייער.

* * *

**משמני הארץ יהי' מושבך.**

רש"י שרייבט, זו איטליא של יון, אז נאכדעם וואס יעקב האט צוגעכאפט די ברכות, האט יצחק געזאגט פאר עשו, איך קען דיר שוין גארנישט געבן, נאר איטליא של יון.

דארף מען פארשטיין אויב יצחק האט שוין אלעס געגעבן פאר יעקב, ווי אזוי קען ער געבן איטליא, פאר עשו.

נאר די גמרא זאגט אין מס' שבת, אז ווען שלמה המלך האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פרעה, האט דער מלאך גבריאל אריינגעשטעקט א שטעקן אין ים, וואס אויף דעם איז שפעטער אויפגעבויעט געווארן די שטאט רום, וואס דארט איז איטליא של יון, קומט אויס אז איטליא איז נאכנישט געווען ווען יצחק האט געזאגט פאר יעקב, **מטל השמים ומשמני הארץ**, ממילא האט ער דאס געקענט געבן פאר עשו.

(חנוכת התורה)

# מעשיות על הפרשה

הרה"ק דער חקל יצחק פון ספינקא זצ"ל פלעגט דערציילן בשם הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זצ"ל, אז ס'שטייט דאך אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן, יעקב האט גענומען עולם הבא און עשו האט גענומען עולם הזה.

עשו, ווייל ער האט גענומען עולם הזה, איז ער ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס און זיך געדרייט אין די וועלדער און אין די פעלדער, עולם הזה איז דאך זיינ'ס, און יעקב אבינו האט זיך געזעצט אין בית המדרש, און געמאכט א ישיבה צו לערנען מיט תלמידים, ער האט דאך נישט וואס צו זוכן אויפ'ן גאס, עולם הזה איז דאך נישט זיינ'ס.

**עשו טרעפט א ווארימע בית המדרש**

אמאל האט פאסירט אז עשו איז געגאנגען אין וואלד פאנגען חיות, ער האט זיך פארזוימט ביז שפעט אין די נאכמיטאג שעות, און עס איז געווארן נאכט, און פלוצלונג דערזעט ער זיך אין א טונקעלן וואלד, און ער טרעפט נישט קיין וועג ארויס, עס איז א קאלט, ער איז הונגעריג און מיד און ער האלט דאס נישט אויס.

נאך לאנג ארום קלעטערן באמערקט ער פונדערווייטענס עפעס א ליכטיגקייט, ער שלעפט זיך אהין מיט זיינע לעצטע כוחות, ער גייט אריין און דערכאפט זיך דאס לעבן מיט עפעס ווארעמס, און קומט צו זיך, נאך א קורצע צייט קוקט ער זיך אום וואו ער איז אריינגעפאלן, זעט ער ווי ער זיצט גאר אין בית המדרש, מען זיצט דא און מ'לערנט, עס איז צוגעשטעלט הייצונג צו אנווארמען די חשובע תלמידים, און פיינע ווארעמע קאווע צו טרינקען, און זיין ברודער יעקב זיצט אויבן אָן, און איז פארטיפט אין לערנען, ער האלט אינמיטן די סוגיא אין מס' בבא קמא פרק מרובה דף ע"ז ע"א, דארט וואו ס'איז דא איין שורה גמרא און א גאנצע עמוד תוספת.

**עשו איז געווארן ווילד און איז מלא טענות**

עשו איז געווארן ווילד, און באפאלט יעקב מיט טענות, מיר האבן זיך דאך צוטיילט אין די צוויי וועלטן, איך האב גענומען עולם הזה און דו עולם הבא, און דערווייל איז פונקט פארקערט, איך ווער ממש פארפרוירן אין די גאסן און אין די וועלדער, און דו זיצט דא באקוועם אין א ווארעם בית המדרש.

האט אים יעקב געזאגט, דו ביסט גערעכט, אזוי ווי עולם הזה איז דיינס, געב איך דיר טאקע שוין איבער דאס ווארעמע בית המדרש, און דו געב מיר דיין פערד און וואגן, יעקב האט איבערגעגעבן זיין פלאץ פאר עשו, און ער האט זיך געזעצט אויפ'ן וואגן, און איז אוועק פון בית המדרש.

**די גבאים האבן אויפגעהערט צו הייצן**

עשו האט זיך געזעצט אויבן אָן אויף יעקב'ס פלאץ מיט א ווארעמע קאווע, עולם הזה איז דאך זיינס, מיטאמאל באמערקן די תלמידים וואס דא איז געשען, יעקב איז נישטא מער, און עשו זיצט גאר אויבן אָן, עס איז מער נישט דא ווען צו פרעגן פשט אין תוספות, צוביסלעך האבן די תלמידים אנגעהויבן ארויסצוגיין פון בית המדרש, און אז דאס בית המדרש איז געווארן ליידיג, האבן די גבאים אויפגעהערט צוצושטעלן הייצונג און ווארעמס צו טרינקען, און די ליכט איז אויסגעגאנגען.

עס איז דורך א קורצע צייט, טרעפט זיך עשו אין א טונקלע קאלטע בית המדרש, טראכט ער צו זיך, דאס איז דאך ווייט פון עולם הזה, לויפט ער שנעל ארויס און ער זוכט אויף יעקב, און ער זאגט אים, ס'איז א טעות, א קאלט טונקל בית המדרש איז נישט קיין עולם הזה, דו קענסט צוריק גיין אין בית המדרש, איך דארף עולם הזה.

**די פערד און וואגן בלייבט ביי מיר**

האט אים יעקב געענטפערט, איך גיי צוריק אין בית המדרש, אבער די פערד און וואגן בלייבט ביי מיר, און יעקב איז צוריקגעגאנגען אין בית המדרש.

דער חקל יצחק האט אויסגעפירט, אז זיין פאטער דער אמרי יוסף זצ"ל האט צוגעלייגט, אז דעמאלטס ווען יעקב האט נישט געוואלט צוריקגעבן די פערד און וואגן פאר עשו, איז געבליבן די פערד און וואגן ביי די צדיקים, און זיי פארן ארום אין די שטעט מתקן צו זיין די ניצוצים הקדושים.

<><><><>

**יעדער זאל ערליך פארדינען וואס עס קומט אים**

איינמאל פרייטאג צו נאכטס פרשת וישב ווען הרה"ק ר' ווָעלוועלע זבארישער [דער זון פון הרה"ק ר' מיכל'ע זלאטשובער זי"ע] איז אהיימגעקומען פון בית המדרש האט ער געהערט ווי א גוי רעדט צו זיך אליין און זאגט,

אז די שמוציגע אידן האבן גארנישט, נישט קיין עולם הזה [די וועלט] און נישט קיין עולם הבא [יענע וועלט], נאר זיי וועלן האבן גיהנם, אבער מיר גוים וועלן האבן גן עדן.

ר׳ וועלוועלע האט אריינגעטראכט אין זיינע ווערטער און האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער גוי זאגט אזוי, פארוואס האלט ער אז מיר אידן האבן גארנישט און ער האט אלעס, ס׳האט אים זייער געשטערט און האט נישט געקענט מאכן קידוש.

נאכ׳ן אריינקלערן האט ער מסביר געווען אז מ׳האט אים אנטפלעקט פון הימל, אז ס׳שטייט דאך אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט די וועלטן, יעקב האט באקומען עולם הבא און עשו עולם הזה, ממילא האט הקב״ה ספעציעל אזוי געמאכט אז יעדער זאל ערליך פארדינען וואס עס קומט אים באמת.

דעריבער אויב וואלטן די גוים געוואוסט וואס פארא גוטס עס וואַרט אפ פאר די אידן אויף יענע וועלט און זיי וועלן נישט זוכה זיין דערצו, וואלטן זיי זיך גאר שטארק מצער געווען דערויף און ס׳וואלט צוגעברענגט אז זיי וואלטן נישט הנאה געהאט אפילו פון די וועלט [עולם הזה], דעריבער האט הקב״ה געמאכט אז זיי זאלן זיך איינרעדן אז די אידן וועלן גארנישט באקומען אויף יענע וועלט, פארקערט זיי מיינען גאר אז זיי וועלן דאס באקומען, און אזוי ארום קענען זיי כאטש הנאה האבן פון די וועלט.

און ביי די אידן איז פונקט פארקערט, אויב וואלטן זיי געוואוסט וואס פארא גוטס עס וואַרט זיי אויף יענע וועלט [עולם הבא] וואלטן זיי געווען זייער פרייליך און וואלטן אויך הנאה געהאט פון די וועלט [עולם הזה], דעריבער האט הקב״ה געמאכט אז אן ערליכער איד האט אלעמאל ספיקות, אייביג שפירט ער אז ער האט נישט גענוג געטאן און אפשר דארף ער נאך עפעס פארריכטן, קומט אויס אז ער נישט קיין הנאה פון די וועלט [עולם הזה], און אזוי ארום איז ער ראוי צו באקומען עולם הבא.

<><><>

### דער גרוב איז געווארן א קוואל וואסער

אמאל איז א חסיד געקומען צו הרה״ק רבי הערשעלע זידיטשובער זי״ע, און געזאגט אז דער פריץ האט אים אנגעטראגן צו פארדינגען א גרויסע האטעל וואס געפונט זיך ביי א פרשת דרכים (א פלאץ וואו דער וועג צוטיילט זיך אויף עטליכע וועגן, און אסאך מענטשן פארן דארט אדורך), און ער וויל וויסן צי ער זאל דאס דינגען.

### ס׳איז נישטא דארט קיין ברונעם

דער איד האט צוגעלייגט, אז אויב עס וואלט געווען נעבן דעם האטעל א ברונעם וואסער וואלט מען געקענט מאכן אסאך געלט, ווייל אלע סוחרים וואס פאָרן צום גרויסן מארק וואס קומט פאַר אין האלמין פאָרן דורך דעם האטעל, אבער אזוי ווי ס׳איז נישטא קיין ברונעם פאָרן זיי א לענגערע וועג צו אן אנדערע האטעל, וואס דארט איז יא דא א ברונעם וואסער.

הרה״ק רבי הערשעלע האט געזאגט פאר דעם איד, גיי דינג אפ דעם האטעל פונעם פריץ, אבער פאר וויינציגער געלט וואס ער האט דיר אנגעטראגן, און נאכדעם זאלסטו דינגען ארבעטערס וואס זאלן גראבן א גרוב נעבן דעם האטעל, און נאכן גראבן עטליכע פוס אין דער ערד זאלסטו קומען צו מיר, און איך וועל דיר זאגן וואס צו טאן ווייטער.

### אריינלייגן א צעטל אין דעם גרוב

דער איד האט געטאן וואס דער רבי האט געהייסן, ער האט געדינגען דעם האטעל פאר א ביליגע פרייז און ער האט געגראבן נעבן דעם, נאכ׳ן גראבן איז ער געקומען צום רבי׳ן, און דער רבי האט געהייסן ער זאל גראבן נאך אביסל, און ער זאל אריינלייגן אין דעם גרוב א צעטל אויף וואס ער זאל אויפשרייבן דעם פסוק פון די וואכעדיגע פרשה **׳ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו שם באר מים חיים׳** - די קנעכט פון יצחק אבינו האבן געגראבן אינעם טייך, און זיי האבן געטראפן דארט א קוואל וואסער.

דער איד האט אזוי געטאן, און תיכף ווען ער האט אריינגעלייגט דאס צעטל האט זיך דער גרוב אנגעפולט מיט וואסער, און פון דעמאלטס אן זענען אלע סוחרים וואס זענען דארט אדורכגעפארן אריינגעקומען צו זיין האטעל, וואו זיי האבן געגעסן און געשלאפן, און געקויפט שטרוי און עסן פאר די בהמות, און דער איד איז געווארן א גרויסער עושר.

### דער פריץ פארדינגט פאר׳ן גוי

ווען דער גוי, דער בעל הבית פונעם אנדערן האטעל, האט געזען אז מ׳האט אויפגעהערט צו קומען צו זיין האטעל, איז ער געגאנגען צום פריץ וועלכער האט פארדינגען דעם האטעל פאר׳ן איד, און געזאגט אז דער איד האט אים אפגענארט, ער האט געדינגען פון אים א האטעל פאר א ביליגערע פרייז פון וויפיל ס׳איז באמת ווערד, און ער איז גרייט צו דינגען דעם האטעל פאר פיל מער וויפיל דער איד האט באצאלט, דער פריץ האט גליך מסכים געווען

צו פארדינגען דעם האטעל פאר'ן גוי און ער האט פארשיקט דעם איד.

דער איד איז געפארן צו רבי הערשעלע זידיטשובער זי"ע, און זיך באקלאגט אז דער פריץ האט אים צוגענומען דעם האטעל, האט אים דער רבי געזאגט ער זאל נעמען א צעטל און אויפשרייבן דערויף דעם פסוק וכל הבארות אשר חפרו עבדי אביו בימי אברהם אביו סתמום פלשתים וימלאום עפר (די אלע ברונעמס וואס די קנעכט פון אברהם אבינו האבן געגראבן האבן די פלשתים פארשטאפט און אנגעפולט מיט ערד), און ער זאל דאס אריינווארפן אינעם ברונעם.

**דער ברונעם איז געווארן אויסגעטרוקענט**

דער איד האט אזוי געטאן, און גלייך דערנאך האט אויפגעהערט צו רינען דאס וואסער, און ביז א קורצע צייט האט זיך דער ברונעם אינגאנצן אויסגעטרוקענט, און מענטשן האבן אויפגעהערט צו קומען צום האטעל.

די גוים פון דארף האבן זיך געוואונדערט וויאזוי דער קוואל וואו ס'איז געקומען פרישע וואסער האט פלוצלינג אפגעטרוקענט, און זיי זענען געגאנגען צום פריץ און זיך באקלאגט אז דער ברונעם איז פלוצלינג געווארן אויסגעטרוקענט.

דער פריץ האט גלייך פארשטאנען אז דאס האט פאסירט ווייל ער האט פארשיקט דעם איד, האט אים דער פריץ געלאזט רופן און אים געזאגט אז ער האט חרטה אויף דעם וואס ער האט אים פארשיקט און ער וויל אים צוריקגעבן דעם האטעל, האט דער איד געזאגט אז ער קען גארנישט טאן פאר ער פרעגט דעם רבי'ן.

**נאכאמאל אנגעהויבן צו פליסן וואסער**

דער איד איז נאכאמאל געפארן קיין זידיטשוב, און דער רבי האט אים געזאגט אז נאר אויב דער פריץ וועט פארדינגען דעם האטעל פאר דעם זעלבן פרייז ווי דאס פריערדיגע מאל, זאל ער עס דינגען פון אים, און נאכדעם זאל ער אריינווארפן א צעטל אינעם ברונעם מיט'ן פסוק ויחפור באר אחרת ולא רבו עליה ויקרא שמה רחובות, ויאמר כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ (ער האט געגראבן אן אנדערע גרוב און מען האט זיך נישט געקריגט דערויף, און ער האט איר א נאמען געגעבן רחובות, און געזאגט, ווייל יעצט האט דער אויבערשטער אונז פארברייטערט און אונז פרוכטבאר מיר זיך אין לאנד).

דער איד האט געטאן וואס דער רבי האט געהייסן, און דער ברונעם האט נאכאמאל אנגעהויבן צו פליסן וואסער, און די סוחרים זענען ווייטער געקומען צום האטעל, און פון דעמאלטס איז שוין דער איד דארט געבליבן אסאך יארן אן קיין שום שטער.

## ער האט געלערנט נאר סוף וואך, כדי צו קענען ביים פארהער

**ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה ויעקב איש תם יושב אוהלים.**

הגה"ק ר' משה ארי' פריינד זצ"ל, דער ירושלימ'ער רב, האט דערציילט, אז דער רבי זי"ע האט אמאל געזאגט בדרך צחות, אז עס זענען אסאך מאל פאראן תלמידים וואס פארלאזן זיך אויף זייער גוטע קאפ וואס הקב"ה האט זיי געשאָנקן, און לכבוד דעם לערנען זיי נישט פלייסיג א גאנצע וואך, זיי שמועסן אפ די גאנצע צייט, און זענען פארנומען מיט נארישקייטן, און פארלאזן זיך אז סוף וואך ווען מ'וועט פארהערן וועלן זיי שוין עפעס מאכן א פאפעריי, און וועלן שוין פרעגן א חבר, אדער וועלן זיי שוין דעמאלט אריינקוקן אין די גמרא, און מ'וועט מיינען אז ער האט געלערנט פלייסיג.

אבער דער אמת איז, אז דאס הייסט נישט געלערנט, און דאס איז נישט דער דרך פון יעקב, וואס זיין מדה איז אמת, וואס האט זיך אנגעשטרענגט א גאנצע וואך צו לערנען פלייסיג, און נישט פארברענגט די צייט מיט דברים בטלים.

דאס איז פשט אין פסוק, **ויהי עשו איש יודע ציד**, ווי רש"י טייטשט, יודע לצוד ולרמות את אביו, עשו האט גוט געקענט פאָפן זיין טאטע, ער האט געלערנט נאר סוף וואך כדי צו קענען פאפן זיין טאטע ביים פארהער, כאילו ער האט געלערנט, ממילא איז ער געווען אן **איש שדה**, א ליידיגער מענטש וואס דרייט זיך אין די פעלדער, א גאנצע וואך האט ער געטראכט, אז ער האט נאך צייט ביז סוף וואך, אבער יעקב איז געווען **איש תם**, א תמימות'דיגער, **יושב אהלים** ער איז געזעסן און געלערנט א גאנצע וואך לשם שמים. (עטרת יהושע)

# רבי און אנטונינוס

ס'שטייט די וואך אין די סדרה, אז שֵׁם האט געזאגט פאר רבקה, שני גוים בבטנך, זי וועט געבוירן צוויי פעלקער.

רש"י שרייבט, אז דערפאר איז דער כתיב אין ספר תורה גיים, (ס'שטייט אין ספר תורה מיט צוויי יודי"ן), ווייל ס'איז א לשון פון גאים, גרויס, אז פון רבקה וועלן ארויסקומען צוויי גרויסע עשירים, אנטונינוס און רבי, פון עשו וועט ארויסקומען אנטונינוס, און פון יעקב וועט ארויסקומען רבי, זיי זענען געווען זייער גרויסע עשירים, אז האבן אייביג געהאט רעטעך און סאַלאָט (דאס וואס רש"י חזרת מיינט סאַלאָט, דאס וואס מ'עסט פסח ביים סדר פאר מרור), סיי ווינטער און סיי זוממער, נישט ווי אנדערע מענטשן וועלכע קענען נישט האבן אלע סארט עסן א גאנץ יאר, צוליב דעם וואס ס'וואקסט אין ווייטע פלעצער, און ס'איז זייער טייער צו ברענגען.

רבינו הקדוש, וועלכער איז געווען אן אייניקל פון יעקב אבינו, איז געווען דער רבי פון כלל ישראל, ער האט מסדר געווען די משניות, און אנטונינוס, עשו'ס אייניקל, איז געווען דער רוימישער קעניג, און איז געווען זייער נאנט צו רבי ווי ווייטער ערקלערט.

## געבוירן געווארן אין זעלבן טאג

ס'שטייט אין סדר הדורות אז אינעם יענעם טאג וואס מ'האט גע'הרג'עט דעם הייליגן תנא ר' עקיבא, (וועלכער איז געווען דער לעצטער פון די עשרה הרוגי מלכות), זענען געבוירן געווארן אנטונינוס און רבי.

אין יענע צייט האבן געהערשט די רוימישע קעניגרייך, און האבן אונטערדרוקט די אידן מיט זייער שוועריגקייטן, און אפילו שפעטער ווען אנטונינוס האט געקעניגט און איז געווען זייער נאנט מיט רבינו הקדוש, דאך האט געהערשט א געוואלדיגע שנאה קעגן די אידן, אז דערפאר האט דער קייסער געשטעלט שומרים און פאָליציי וועלכע זאלן אכטונג געבן אויף רבינו הקדוש, און מ'זאל באשטראפן די וואס טשעפענען מיט אים.

## אויפגעטוישט די קינדער

ס'שטייט אין תוספות אין מסכת עבודה זרה (י':) אז איינמאל האבן די גוים גוזר געווען א גזירה אויף די אידן, אז קיינער טאר נישט מאכן קיין ברית פאר א נייע געבוירענע קינד.

פונקט אין יענע צייט, האט רבי שמעון בן גמליאל געבוירן זיין זון רבינו הקדוש (רבי יהודה הנשיא), זיין טאטע האט זיך נישט דערשראקן און האט געזאגט, הקב"ה האט באפוילן אז מיר מוזן מאכן א ברית פאר אונזערע קינדער, דעריבער כאטש די גוים האבן גוזר געווען אויף אונז, אז מיר זאלן נישט מאכן קיין ברית, קענען מיר נישט מבטל זיין די מצוה פון הקב"ה צוליב די די גזירה פונעם קעניג, און רבי שמעון בן גמליאל האט יא געמאכט א ברית אויף זיין ניי געבוירן קינד רבינו הקדוש.

ווען דער הער פונעם שטאט איז געוואויר געווארן אז רבי שמעון בן גמליאל האט נישט אויסגעפאלגט דעם געזעץ פונעם קעניג, האט ער געשיקט רופן רבי שמעון בן גמליאל, און אים געפרעגט, פארוואס האסטו עובר געווען אויף דער גזירה פונעם קעניג און האסט געמאכט א ברית פאר דיין זון, האט רבי שמעון געענטפערט זייער קלאר, אז וויבאלד הקב"ה האט אונז באפוילן אז מיר זאלן יא מאכן א ברית, האב איך אים געמוזט פאלגן.

האט אים דער שר געזאגט, ביי מיר ביסטו טאקע זייער חשוב, איך ווייס אז דו ביסט דער פירער פון די אידן, און איך אליינס וועל דיר גארנישט טאן, אבער איך קען דיך נישט אינגאנצן פריי לאזן, ווייל מסתמא וועט דער קעניג געוואויר ווערן דערפון, דעריבער וועל איך דיך שיקן צום קעניג, און ער וועט טאן מיט דיר וואס ער וויל, האט רבי שמעון בן גמליאל געזאגט צום שר, איך האב נישט קיין מורא, פון טאן די מצוות פון הקב"ה, דערלייגט מען נישט.

דער שר האט גענומען רבי שמעון מיט זיין פרוי און דאס נייע געבוירן קינד, און זיי געשיקט צום קעניג, אינמיטן גיין איז געווארן נאכט, און זיי האבן געמוזט נעכטיגען ערגעץ אינמיטן וועג, זיי זענען אריין אין די הויז פון דער טאטע פון אנטונינוס, און פונקט אין יענע צייט איז אנטונינוס געבוירן געווארן, די מאמע פון אנטונינוס האט געפרעגט די מאמע פון רבינו הקדוש, וואו זי גייט מיט איר ניי געבוירן קינד, האט זי געענטפערט, אז זי גייט צום קעניג, ווייל ער האט גוזר געווען א גזירה אז מ'טאר נישט מאכן קיין ברית, און מיר האבן יא געמאכט א ברית, דעריבער פירט מען אונז צום קעניג וועלכער וועט אונז באשטראפן.

ווען די מאמע פון אנטונינוס האט דאס געהערט, האט זי געזאגט צו די מאמע פון רבינו הקדוש, אויב דו ווילסט, בין איך גרייט זיך צו טוישן, טראג צום קעניג מיין קינד וואס איז נישט גע'מל'ט, און געב מיר אהער דיין קינד, און ווען דו וועסט קומען צום קעניג, און ער וועט זען אז דאס קינד איז נישט גע'מל'ט, וועט ער דיך באפרייען, און דו וועסט מיר צוריקברענגען מיין קינד, אזוי וועסטו ראטעווען דיין לעבן און דיין קינד'ס לעבן, די מאמע פון רבי האט אנגענומען דעם עצה, און זי איז געגאנגען צום קעניג מיט'ן קינד אנטונינוס, און דער שר

וועלכער איז מיטגעגאנגען מיט זיי, האט נישט געוואוסט פונעם טויש וואס די מאמע האט געמאכט אינמיטן די נאכט.

ווען דער שר איז אנגעקומען צום קעניג, האט ער געזאגט אדוני המלך, איך ברענג דיר דא רבן שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי, וועלכע האבן עובר געווען אויף דיין גזירה, און האבן געמאכט א ברית פאר זייער קינד, דער קעניג איז געווארן אין כעס, און האט באפוילן פאר זיינע באדינערס אז זיי זאלן אים אריינברענגען דאס קינד, ווען די באדינערס האבן אים געברענגט, האט מען געזען אז ס'איז שקר, מ'האט אים נישט גע'מל'ט, דער קעניג איז געווארן אין כעס אויפ'ן שר, און האט געשריגן אויף אים, פארוואס מאכסטו חוזק פון מיר, איך זעע אז זיי האבן יא געפאלגט די גזירה, און נישט גע'מל'ט זייער קינד.

## די גזירה איז בטל געווארן

דער שר האט געענטפערט, איך זאג דיר, אז זיי האבן יא גע'מל'ט דאס קינד, זעט אויס אז הקב"ה האט זיי געמאכט א נס אז ס'זאל נישט אויסזען אז ער איז גע'מל'עט, אבער דער קעניג האט נישט געוואלט הערן קיין תירוצים, און האט באפוילן אז מ'זאל הרג'ענען דעם שר וואס האט געברענגט רבינו הקדוש מיט זיין מאמע, און ער האט אויך מבטל געווען די גזירה, און האט געזאגט, אז פון היינט און ווייטער מעג מען שוין יא מאכן א ברית, דער קעניג האט אהיימגעשיקט רבן שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי און דאס קינד.

אויפן וועג אהיים, איז די מאמע פון רבינו הקדוש געגאנגען צו די מאמע פון אנטונינוס אפצונעמען איר אמת'דיגע זון, און אפגעבען אנטונינוס צו זיין מאמע, האט די מאמע פון אנטונינוס געזאגט, אז ווייל הקב"ה האט געמאכט א נס צו דיין קינד דורך מיין זון, דעריבער זאלן די צוויי קינדער זיין גוטע פריינד ביז אייביג.

## מ'וועט זיי באשטראפן צוזאמען

אנטונינוס פלעגט זיך אדורכשמועסן אסאך ענינים מיט רבינו הקדוש, איינמאל האט אנטונינוס געפרעגט רבינו הקדוש, אז לכאורה ווען מען משפט א מענטש נאכ'ן שטארבן אויף די עבירות וואס ער האט געטאן, וואלטן זיך דער גוף מיט די נשמה געקענט ארויסדרייען מיט א גוטן תירוץ, דער גוף קען טענה'ן אז די נשמה האט געזינדיגט, ווייל מ'זעט דאך אז פון ווען די נשמה האט אים איבערגעלאזט, (נאכ'ן נפטר ווערן), ליגט דער גוף ווי א שטיין, און זינדיגט נישט, און די נשמה קען טענה'ן פארקערט, אז נישט ער האט געזינדיגט, ווייל מ'זעט דאך, אז פון ווען ער האט אפגעלאזט דעם גוף, זינדיגט ער מער נישט.

האט רבי אים געענטפערט מיט א משל, ס'איז אמאל געווען א קעניג, וועלכער האט געהאט א הערליכע שיינע גארטן מיט פרישע געצייטיגטע פייגן, און ער האט געשטעלט צוויי שומרים וועלכע זאלן אפהיטן דעם גארטן אז קיינער זאל דאס נישט גנב'ענען, איין שומר איז געווען א הינקעדיגער ל"ע, וועלכער האט נישט געקענט גיין, און דער צווייטער שומר איז געווען א בלינדער ל"ע, וועלכער האט גארנישט געקענט זען.

איינמאל זאגט דער הינקעדיגער פאר'ן בלינדער, איך זע זייער פרישע פייגן, אבער אזוי ווי איך קען נישט גיין, דעריבער הייב מיר אויף אויף דיין אקסל, און איך וועל דיר זאגן וואו דו זאלסט מיך פירן, און מיר וועלן זיך צוטיילן מיט די פרישע פירות, זיי האבן טאקע אזוי געטאן, און האבן זיך מחיה געווען מיט די פרישע פייגן.

ווען דער קעניג האט געזען אז עס פעלן זייער אסאך פירות, האט ער געפרעגט די שומרים, וואו זענען די שיינע פרוכט, ווער האט דאס גע'גנבע'ט, אפשר האט עטץ דאס אויפגעגעסן, האט דער בלינדער געענטפערט, אז ס'קען נישט זיין אז ער האט דאס געטאן, ווייל ער קען דאך נישט זען, האט דער קעניג געפרעגט דעם הינקעדיגן אויב ער האט דאס גע'גנב'עט, האט ער אויך זיך ארויסגעדרייט זאגנדיג, אז ס'קען נישט זיין אז ער איז דער גנב, ווייל ער קען דאך נישט גיין.

דערנאך איז דער קעניג געוואויר געווארן אז זיי האבן זיך צוזאמענגעשטעלט און האבן אינאיינעם גע'גנב'עט, האט דער קעניג געזאגט, אזוי ווי איר האט גע'גנב'עט, אזוי וועל איך אייך באשטראפן, מ'וועט ענק צוזאמענשטעלן אינאיינעם, און אזוי וועט מען אייך הרג'ענען.

דער נמשל איז פארשטענדליך, דער גוף אליינס און די נשמה אליינס קענען טאקע נישט זינדיגן, אבער מ'וועט זיי צוזאמענשטעלן אינאיינעם, און אזוי וועט מען זיי באשטראפן.

## נאר בעטן אז מ'זאל מאכן זיין זון קעניג

די גמרא דערציילט אין מסכת עבודה זרה (דף י') אנטונינוס האט געזאגט צו רבי, איך וויל אז נאך מיין שטארבן זאל מיין זון אסוירוס זיין קעניג אנשטאט מיר, ער האט דאס געבעטן, ווייל אין רוים פלעגט מען געווענליך נישט איבערגעבן די קעניגרייך פאר דעם זון פונעם פריערדיגן קעניג, אדער פאר איינעם פון די משפחה, אזוי ווי מען פירט זיך ביי אלע אנדערע לענדער, נאר מ'האט צוזאמענגערופן אלע מענטשן פון די שטאט אין א גרויסע שטוב, און מ'האט אריינגעברענגט א פויגל וואס זאל דארט ארום פליען, ס'איז נישט געווען קיין שום פלאץ וואו די פויגל זאל זיך קענען אפרוען, און די פייגעל איז ארומגעפליגן א גאנצן צייט, ביז זי איז געווארן מיד פון פליען, און זי האט זיך אפגעשטעלט אויפ'ן קאפ פון איינע פון די מענטשן אין שטוב, און אויף וועמען די פויגל האט גערוט, דער איז געווארן קעניג אין רוים, אפילו ער איז נישט געווען פאסיג אלס א קעניג, דעריבער האט אנטונינוס געוואלט אז ביי אים זאל מען יא מאכן אן אויסנאם און זיין זון זאל ווערן קעניג.

אויך האט אנטונינוס געוואלט איינפירן, אז די שטאט טבריה זאל זיין פריי פון צאלן שטייער, ווייל ער האט געהאט א געוואלדיגע ליבשאפט צו די מענטשן פון טבריה, ווייל זיי זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים.

האט אנטונינוס געזאגט פאר רבי, איך קען נישט פארלאנגען ביי די הערן פון רוים ביידע זאכן, איך שפיר אז נאר איין זאך וועלן זיי מיר נאכגעבן אבער נישט קיין צוויי, דעריבער האט ער געפרעגט רבי אן עצה, וועלכע פון די צוויי ער זאל ענדערש פארלאנגען.

האט רבי געענטפערט פאר אנטונינוס מיט א רמז, רבי האט גענומען א מענטש, און האט אים ארויפגעלייגט אויף זיין חבר, אזוי ווי איינער זיצט אויף א פערד, און פאר'ן מענטש וואס איז געזעצן אויבן, האט רבי אריינגעגעבן אין זיין האנט א פויגל, און דערנאך האט רבי געזאגט פאר'ן אונטערשטען מענטש, זאג פאר'ן מענטש וואס זיצט העכער דיר, אז ער זאל ארויסלאזן פון זיין האנט די פויגל, אז זי זאל קענען פליען וואו זי וויל. האט אנטונינוס געזאגט צו רבי, איך פארשטיי דעם רמז וואס דו מיינסט, איך זאל בעטן ביי די הערן פון רוים נאר אז זיי זאלן מאכן מיין זון אסוירוס פאר קעניג, און איך זאל זאגען פאר מיין זון אסוירוס, אז ווען ער וועט זיין קעניג, זאל ער פריי מאכן די שטאט טבריה פון צאלן שטייער.

## יעדן טאג נאר איין רעטעך

נאך דערציילט די גמרא, איינמאל האט אנטונינוס געזאגט פאר רבי, אז די גרויסע הערן פון רוים זענען מיך מצער, האט רבי אויף דעם אויך געענטפערט מיט א רמז, רבי האט אריינגעפירט אנטונינוס אין זיין גאָרטן, יעדן טאג האט רבי ארויסגעריסן פונעם גארטן איין רעטעך, האט אנטונינוס געזאגט, איך פארשטיי וואס דו מיינסט מיט דעם רמז, איך זאל הרג'ענען די אלע גרויסע הערן צוביסלעך, און נישט אויף איין מאל.

## גע'הרג'עט זיינע צוויי באגלייטער

די פריינטשאפט פון אנטונינוס מיט רבי איז געווארן זייער שטארק, אז אנטונינוס האט געבויט א הייל אונטער זיין שטוב ביז צו די שטוב פון רבי, און יעדן טאג פלעגט אנטונינוס גיין צו רבי דורך דעם הייל כדי צו לערנען תורה. אנטונינוס האט נישט געוואלט גיין אליינס, דעריבער האט ער יעדן טאג מיט גענומען מיט זיך צוויי קנעכט, וואס זאלן אים באגלייטן, און כדי די קנעכט זאלן נישט דערציילן פאר קיינעם אז ער לערנט תורה, האט ער יעדן טאג גע'הרג'עט זיינע צוויי באגלייטער, איין קנעכט האט ער גע'הרג'עט נעבן די טיר פון רבי, פאר'ן אריינגיין לערנען, און דער אנדערער האט געווארט ביז ער האט געענדיגט לערנען, און נאכ'ן לערנען, איז אנטונינוס צוריקגעגאנגען מיט אים דעם גאנצן וועג ביז זיין שטוב, און ווען ער איז אנגעקומען נעבן די טיר פון זיין שטוב, האט ער אויך גע'הרג'עט.

## דער קנעכט איז לעבעדיג געווארן

אנטונינוס האט אנגעזאגט פאר רבי, ווען איך וועל קומען צו דיר, זאל זיך נישט געפונען ביי דיר קיין שום מענטש, איינמאל ווען אנטונינוס איז געקומען צו רבי האט ער געפונען דארט רבי חנינא בר חמא, האט אנטונינוס געפרעגט רבי, כ'האב דיר דאך אנגעזאגט אז ווען איך וועל קומען צו דיר, זאל איך נישט טרעפן ביי דיר קיין שום מענטש, האט רבי געענטפערט, אז רבי חנינא בר חמא איז נישט קיין מענטש, (ער איז אזוי ווי א מלאך), אנטונינוס האט זיך דאס געוואלט איבערצייגן, האט ער געזאגט צו רבי חנינא בר חמא ער זאל גיין רופן דעם קנעכט וואס שלאפט דא אינדרויסן ביים טיר, (ער האט געמיינט צו זאגן דעם גע'הרג'טן קנעכט).

רבי חנינא בר חמא איז ארויסגעגאנגען, און האט געזען אז דער קנעכט איז טויט, האט רבי חנינא בר חמא געטראכט צו זיך וואס ער זאל טאן, זאל ער זאגן, אז דער קנעכט איז טויט, וויל ער נישט, ווייל מ'טאר נישט זאגן שלעכטע נייעס, זאל ער אוועקגיין און גארנישט ענטפערן, וויל ער אויך נישט, ווייל ער וויל נישט פארשעמען דעם קעניג, האט רבי חנינא בר חמא מתפלל געווען צו הקב"ה, און דער קנעכט איז צוריק לעבעדיג געווארן, און רבי חנינא האט געזאגט צום קנעכט, גיי אריין ווייל דער דער קעניג אנטונינוס רופט דיר.

ווען אנטונינוס האט דאס געזען, האט ער געזאגט צו רבי, איך ווייס אז אפילו דער קלענסטער פון אייך קען אויך לעבעדיג מאכן די טויטע, אבער פון דעסטוועגן, וויל איך אז ווען איך קום צו דיר זאל קיינער זיך נישט געפינען ביי דיר.

## שבת האבן די עסן אן אנדערע טעם

איינמאל שבת קודש, איז אנטונינוס געקומען באזוכן רבינו הקדוש, און רבי האט מכבד געווען דעם קעניג אנטונינוס און האט אים געגעבן שבת'דיגע מאכלים, ווען דער קעניג אנטונינוס האט דאס געגעסן, האט ער זייער הנאה געהאט פון די געשמאקע עסן.

עטליכע וואכן שפעטער, איז דער קעניג אנטונינוס נאכאמאל געקומען צו רבי, אבער דעמאלט איז דאס געווען אין א וואכן טאג, נישט אין שבת, און די באדינערס האבן אריינגעברענגט די בעסטע מאכלים פאר'ן קעניג אנטונינוס, ווען דער קעניג האט דאס געגעסן, האט ער געפרעגט רבי, פארוואס איז דאס עסן נישט אזוי גוט ווי די עסן וואס כ'האב געגעסן ביי דיר עטליכע וואכן צוריק.

האט עם רבי געענטפערט, ווייל דעמאלט האב איז געווען אריינגעלייגט אין די עסן א זאך וואס היינט האב איך דאס נישט, האט אים דער קעניג געפרעגט, פארוואס האסטו דאס נישט היינט אריינגעלייגט, ס'איז דאך געווען זייער גוט, האט אים רבי געענטפערט, דאס וואס כ'האב דעמאלט אריינגעלייגט ווערט אנגערופן שבת קודש, און דאס האב איך נישט היינט, ווייל היינט איז נישט שבת.

אנטונינוס איז זייער פארוואנדערט געווארן דאס צו הערן, און האט אים געפרעגט, וואס האט צו טאן דער טאג פון שבת מיט די עסן וואס מ'עסט, האט רבי געענטפערט, ווייל ווען מ'עסס שבת'דיגע מאכלים לכבוד שבת, קומט אריין א ספעציעלע הייליגע און גוטע טעם אין דאס עסן.

# יארצייט פון די וואך



דעם קומענדיגן דינסטאג, ה' כסלו, פאלט אויס די יארצייט פונעם הייליגן מהרש"א, הרה"ק **ר' שמואל אליעזר איידליש** זי"ע.

**דער הייליגער מהרש"א איז געבוירן געווארן אין יאר שט"ו, אין די שטאט קראקא, צו זיין פאטער רבי יהודה הלוי זצ"ל.**

צוגעבינדן זיין האָר מיט א שטריק

**פון זיינע יונגע יארן האט מען שוין דערקענט אויף אים אז ער וואקסט א גאון, גרויסע תלמידי חכמים פלעגן הנאה האבן זיך צו טענה'ן מיט אים אין לערנען, און אלע האבן עדות געזאגט אז ער וועט וואקסן א גאון עולם, קודם האט ער געלערנט אין די ישיבה פונעם הייליגן רמ"א וואו ער איז באקאנט געווארן אלס דער עילוי פון שטאט קראקא, זיין התמדה איז געווען זייער גרויס, מ'דערציילט, אז ער פלעגט לערנען תורה א גאנצע נאכט און כדי ער זאל נישט איינשלאפן, האט ער צוגעבינדן זיין האר מיט א שטריק צום דאַך, אז אויב ער וועט איינדרימלען אינמיטן לערנען זאל ער דאס תיכף שפירן און זיך אויפוועקן.**

אויפ'ן נאמען פון זיין שוויגער

**ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון א פרוי א גרויסע עשירה, מרת איידל אשכנזי ע"ה, וועלכע איז געווען די אלמנה פון הגאון ר' משה אשכנזי זי"ע דער רב אין שטאט בריסק, פון די תלמידים פון מהרש"ל און רמ"א, און זי האט זיך אונטערגענומען אים צו שטיצן נאך די חתונה, זי האט אים טאקע צוגעשטעלט פון דאס שענסטע און דאס בעסטע, זי האט געהאט א גרויסע חלק אין זיין לערנען דורכ'ן אויסהאלטן זיין משפחה און זיין ישיבה, און נאר א דאנק איר הילף, האט ער פארשפרייט תורה אויף אזא גרויסע פארנעם, און צוליב דעם האט מען אים אנגערופן אויפ'ן נאמען פון זיין שוויגער הרה"ק ר' שמואל אליעזר "איידליש", (איידל'ס).**

**דער הייליגער מהרש"א איז געווען א גדול הדור, ער האט געלערנט מיט תלמידים אויף א זעלטענעם פארנעם, ער האט געפירט גאר א גרויסע ישיבה, און ביז היינט איז נאך פארבליבן זיין הייליגער ספר מהרש"א, וואס באלייכט די אויגן פאר אלע וואס לערנען דאס.**

מיט רוח הקודש

**דער הייליגער בעל שם טוב און דער הייליגער פרי מגדים און נאך צדיקים האבן עדות געזאגט, אז אלע רייד פון מהרש"א זענען געשריבן געווארן מיט רוח הקודש, און ס'איז קלאר אז אָן רוח הקודש איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל מאכן אזא ספר.**

**דער הייליגער ישמח משה שרייבט פאר זיין זון הרה"ק ר' אלעזר ניסן זצ"ל, אז ער זאל לערנען גמרא, תוספות, און רא"ש, און אויך די חידושים פונעם זיידן דער מהרש"א, און דאס איבער'חזר'ן עטליכע מאל.**

פויזנא - כעלעם - לובלין - אוסטראה

**צוואנציג יאר האט ער געפירט זיין ישיבה אין די שטאט פויזנא - אין די שטאט וואו זיין שוויגער האט געוואוינט - און אין יאר שס"ה ווען זיין שוויגער איז נפטר געווארן זייענדיג הונדערט יאר, איז בלויז איבערגעבליבן פון איר פארמעגן אויסצוהאלטן די ישיבה אויף דרייסיג טעג, נישט מער, דעריבער האט ער אנגענומען דאס רבנות אין די שטאט כעלעם וואו ער האט אויפגעשטעלט א גרויסע ישיבה, און פערצן יאר שפעטער - אין יאר שע"ד - האט ער איבערגענומען דאס רבנות אין די שטאט לובלין, און עלף יאר שפעטער - אין יאר שפ"ה - איז ער געווארן רב און ראש ישיבה אין די גרויסע שטאט אוסטראה.**

**אין די שטאט אוסטראה האט ער אויסגעברייטעט זיין ישיבה אויף א גרויסע פארנעם, טויזנטער תלמידים האבן געלערנט ביי אים, און זיין ישיבה האט געהאט גאר א ווייטע אפקלאנג, זייער אסאך גדולי הדור זענען אהינגעקומען אים פרעגן שאלות.**

הכנסת אורחים

**אויסער זיין געוואלדיגע גאונות און קדושה, איז ער געווען שטארק פארנומען מיט צדקה און חסד, זיין שטוב איז געווען שטענדיג אפן פאר יעדן ארימאן, יעדער דורכגייער האט געוואוסט אז אין שטוב פון מהרש"א קען מען אייביג אריינקומען און מ'באקומט ברייט צו עסן און א פיינע געלעגער צו נעכטיגן.**

**דער הייליגער מהרש"א איז נפטר געווארן מוצאי שבת, ה' כסלו אין יאר שצ"ב, זייענדיג זיבן און זיבעציג יאר.**

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל.**

<><><><>

## די וועלט איז נישט הפקר

### די שותפים האבן אפגעקויפט די סחורה

אין די צייט ווען דער הייליגער מהרש"א ז"ע איז געווען רב אין די שטאט אוסטראה, האבן דארט געוואוינט צוויי סוחרים וועלכע האבן געפירט א גרויסן שיך געשעפט, און האבן זיך זייער גוט פארטראגן, איין טאג זענען זיי געוואויר געווארן אז אן אלמנה (נישט קיין אידישע) וועלכע וואוינט אין א דערנעבנדיגן דאָרף האט צו פארקויפן גאר אסאך סחורה פאר א ביליגן פרייז, זי האט גע'ירש'נט די סחורה פון איר מאן וועלכער איז געשטארבן מיט א קורצע צייט פריער, און וויבאלד זי האט זיך שטארק געניטיגט אין געלט, האט זי געלאזט וויסן אז זי איז גרייט צו פארקויפן די סחורה פאר זייער א ביליגן פרייז.

די שותפים וועלכע האבן געשפירט אז זי קענען פארדינען גאר אסאך געלט פון אזא געשעפט, האבן באשלאסן אהינצופארן און אפצוקויפן די סחורה.

די אלמנה האט אריינגערופן די צוויי סוחרים וועלכע זענען געווען זייער שיין אנגעטאן און האבן אויסגעזען ווי חשוב'ע מענטשן, איינער פון זיי, דער וועלכער האט געקענט די שפראך וואס די אלמנה האט גערעדט, האט אנגעהויבן צו רעדן און פאַרהאנדלן וועגן די סחורה, ווען די פרוי האט געזען אז זיי זענען זייער ארינטליכע מענטשן, האט זי גלייך מסכים געווען זיי דאס צו פארקויפן.

די סוחרים האבן אהינגעגעבן דאס גאנצע געלט, און האבן זיך געגרייט ארויפצולאָדענען די סחורה אויף זייערע וועגענער אהיימצופירן צו זיך אין שטאט, די פרוי האט זיי ארויסגעוויזן א ספעציעלע פריינדשאפט, און אנדערש ווי איר שטייגער האט זי ארויסגעהאלפן די סוחרים איינצופאקן די סחורה.

### איינער איז צוריקגעפארן ברענגען וועגענער

אינמיטן די ארבעט האבן זיי געזען אז זיי האבן נישט קיין גענוג וועגענער וואו אריינצולייגן די סחורה, דעריבער האבן זיי באשלאסן אז איינער פון זיי וועט צוריקפארן אין שטאט און ברענגען נאך וועגענער, און דער צווייטער וועט דארט בלייבן איבערשלאפן און צופרי וועלן זיי צוזאמען אהיימפארן.

פארנאכטס האט די פרוי - וועלכע האט זיך שטארק באפריינדעט מיט די סוחרים - גערופן דעם סוחר וועלכער איז דארט געבליבן, און אים אנגעפאנגען צו צורעדן אז זי זאל עסן פון די פיינע סעודה וואס זי האט אים צוגעגרייט, פארשטייט זיך, אז ער האט נישט געוואלט עסן פון אירע מאכלות אסורות, אבער זי האט נישט נאכגעלאזט, און האט געזאגט, אז זי איז גרייט מער אראפצולאזן די פרייז פון די סחורה, למעשה האט זי זיך געשטארקט אויף אים, און ער איזליידער דורכגעפאלן און געגעסן מאכלות אסורות און געטאן נאך עבירות.

דעם אנדערן אינדערפרי, ווען דער שותף איז צוריקגעקומען מיט וועגענער, האבן זיי צוזאמען ארויפגעלייגט די איבריגע סחורה אויף די וועגענער און זענען אהיימגעפארן מיט די גאנצע סחורה.

### ער האט זיך נישט געקענט מוחל זיין

אויפ'ן וועג אהיים האט דער סוחר שטארק חרטה געהאט אויף די עבירה וואס ער האט נעכטן געטאן, און האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין, אויף די פראגע פון זיין חבר פארוואס ער וויינט אין א צייט וואס ער וואלט זיך געדארפט פרייען אויף דעם געלונגענעם געשעפט וואס זיי האבן געמאכט, האט דער חבר זיך ארויסגעדרייעט פון ענטפערן.

אבער דער חבר האט נישט נאכגעלאזט און האט אים געמוטשעט אז ער זאל אים אויסזאגן דעם אמת פארוואס ער וויינט, זעענדיג אז ער האט נישט קיין ברירה, האט ער אים אויסגעזאגט דעם אמת, און געזאגט, אז די עבירה לאזט אים נישט קיין מנוחה.

ווען דער חבר האט דאס געהערט, האט ער אויסגעבראכן אין א געלעכטער, זאגענדיג, פארוואס טראכסטו יעצט פון אזעלכע נארישקייטן, דער עיקר איז אז דו האסט געמאכט אסאך געלט, אויב דו ווילסט אפמעקן דיין עבירות, וועסטו קענען טיילן פון די געלט אסאך צדקה.

### ער האט אפגעקויפט די עבירה

אבער דער סוחר האט נישט אנגענומען זיינע ווערטער און האט נישט אויפגעהערט צו וויינען, ווען דער שותף האט געזען אז זיין חבר קען זיך ממש נישט בארויאיגן, האט ער זיך אנגערופן, זאג מיר וויפיל געלט ווילסטו פאר די עבירה, איך בין גרייט אפצוקויפן די עבירה וואס דו האסט געטאן, האט אים יענער געענטפערט, אויב דו ביזט באמת גרייט אפצוקויפן די עבירה, בין איך מוותר אויף דעם גאנצן געלט

פונעם ריווח וואס קומט זיך מיר פון דעם געשעפט וואס מיר האבן געמאכט דורך די פרוי.

זיי האבן געמאכט א תקיעת כף (אזוי ווי א שבועה), און דער חבר האט אפגעקויפט די עבירה, און זיי זענען ווייטער געפארן פריילעכערהייט, איינער האט געהאט א שמחה פון דעם וואס ער האט פארדינט אסאך געלט, און דער צווייטער איז געווען בשמחה אז ער איז פטור געווארן פון די עבירה, און ס'האט אים בכלל נישט געשטערט אז צוליב דעם האט ער פארלוירן זיין פארדינטן חלק.

**מקח בלייבט מקח**

א מענטש בלייבט נישט אייביג לעבן, און פון הימל האט זיך געפירט אז דער שותף וועלכער האט אפגעקויפט די עבירה איז פריער געשטארבן, ווען ער איז ארויפגעקומען צום בית דין של מעלה, האט מען אפיר גענומען אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטאן אויף די וועלט, די גוטע און חלילה דאס פארקערטע, און צווישן די עבירות וואס מ'האט אויסגערעכנט איז אויך געווען די גרויסע עבירה וואס ער האט אפגעקויפט פון זיין שותף, דער איד וועלכער האט בכלל נישט געדענקט פון די גאנצע מעשה האט דאס קודם געלייקנט, אבער מ'האט אים מסביר געווען אז וויבאלד ער האט געזאגט פאר זיין חבר אז ער קויפט אפ די עבירה, ווערט דאס גערעכנט אויף זיין חשבון.

ער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען, אז ער האט נישט געמיינט ערנסט צו נעמען די עבירה אויף זיך, ער האט פשוט געוואלט בארואיגן זיין שותף, אבער זיינע טענות האבן גארנישט געהאלפן, מ'האט אים געזאגט, וויבאלד דו האסט אזוי געזאגט פאר'ן שותף, איז יענער געווארן רואיג, וואוסענדיג אז די עבירה איז מער נישט זיינס, דעריבער האט ער שוין נישט תשובה געטאן דערויף, און מקח בלייבט מקח, מ'האט אים אבער געזאגט, אז אויב ער וויל דוקא קען ער רופן זיין שותף צו דין תורה.

**ער רופט אים צו דין תורה**

איין נאכט האט זיך דער שותף גע'חלומ'ט, אז זיין חבר - וועלכער איז

## מערכת אז תתענג

**טעל: 845-288-3780 · פעקס: 845-492-3339**

ער"ח כסלו שנת תשפ"ג לפ"ק

בעזהשי"ת

### מודעה חשובה

**מיר געבן אפ א שבח והודאה להשי"ת אז מיר האבן די זכיה ארויסצוגעבן דעם גליון "אז תתענג" מידי שבוע בשבוע ומידי מועד במועדו, און מהנה זיין אזויפיל אידן מיט איר רייכן אינהאלט.**

**באזונדער דאנקען מיר השי"ת אז מיר האבן געהאט די זכיה ארויסצוגעבן די ערשטע צוויי בענדער פון די ספרי אז תתענג. דער ערשטער באנד סיפורי צדיקים פון די יארצייטן פון חדשי שבט-אדר וועלכע איז ערשינען בחודש שבט שנת תשפ"ב העעל"ט, און דער צווייטער באנד סיפורי צדיקים פון די יארצייטן פון חדשי תשרי-חשון וועלכע איז ערשינען דעם פארלאפענעם חודש תשרי תשפ"ג העעל"ט.**

**דא איז דער פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די חשוב'ע נדבנים, וועלכע זענען אונז אקעגן געקומען מיט א געוואלדיגע ווארימקייט, בלב ונפש חפיצה, צו אפקויפן דעם זכות פון די מעשיות פון צדיקים, וואס דאס האט אונז ערמעגליכט צו קענען ארויסגעבן דעם ספר לאור עולם, נאך וואס די הוצאות פון דרוקן א ספר איז גאר הויעך, ובפרט אין די יעצטיגע תקופה זענען די הוצאות פילפאכיג מער, און מיר האבן אינוועסטירט גרויסע כוחות און אסאך געלט צו קענען ארויסגעבן דעם ספר בעז"ה, כדי צו מזכה זיין דעם רבים וועלכע קוקן שוין אזוי לאנג ארויס אויפ'ן ערשיינונג פון די ספרי אז תתענג, זיך צו קענען אנווארעמען מיט די סיפורים פון די הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו, און ב"ה אז מיר הערן צוריק געוואלדיגע גריסן ווי שטארק דער עולם האט הנאה פון די ספרים.**

**בעז"ה גרייטן מיר זיך יעצט ארויסצוגעבן דעם דריטן באנד פון ספר אז תתענג, וועלכע וועט אנטהאלטן מעשיות פון צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט אויס אין חודש ניסן-אייר, און מיר געבן ווידעראמאל די מעגליכקייט אפצוקויפן די זכות פון די מעשיות פון די צדיקים. דער פרייז אפצוקויפן דער זכות פון די מעשיות פון א צדיק איז $450.**

**מיר האבן דא בייגעלייגט א רשימה פון די צדיקים וואס ס'וועט ערשיינען פון זיי מעשיות אין דעם באנד. ווער עס וויל אפקויפן דעם זכות זאל ביטע רופן - ווי אומשנעלסטן איידער דער ספר גייט צום דרוק - אויפ'ן נומבער 845-288-3780, און דער זכות פון די הייליגע צדיקים וועט אודאי מגין זיין פאר'ן נדבן להתברך בכל משאלות לבו לטובה ולברכה.**

בברכה והוקרה:

**מערכת אז תתענג**

נישט לאנג צוריק נפטר געווארן - רופט אים צו דין תורה ביים בית דין של מעלה, אינדערפרי ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער זיך זייער דערשראקן פונעם שלעכטן חלום, אבער ער האט גלייך געטראכט אז ס'איז גארנישט, ס'איז זיכער דברים בטלים, אבער ווען דער חלום האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, האט ער געטראכט, זיכער מיינט דאס עפעס, דעריבער האט ער באשלאסן אז ער וועט אריבערגיין צום רב פון שטאט, דער הייליגער מהרש"א זי"ע, און אים פרעגן וואס ווייטער צו טאן.

דער הייליגער מהרש"א האט אים געזאגט, אויב דיין שותף וועט נאכאמאל קומען צו דיר און דיך רופן צו דין תורה, זאלסטו אים זאגן אז דו ביזט גרייט צו גיין צו דין תורה אויף די וועלט צום מהרש"א.

דעם קומענדיגן נאכט האט ער זיך ווידער געחלומ'ט ווי דער שותף רופט אים צום בית דין של מעלה, האט ער אים געזאגט וואס דער מהרש"א האט באפוילן, האט דער שותף געזאגט, אז ער איז גרייט צו קומען צו דין תורה צום הייליגן מהרש"א, מ'האט באשטימט די צייט פון די דין תורה אויף עטליכע וואכן שפעטער, און פון דעמאלט איז דער שותף מער נישט געקומען צו אים חלום.

**די וועלט איז נישט הפקר**

צום באשטימטן טאג, האט דער הייליגער מהרש"א באפוילן אז די גאנצע שטאט, מענער, פרויען, און קינדער זאלן זיך צוזאמקומען אין בית המדרש, כדי יעדער זאל וויסן אז די וועלט איז נישט הפקר, און אויף אלעם דארף מען געבן א דין וחשבון, ווען דאס גאנצע בית המדרש איז געווען איבערגעפילט, האט דער מהרש"א באפוילן פאר'ן שמש, ער זאל גיין צום קבר פונעם נפטר און אים מעלדן אז ס'איז שוין אנגעקומען דעם טאג פונעם דין תורה, און ער זאל גלייך קומען אין בית המדרש.

ביי א ווינקל אין בית המדרש האט מען אויפגעשטעלט א מחיצה פאר'ן נפטר, ס'האט געהערשט א געוואלדיגע שטילקייט און ערענסקייט אינעם גאנצן בית המדרש, דער מהרש"א האט געווינקן אז מ'זאל אנהייבן די טענות, דער לעבעדיגער שותף האט מיט א ציטערדיגע שטימע אנגעהויבן צו זאגן, ס'איז אמת אז איך בין דורכגעפאלן מיט א הארבע עבירה, אבער כ'האב גלייך חרטה געהאט און איך האב זיך נישט געקענט בארואיגן, און נאר נאכדעם וואס מיין שותף האט אפגעקויפט די עבירה האב איך געשפירט ווי א שווערע שטיין איז אראפ פון מיין הארץ, און דער מקח איז געטאן געווארן מיט א תקיעת כף (ווי א שבועה), און יעצט קען ער נישט צוריקציען דערפון.

דערנאך האט מען געהערט א קול פון די אנדערע זייט מחיצה פונעם געשטארבענעם שותף, און זאגט, ס'איז אמת אז כ'האב געטאן א גרויסע נארישקייט אז איך האב אפגעקויפט די עבירה, אבער איך האב דאס נאר געטאן כדי צו בארואיגן מיין שותף און נישט ווייל כ'האב באמת געוואלט נעמען די עבירה אויף מיר, און איך בין אים סך הכל נאר שולדיג געלט, און איך דארף נישט ליידן קיין יסורים פאר אן עבירה וואס כ'האב קיינמאל נישט געטאן.

ווען ער האט געענדיגט זיינע טענות האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין און געזאגט, ווי איז פאר א מענטש וואס ווען ער לעבט טראכט ער נישט אריין אז צום סוף וועט ער דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס ער האט געטאן, אלע מענטשן אין בית המדרש זענען גאר שטארק דערציטערט געווארן דאס צו הערן, און פון יעדעמ'ס אויגן האט זיך געגאסן טייכן טרערן.

**דער לעבעדיגער שותף איז גערעכט**

האט דער הייליגער מהרש"א אויסגערופן, נאכ'ן דורכטראכטן דעם ענין האבן מיר באשלאסן אז דער לעבעדיגער שותף איז גערעכט, געשעפט בלייבט געשעפט, דער געשטארבענער שותף האט נישט געדארפט גרינגשעצן אין די עבירה, וואס נאר דאס האט צוגעברענגט אז דער חבר זאל נישט ריכטיג תשובה טאן, טראכטנדיג אז דורכדעם וואס ער האט עס פארקויפט איז עס נישט זיין עבירה, דער מהרש"א האט צוגעענדיגט, אז כדי צו פארגרינגערן דעם עונש פונעם געשטארבענעם שותף, וועל איך ארויסגעבן א געוויסע תשובה פאר'ן לעבעדיגן שותף, וואס מיט דעם וועט מען יענעם פארגרינגערן דעם שטראף, ווען דער מהרש"א האט פארענדיגט זיינע ווערטער, האט מען געהערט וויינען פון אונטער די מחיצה.

די מעשה האט איבערגעלאזט א מורא'דיגן רושם אויף אלע פארזאמלטע וועלכע האבן קלאר געזען אז די וועלט איז נישט הפקר, און דער עיקר האט מען געזען ווי גרויס ס'איז דער כח פון תשובה, און ווילאנג דער מענטש לעבט קען מען אלעס פאררעכטן.

<><><><>

**די תיפלה איז איינגעזונקען**

**געקלונגען מיט די גלאָק**

אין די שטאט אוסטראה וואו דער הייליגער מהרש"א איז געווען רב, איז נישט געווען קיין שום וועג אנצוקומען צום בית החיים אין שטאט נאר אויב מ'איז אריבערגעגאנגען א קלויסטער.

די גלחים פונעם קלויסטער וועלכע האבן געזוכט צו שטערן די אידן פון אדורכצוגיין מיט זייערע נפטרים, זענען אויפגעקומען מיט א פלאן, אז יעדעס מאל וואן די אידן וועלן אריבערפירן א נפטר צום בית החיים, וועלן זיי קלונגען מיט די גלאָק פון די תיפלה און הויעך זינגען, כדי צו שטערן די אידן וועלכע באגלייטן די מטה צום בית החיים.

זיי האבן אזוי געטאן, ביי יעדע לויה וואס די אידן האבן באגלייט א נפטר צום בית החיים, האבן זיך די גלאקן צוקלינגען הויעך, די אידן האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, ווייל אין יענע צייטן זענען די באציאונגען צווישן די אידן און להבדיל די גוים געווען גאנץ רואיג, און די אידן האבן געוואוסט אז אויב זיי וועלן מאכן א גוואלד, וועלן די גלחים אונטערהעצן די גוי'אישע איינוואוינער קעגן זיי.

דער הייליגער מהרש"א האט געלאזט א צוואה פאר זיין פטירה, אז מ'זאל ארויפלייגן א ספר תורה אויף זיין בעט בשעת זיין לויה.

ווען דער הייליגער מהרש"א איז נפטר געווארן האבן די חברה קדישא ארויפגעלייגט א ספר תורה אויף זיין בעט, ביי די לויה האבן זיך באטייליגט טויזנטער מענטשן וועלכע זענען געקומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד פאר'ן גרויסן נפטר וועלכער האט באלאָכטן די וועלט מיט זיין תורה.

**זיך אויפגעזעצט און געליינט א פסוק**

ווען די לויה איז אדורכגעגאנגען די תיפלה האבן די גלחים געקלינגען מיט די גלאקן ווי געווענליך, פלוצלונג זעט מען אז די בעט פונעם הייליגן מהרש"א שאקלט זיך, דער נפטר רירט זיך, א שרעק האט באנומען אלע באטייליגטע, דערנאך האט דער הייליגער נפטר זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, און אויפגעמאכט די ספר תורה און געליינט הויעך דעם פסוק אין פרשת עקב, **שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא** (זאלסט אים פאר'מיאוס'ן און פאראומווערדיגן, ווייל ער איז וויסט), גלייך נאכדעם וואס דער מהרש"א האט געענדיגט דעם פסוק, האט ער זיך צוריקגעלייגט אזוי ווי פריער, דער פחד פון יעדן איז געווען זייער גרויס.

די אידן האבן אויפגעהויבן די בעט און ווייטער געגאנגען, און צו יעדנס וואונדער האט דער הויעכער קלויסטער אנגעהויבן איינצוזינקען אין דער ערד, און נאך די לויה ווען די אידן זענען צוריקגעגאנגען דעם זעלבן וועג האבן זיי געזען אז דער פלאץ פון דעם קלויסטער איז שוין געווען אינגאנצן פלאַך, ס'איז נישט געווען דארט קיין זכר פון קיין קלויסטער, און פון דעמאלט און ווייטער האבן די אידן מער נישט געהאט קיין שום פראבלעמען ביי לויות צו טראגן די נפטרים צום בית החיים.

<><><><>

**א געוואלדיגע ליכטיגקייט**

**אריינגעשיקט אן ארימאן**

יעדן טאג פאר דער הייליגער מהרש"א פלעגט אריינקומען אין בית המדרש צו לערנען מיט זיינע תלמידים, האט ער זיך איינגעשפארט אליינס אין זיין שטוב, און הערשט דערנאך איז ער ארויסגעקומען.

די תלמידים זענען געווען שטארק נייגעריג צו וויסן וואס דער מהרש"א טוט אין צימער, מיט וואס גרייט ער זיך צום פארלערנען, אבער זיי האבן בשום אופן נישט געקענט געוואויר געווארן.

דער איינציגסטער וועג צו דערגיין איז געווען, אז איינער זאל זיך באהאלטן אין דעם צימער פונעם מהרש"א און צוזען פון דער נאנט זיין עבודה, אבער קיינער האט זיך נישט געוואָגט צו טאן אזא שריט וואוסענדיג אז זייער רבי איז זיכער נישט מסכים דערצו.

ביז ס'איז איינגעפאלן פאר די תלמידים צו רופן אן ארימאן וועלכער נויטיגט זיך אין געלט, און אים צוגעזאגט א שיינעם סכום געלט אויב וועט ער זיך באהאלטן אינעם שטוב און זיי דערציילן וואס דער מהרש"א טוט פאר'ן לערנען.

**געשפירט אז ער האלט דאס נישט אויס**

יענער האט זיך באהאלטן אינעם צימער ווען דער מהרש"א איז נאכנישט דארט געווען, גלייך ווען דער מהרש"א איז אריינגעקומען אין צימער און האט אנגעהויבן עוסק צו זיין אין זיין הייליגע עבודה, איז דער צימער געווארן אנגעפולט מיט א גרויסער ליכטיגקייט, און פון דעם שטארקן ליכטיגקייט האט דער ארימאן געשפירט אז ער ווערט ממש בלינד.

דער ארימאן האט נאך פרובירט צו ווארטן עטליכע מינוט אין זיין באהעלטעניש, אבער נאכדעם וואס ער האט געשפירט אז ער האלט דאס מער נישט אויס, איז ער ארויסגעקומען און איז צוגעגאנגען צום מהרש"א און האט אנגעהויבן צו וויינען, זאגענדיג אז ער איז גארנישט שולדיג, די תלמידים האבן אים איבערגערעדט אז ער זאל

אריינקומען, ער האט געבעטן פונעם מהרש"א אז ער שפירט ער איז ממש בלינד, און ער זאל מתפלל זיין פאר אים אז ער זאל צוריקבאקומען זיין זעע קראפט.

דער הייליגער מהרש"א האט אים באפוילן זיך צו זעצן, און נאכדעם וואס ער האט זיך אראפגעזעצט, איז דער הייליגער מהרש"א ארומגעגאנגען זיין בענקל און דער ארימאן איז צוריק געזונט געווארן אויף זיינע אויגן און געקענט זען געהעריג.

<><><><>

**ס'איז בלויז א בלבול**

**עטליכע מאל ארויסגעפאלן פון שאנק**

איינמאל ניטל ביינאכט - ווען דער הייליגער מהרש"א האט נישט געלערנט - איז א מסור געגאנגען דערציילן פאר די רעגירונג אז דער מהרש"א לערנט נישט קיין תורה נאר כדי צו מזלזל זיין אין זייער חגא. די רעגירונג האט געשיקט א שליח געוואויר צו ווערן אויב ס'איז אמת אז דער מהרש"א לערנט נישט ניטול, פונקט עטליכע מינוט פאר יענער איז אנגעקומען איז דער מהרש"א געזעצן ביי זיך אין צימער און ס'איז ארויסגעפאלן א ספר פון זיין שאנק, האט ער עס אויפגעהויבן און צוריקגעשטעלט אויפ'ן פלאץ, א קורצע צייט נאכדעם איז דער ספר ווידער אראפגעפאלן, האט ער עס נאכאמאל אויפגעהויבן און צוריקגעשטעלט, דאן האט דאס פאסירט א דריטע מאל, האט דער מהרש"א זיך שטארק געוואונדערט דערויף, ער האט גענומען דעם ספר אין די האנט און געעפנט ווילנדיג זען וואס פאר א ספר דאס איז, פונקט אין יענע מינוט האט דער שליח פון די רעגירונג אריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער, און האט געזען דעם מהרש"א מיט א ספר אין האנט, איז ער צוריקגעגאנגען זאגן, אז ס'איז שקר וכזב, ס'איז נישט מער ווי א בלבול, ער האט אליין געזען ווי דער מהרש"א לערנט יא.

**פאלגענד איז די רשימה פון די צדיקים וואס ס'וועט ערשיינען מעשיות פון זיי אין דעם נייעם באנד פון חודש ניסן-אייר:**

**· ניסן ·**

| | |
|---|---|
| ג' הרה"ק רבי וועלוול מזבאריזש זי"ע | נמכר |
| ה' הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע, בעל אוהב ישראל | נמכר |
| ה' הרה"ק רבי צבי אלימלך מבלאזשוב זי"ע, בעל צבי לצדיק | |
| הרה"ק רבי יצחק (איציקל) מדראהאביטש זי"ע | נמכר |
| הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע | נמכר |
| א הרה"ק רבינו משה ב"ר נחמן זי"ע, הרמב"ן | נמכר |
| י"ג הרה"ק רבי מנחם מענדל מליובאוויטש זי"ע, בעל צמח צדק | |
| הרה"ק רבי אשר ישעיה מראפשיץ זי"ע, בעל אור ישע | נמכר |
| י"ז הרה"ק רבי יצחק (איציקל) מסקווירא זי"ע | |
| ט הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע | נמכר |
| ב הרה"ק רבי איציקל מווארקא זי"ע, בעל אור יצחק | נמכר |
| ה הרה"ק רבי חיים מצאנז זי"ע, בעל דברי חיים | נמכר |
| כ"ט הרה"ק רבי משה מקאברין זי"ע | |
| ט הרה"ק רבי יוסף יוזפא ראזענבערג זי"ע אב"ד פ'-לאדיין, בעל יד יוסף | נמכר |

**· אייר ·**

| | |
|---|---|
| א' הרה"ק רבי צבי הירש אשכנזי זי"ע, בעל חכם צבי | |
| א' הרה"ק רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע | |
| ג' הרה"ק רבי אריה לייב מפלאצק זי"ע, בעל גט מקושר | |
| ג' הרה"ק רבי ישעיה מקערעסטיר זי"ע | נמכר |
| ו' הרה"ק רבי יצחק (איציקל) האמבורגער זי"ע | |
| ו' הרה"ק רבי יוסף מאיר מספינקא זי"ע, בעל אמרי יוס | נמכר |
| ח' הרה"ק רבי ירחמיאל מפרשיסחא זי"ע | |
| י' הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע, בעל היכל הברכה | |
| י' הרה"ק רבי הילל קאלאמייער זי"ע, בעל משכיל א | נמכר |
| י"א הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע, בעל זרע ק | נמכר |
| י"א הרה"ק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע | |
| י"ד הרה"ק רבי שמואל מקארוב זי"ע | |
| י"ד הרה"ק רבי אליהו חיים מייזל זי"ע אב"ד לאדוש | |
| ט"ו הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל ממאגלניצא זי"ע | נמכר |
| י"ז הרה"ק רבי יחזקאל הלוי מפראג זי"ע, בעל נודע ביהודה | |
| י"ח התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע | נמכר |
| י"ח הרה"ק רבי משה איסרליש זי"ע, הרמ"א | נמכר |
| י"ט הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע | נמכר |
| כ' הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאבל זי"ע, בעל ליקוטי | נמכר |
| כ"ה הרה"ק רבי יעקב מליסא זי"ע, בעל חוות דעת | |
| כ"ה הרה"ק רבי חיים מקאסוב זי"ע, בעל תורת חיים | נמכר |
| כ"ו הרה"ק רבי שלמה'קע מזוועהיל זי"ע | נמכר |
| כ"ט הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע | נמכר |

שם המהודרה

נמכר

# זאגט דער הייליגער
# רבי ר' אלימלך זצ"ל...

### א שטיקל נועם אלימלך
### אויף די וואכעדיגע
### פרשה




## פרשת
## תולדות

**נא לומר קודם הלימוד:** לע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** ב"ר **אליעזר ליפמאן** זצ"ל
- ולע"נ בתו **מירוש** בת הרה"ק רבי **אלימלך** ע"ה

### וְרִבְקָה אָמְרָה אֶל יַעֲקֹב בְּנָהּ לֵאמֹר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי אֶת אָבִיךָ מְדַבֵּר אֶל עֵשָׂו אָחִיךָ לֵאמֹר

**או** יאמר ורבקה אמרה כו'. דאיתא בזוהר הקדוש דהשכינה נקראת רבקה, ועם בני ישראל נקראים בשם יעקב. ויש לפרש בדרך הזה, דיצחק היה רוצה לברך את עשו בגשמיות בעולם הזה והשכינה הקדושה היא האם המרחמת על בניה ישראל ובכל צרתם לה צר והיה תשוקתה מאוד שיברך יצחק את יעקב גם בעולם הזה, כי האיך תוכל לראות בעני עמה בצער להם בעולם הזה, ולכן אמרה אל יעקב שילך ויקבל הברכות מיצחק.

**ויעקב** היה מתירא מאוד שיתברך בעניני גשמיות, כי מורא עלה על ראשו פן ואולי על ידי הגשמיות יתגשם ויופרד ח"ו מעבודתו יתברך כמו שאמר הכתוב פן תאכל כו' ורם לבבך. לזה אמר אל רבקה אמו היא השכינה הקדושה האיך אוכל לקבל ברכות עולם הזה, הן עשו איש שעיר, רוצה לומר לו ראוי' עולם הזה לפי מדתו שהוא איש מעורב בערבוביא הולך בדרך לבו וכל הבא לידו לא ימנע עצמו מלעשות אם טוב ואם רע. אבל אנכי איש חלק, רוצה לומר שאני צריך להיות חלק ומצוחצח צח בעבודתו יתברך ויתעלה בלי שום סיג ופסולת, ופן ואולי ח"ו על ידי הגשמיות יומשך לבי מעבודתו יתברך כנ"ל, ואולי ימושני אבי שבשמים הבורא יתעלה ימשמש ויפשפש במעשי והייתי בעיניו כמתעתע, והבאתי עלי קללה ולא ברכה, שעל ידי זאת הברכה יצמיח קללה חלילה וחלילה.

**ותאמר** לו אמו, היא השכינה הקדושה, עלי קללתך בני, רוצה לומר עלי מוטל לשמור אותך מקללה, אך שמע בקולי ולך קח לי, רוצה לומר שתקבל הברכות העולם הזה גם כן שיהיה לי, רוצה לומר גם כן לעבודתו לשמו הגדול שתהיה כוונתך בכל עניני עולם הזה הן באכילה ושתיה ושאר גשמיות רק לשמים, להוציא ניצוצות קדושות מתוך המאכל באוכלך בקדושה ובטהרה ושיהיה לך כח לעבוד לו יתברך ולעסוק בתורתו ובמצותו וכן בכל דבר יהיה כוונתך לשמים.

**וילך** ויקח ויבא לאמו, מובן ממילא שעשה מצות השכינה לקבל הברכות באופן הזה לשמו הגדול יתברך ויתעלה זכרו לעד ולנצח נצחים אמן.

**ורבקה אמרה אל יעקב בנה לאמר.** עס שטייט אין זוה"ק (ח"א קלז.) אז די שכינה הקדושה ווערט אנגערופן 'רבקה' און אידישע קינדער ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'יעקב'. לויט דעם קען זיין פשט אזוי, יצחק אבינו האט געוואלט בענטשן עשו מיט גשמיות אויף דער וועלט, און די שכינה הקדושה, וועלכע איז ווי א מאמע וואס האט רחמנות אויף אירע קינדער אידישע קינדער, און יעדע צער פון אידן טוט איר וויי, האט זי זייער געגלוסט אז יצחק זאל בענטשן יעקב אויך מיט עולם הזה, ווייל וויאזוי זאל זי קענען צוקוקען די פיין פון איר פאלק, וויאזוי עס גייט זיי ענג אויף די וועלט, דערפאר האט זי געזאגט פאר יעקב זאל גיין און נעמען די ברכות פון יצחק.

**יעקב** האט פון דעם זייער מורא געהאט געבענטש צו ווערן מיט גשמיות, ווייל ער האט מורא געהאט אז דורך דעם וועט ער ווערן מגושם און אפגעשיידט פון עבודת השי"ת אזוי ווי דער פסוק זאגט (דברים ח, יב) פן תאכל וגו' ורם לבבך. דערפאר האט ער געזאגט פאר רבקה (דאס איז די שכינה הקדושה), וויאזוי קען איך נעמען ברכות פון עולם הזה, **הן עשו אחי איש שעיר**, מיין ברודער עשו איז א איש שעיר, פאר אים פאסט עולם הזה, ווייל ער איז א מענטש וועלכע לעבט אין א צעמישעניש (טוב מיט רע), גיבט זיך נאך אלע זיינע תאוות, האלט זיך נישט אפ פון גארנישט סיי גוט'ס סיי שלעכט'ס. אבער איך בין דאך א גלאטע מענטש, לויטער און גלאט פאר עבודת ה', אן קיין שום פלעק און פסולת, דערפאר האב איך מורא אז דער גשמיות פון עולם הזה וועט מיר אוועקציען פון עבודת השי"ת, **ואולי ימושני אבי**, דער אייבירשטער וועט מפשפש זיין אין מיינע מעשים, **והייתי בעיניו כמתעתע, והבאתי עלי קללה ולא ברכה**, דורך די ברכה (פון א שפע אין עניני גשמיות) וועט ארויסקומען א קללה חלילה וחלילה.

**האט** די מאמע געענטפערט (די שכינה הקדושה), **עלי קללתך בני**, אויף מיר ליגט דיר אפצוהיטן פון די קללה, **אך שמע בקולי ולך קח לי**, נעם די ברכות אויף א אופן זיי זאלן זיין פאר מיר, דאס הייסט אז אלע עניני עולם הזה, זיי עסן און טרינקן סיי אנדערע גשמיות אלעס זאל זיין לשם שמים, ארויס צונעמען די ניצוצות הקדושים פונעם עסן, דורכדעם וואס דו וועסט עסן בקדושה וטהרה, מיט א כוונה צו האבן כח צו דינען דעם אייבירשטן, עוסק זיין אין תורה און מצות, אזוי אויך יעדע זאך זאלסטו טוען מיט א כונה לשם שמים.

**וילך ויקח ויבא לאמו**, זעלבסט פארשטענדליך אז ער האט געטוען די באפעל פון די שכינה, און טאקע גענומען די ברכות אויף דעם אופן, אלע גשמיות'דיגע געברויכן נאר פארן נאמען פונעם הייליגן באשעפער, זכרו לעד ולנצח נצחים אמן.




## די גרויסקייט פונעם הייליגן

# רבי ר׳ אלימלך זצ״ל...

### עושה נפלאות גדולות

אין די צייטן פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך זצ״ל האט אמאל פאסירט די פאלגענדע מעשה.

עס איז געווען א איד וועלכע איז אנגעקלאגט געווארן אויף א געפערליכע עבירה, עס האט אים געלויערט א סכנה פון טויט שטראף. (דוקט זיך מ׳האט אים חושד געווען אז ער האט שפּאנירט פאר א פרעמד לאנד, אין אזא פאל איז די פסק טויט שטראף).

עס איז געקומען דעם טאג ווען עס איז פארגעקומען דער משפט. די שופטים האבן אויסגעהערט עדים, נאכגעקוקט אלע פאפירן וואס די פראקורן האבן צוזאמגעשטעלט, באטראכט דעם קעיס פון אלע זייטן. נאך א לענגערע דין ודברים איז ארויס דער פסק אז דער איד פארדינט טויט שטראף ה״י.

עס פלעגט זיין איינגעפירט אז איידער מ׳פירט ארויס דעם פאראורטיילטן צו די תליה, פלעגט מען אים פרעגן זיין ׳לעצטע ווואנטש׳, און בדרך כלל האט מען פרובירט נאכגיבן זיין לעצטע בקשה איידער ער ווערט ארויפגעצויגן אויף די תליה.

אויך דא האבן זיי געפרעגט דעם איד ׳וואס איז דיין לעצטע ווואנטש?׳

האט דער איד געענטפערט, ׳מיינע קינדער וואוינען אין ווייטע שטעטלעך, זיי הייבן נישט אן צו וויסן פון די גאנצע מעשה, דערפאר איידער איך געזעגען זיך פון די וועלט, בעט איך אז מ׳זאל שיקן א שליח זיי מודיע זיין פונעם טויט אורטייל און בעטן זיי זאלן קומען זיך געזעגענען פון מיר׳.

טראץ וואס דאס האט באדייט אפצושטופן דעם טויט אורטייל אויף א שטיק צייט, ווילאנג די קינדער וועלן אלע קומען צוגיין, האט מען אים נאכגעגיבן זיין בקשה, געשיקט א שליח צו לאזן וויסן אלע זיינע קינדער און זיי רופן זאלן קומען צו די און די באשטימטע טאג, ווען עס וועט אויסגעפירט ווערן דער טויט אורטייל אויף זייער פאטער.

די קינדער, ווי נאר זיי האבן ערהאלטן די ביטערע ידיעה פון דעם מצב פון זייער טאטן, האבן זיי זיך גלייך ארויסגעלאזט אויפן וועג, צוקומען צופארן צו זייער פאטער און זיך געזעגענען אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

אויפן וועג זענען זיי אדורך געפארן דעם שטאט ליזענסק, האבן זיי באשלאסן זיך אפשטעלן און אריין גיין צום הייליגן רבי ר׳ אלימלך זצ״ל און מזכיר זיין זייער פאטער, זאל געראטעוועט ווערן פון די צרה, אולי יש תקוה, אפשר איז פארהאן א האפענונג מבטל זיין די ביטערע גזירה.

ווי נאר דער רבי הערט די צרה, וואונטשט ער זיי אן און זאגט, זארגט אייך נישט עס וועט גארנישט זיין, דער טאטע וועט אהיימגיין בשלום ובשלוה.

די קינדער זענען ארויס זייער איבער׳רעש׳ט פון די קלארע ברכה און. מיט א הארץ פול מיט אמונת צדיקים און שמחה זענען זיי געפארן צום שטאט ווי דער טאטע איז געווען.

אינעם באשטימטן טאג, אלעס איז גרייט, דער פאראורטיילטער ווערט צוגעבינדן הענט און פיס און מ׳פירט אים ארויס צו די פלאץ ווי מ׳העגנט אויף די ערעסטאנטן. די געזעץ איז געווען אז איידער מ׳פירט אויס דעם טויט אורטייל פלעגט מען פארליינען דעם צעטל פונעם בית המשפט וואס אויף דעם ארויף קומט דער עונש.

מ׳קומט אן צו די תליה, דער שופט זוכט דעם פאפיר, ער טרעפט עס נישט, ער קוקט אין זיינע קעשענעס, אבער אן ערפאלג. מ׳שיקט א שליח צום בית המשפט, מ׳זרייט איבער אלעס, ואיננו. אזוי קען מען נישט אויספירן דעם פסק אויב איז נישטא די קלאגע.

האט דער שופט געהייסן די עדים וועלכע האבן עדות געזאגט אויף דעם פאראורטיילטן זאלן יעצט ארויפקומען איבערזאגן די עדות׳שאפט און מ׳וועט יעצט – דא נעבן די תליה – איבערמאכן דעם משפט. די עדות שטייען דארט, אבער כאילו לא היה, קיינער געדענקט נישט קיין איין ווארט פונעם גאנצן משפט, אויף וואס מ׳האט עדות געזאגט.

אז נישט איז נישט. אויפגעבינדן די שטריק און דער איד איז פריי, געראטעוועט ממות לחיים.

פיל מיט שמחה זענען זיי אלע אריבער געפארן צום הייליגן רבי ר׳ אלימלך זצ״ל, וועלכע האט מיט גרויס גרויס אויסגעהערט די מעשה, ״כ׳האב געמוזט אראפברענגן דעם שר של שכחה כדי צו ראטעווען א איד פון טויט״, האט דער צדיק אויסגעפירט.

**זכותו יגן עלינו**

(אהל אלימלך)

לע״נ הרה״ק רבי **אלימלך** ב״ר **אליעזר ליפמאן** זצ״ל - ולע״נ בתו **מירוש** בת הרה״ק רבי **אלימלך** ע״ה

# גליון פנינים פון אור החיים הק' אויף אידיש

## פרשת לך לך

בס"ד

### אברהם האט זיך נישט פארזוימט און ווי דער אויבערשטער האט אים געהייסן איז ער גלייך געגאנגען

**"וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה' וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט"** וגו', (יב, ד). דער הייליגער אוה"ח ערקלערט אז דער פסוק קומט זאגן דאס ליבשאפט פון אברהם אבינו צום אויבערשטן, אז ער האט זיך נישט פארזוימט קיין איין רגע, נאר ווי דער אויבערשטער האט אים געזאגט איז ער גלייך געגאנגען זיך נישט אויפ־געהאלטן פאר קיין שום סיבה, דאס מיינט "כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה'" גלייך ווי דער אויבערשטער האט גערעדט צו אים איז ער געגאנגען. **"וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט"** לוט איז אויך מיט־געגאנגען גלייך, נישט ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן נאר ווייל ער האט געוואלט גיין מיט אברהם, כאטש אברהם האט זיך צוגעאיילט צו גיין אז קיינער זאל זיך נישט צוטשעפען און וועלן גיין מיט אים האט אים דאס נישט געהאלפן אנבלאנגט צו לוט וואס איז יא מיטגעגאנגען.

### די גרעסטע שמחה און פרייד איז די נאנקייט פון אויבערשטן

**"וַיֵּרָא ה' אֶל אַבְרָם וַיֹּאמֶר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַה' הַנִּרְאֶה אֵלָיו"** (יב, ז), דער **אור החיים הק'** ערקלערט אז דער פסוק קומט ארויסצוברענגען די ליבשאפט פון אברהם אבינו צום הייליגן באשעפער, ווייל דער אויבערשטער האט אים אים דאך דא אנגעזאגט צוויי גוטע בשורות, אז ער וועט האבן קינדער און אז ער וועט באקומען ארץ ישראל, אבער דאס איז געווען גערעכנט אין זיינע אויגן ווי גארנישט קעגן די גרויסע פרייד וואס ער האט געהאט מיט דעם אליין וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן און גערעדט צו איהם, ווי עס שטייט אין תהלים "שׂוֹבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ"; דורך דאס זעהן דעם פנים פונעם אויבערשטן כביכול ווערט מען זאט פון פרייד. דאס זאגט דער פסוק "וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַה' הַנִּרְאֶה אֵלָיו", דעם מזבח האט ער געבויט צו דאנקען פארן אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט זיך באוויזן צו אים, און נישט אויף די בשורות וואס ער האט אים דאן געזאגט.

**די** גרויסע ליבשאפט און שמחה פון אברהם איז א צייכן פאר זיינע קינדער, וואס עטליכע צדיקים וואס מיר זעהן אז זיי האבן געגלוסט און געבענקט צו טוהן דעם רצון ה' און מקיים זיין תורה און מצוות מער ווי זייער גלוסטעניש צו האבן קינדער, ווי מיר טרעפן אזוי אין גמרא (יבמות) ביי 'בֶּן עַזַּאי'.

### ארץ ישראל האט זיך גערוקט און זיך דערנענטערט צו אברהם

**"כִּי אֶת כָּל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה רֹאֶה לְךָ אֶתְּנֶנָּה" וגו'** (יג, טו), שרייבט דער **אור החיים הק'**: עס איז דאך באקאנט אז דאס זעה קראפט פון א מענטשן איז באגרענעצט, און וויפל די זוהן שיינט קען ער זעהן נאר ביז א געוויסע פונקט, און דא האט אים דער אויבערשטער געמאכט א נס אז די ברעגס פון די לאנד האבן זיך דערנענטערט און ער האט געקענט זעהן די גאנצע לאנד פון איין זייט ביז די אנדערע. דורך דעם האט ער געמאכט א "קִנְיַן חֲזָקָה" אין ארץ ישראל, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע חזקה ווי דעם אז עס זאל זיך רוקן די ערד פאר אים און זיך דערנענטערט צו אברהם, ארויסצווייזן אז ער איז דער בעל הבית אויף דאס לאנד. און מיר טרעפן שוין אזוינס אז די ערד האט זיך גערוקט, ביי אליעזר דער קנעכט פון אברהם וואס עס שטייט "קפצה לו הארץ" די ערד איז אים געשפרונגען און זיך דערנענטערט צו אים.

### דער קעניג פון סדום האט געשיקט ברויט און וויין דורך 'שם' כדי אברהם זאל זיי קענען עסן און טרינקען

**"וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן" וגו'** (יד, יח), איינע פון די וועגן וואס דער **אור החיים** ערקלערט דעם פסוק, אז מלך שלם וואס דאס אי שם, איז בלויז געווען א שליח פון דער קעניג פון סדום, לויט ווי די גמרא זאגט אז אברהם אבינו האט מקיים געווען אלע מצוות פון די תורה און אפילו אויך מִצְוֹת דְּרַבָּנָן, ווי צום ביישפיל עֵירוּב תַּבְשִׁילִין, און אברהם איז דאך געווען א שר רעספעקטירט און חשוב אין יעדנ'ס אויגן, איז ווען דער קעניג פון סדום איז ארויס אים אויפצונעמען, איז ער זיכער ארויס־געקומען מיט א געשאנק פון עסן און טרינקען, - ברויט און וויין, פאר אים און פאר זיינע קנעכט און די מענטשן וואס האבן געקעמפט מיט אים אין די מלחמה, וויסנדיג אבער אז אברהם וועט נישט וועלן עסן פון זייער ברויט און טרינקען פון זייער וויין, ווייל די חז"ל האבן די געאסר'ט גוי'אישע ברויט און וויין, האט ער זיך געקליגט צו שיקן דאס ברויט און וויין דורך א באגלייבטן מענטש, וואס דאס איז שֵׁם, כדי אברהם זאל זיך קענען פארלאזן אז עס כשר'ע און אויסגעהאלטענע ברויט און וויין און ער זאל רוהיג עסן און טרינקען.

### אברהם אבינו האט געבעטן ערליכע קינדער און צדיקים

**"וַיֹּאמֶר אַבְרָם הֵן לִי לֹא נָתַתָּה זָרַע" וגו'** (טו, ג), אייגנטליך איז שווער די ווערטער וואס אברהם האט געזאגט "הֵן לִי לֹא נָתַתָּה זָרַע" דער אויבערשטער האט אים דאך צוגעזאגט אז ער וועט האבן קינדער. אויף צו פארענטפערן דאס און נאך קושיות ערקלערט דער אוהחה"ק, אז דער אויבערשטער האט אים דאך צוגעזאגט "וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ" דיינע קינדער וועלן זיין ווי שטויב פון דער ערד, און געוועהנליך די וואס זענען צוגעגליכן צו שטויב פון די ערד זענען די פארשעמטע און פראסטע מענטשן וואס האבן נישט קיין שום קדושה אין זיך, וואס ווערן אנגערופן "עמי הארץ" [וואס האבן אין זיך אן ערד'ישן זהעל], נישט מיט אזעלכע קינדער האט זיך אברהם אבינו געוואונטשן. דאס האט ער געזאגט הֵן "לִי" לֹא נָתַתָּה זָרַע, האסט מיר נישט געגעבן קינדער וואס זענען פאסיג "פאר מיר", האט אים דער אויבערשטער געענטפערט "הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים וגו' כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ", דיינע קינדער וועלן זיין צדיקים געגליכן צו שטערן ווי עס שטייט ""וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים", [און דאס משל צו די ערד איז נאר געווען אין דעם ציפער פון אסאך קינדער] און מיט דעם האט ער זיך בארוהיגט.

### השי"ת האט צוגעזאגט פאר אברהם אז עס וועט נישט ווערן אראפגערעכנט פון זיין עולם הבא

**"וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם"** וגו' (טו, טו), דער **אור החיים הק'** פרעגט ווי קומט אריין - רעדנדיג פון זיינע קינדער - דער פסוק וואס רעדט אז ער וועט זוכה זיין צו קומען צו זיינע עלטערן. ענטפערט דער **אוה"ח הק'** אז די כוונה פונעם פסוק איז ווייל ווי באקאנט זענען די צדיקים באזארגט אז מען זאל זיי נישט אראפרעכנען פון זייער עוֹלָם הַבָּא דורך א גוטסקייט אדער שכר דא אויפן עוֹלָם הַזֶּה, דערפאר נאך וואס אברהם האט געהערט די בשורה אז זיינע קינדער וועלן ארויסגיין פון מצרים מיט א גרויסע פארמעגן, האט ער מורא געהאט אפשר וועט דורכדעם ווערן אראפ גערעכנט פון זיין עוֹלָם הַבָּא, אויף דעם האט דער אויבערשטער צוגעזאגט "וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם" אז עס וועט גארנישט אראפגערעכנט ווערן פון דיין עוֹלָם הַבָּא, און דאס וואס די קינדער וועלן האבן דאס איז נאר א חסד וועגן דיין גרויסע בטחון און נישט קיין שכר, און עס איז א מתנה פונעם אויבערשטן.

נדבת הרה"ח ר' משה יואל מזרחי שליט"א - אב"י בעי"ת וויליאמסבורג

יו"ל ע"י המלמד ר' משה אהרן פויגל - ווין

פרשת
תולדות

גליון
# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און
דערציילונגען פון צדיקים

שנה ו' - גליון רנ"ט

מכון
כרם בית
שמואל
אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

**פון אונזער הייליגער ווייגאָרטען**

### וְהִרְבֵּיתִי אֶת זַרְעֲךָ בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי

**נאר די כוח פון די אבות הקדושים**

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** האט געטייטשט אויפן פסוק "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם" אז יצחק איז שטענדיג ארומגעגאנגען מיט די מחשבה אז ער איז בלויז "דער זוהן פון אברהם" און ער האט נישט קיין שום אייגענע זכות פון זיך אליין, נאר מיט זיין עניוות האט ער געהאלטן אז אלע זיינע זכותים קומען פון זיין טאטן.

מיט דעם טייטשט מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** דער פסוק וואס שטייט שפעטער ווי דער אייבישטער זאגט צו א הבטחה פאר יצחק אבינו "וְהִרְבֵּיתִי אֶת זַרְעֲךָ בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי", און לכאורה איז שווער א קשיא, צו דען האט יצחק נישט געהאט קיין אייגענע זכותים אז דער אייבישטער זאגט איהם אז ער וועט פארמערן זיינע קינדער נאר אין זכות פון אברהם אבינו?, יצחק האט דאָך זיך געלאזט מקריב זיין אלס א קרבן אויף די עקידה, און פארוואס דארף ער צוקומען צום זכות פון זיין טאטע אברהם. נאר דער אייבישטער זאגט דא די גרויסע זכות וואס יצחק פארמאָגט מיט דעם וואס ער איז שטענדיג תולה און הענגט אָן זיינע זכותים נאר צוליב "בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי", ער טראכט ביי זיך שטענדיג אז ער האט נאר די זכות און די כוח פון אברהם אבינו, און טאקע אין דעם זכות פון זיין ענוה און שפלות וועט איהם דער אייבישטער בענטשן און פאַרמערן זיינע קינדער.

(ספה"ק תפארת שמואל ב')

### וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי ה' לִפְנֵי מוֹתִי

**די מדריגה פון יצחק אבינו בשעת די ברכות**

עס ווערט געברענגט אין **ספרים הק'** אז יום כיפור ווען דער כהן גדול פלעגט אריינגיין אין קדשי קדשים, איז ער צוגעקומען צו 'התפשטות הגשמיות' און ער איז בכלל נישט געווען דעמאלטס ווי א מענטש מיט א גשמיות'דיגע גוף, און ווי עס ווערט געברענגט אין **זוהר הק'** און אין **כתבי האר"י הק'** אז דער שֵׁם המפורש פלעגט ארויסקומען פון זיין מויל פון זיך אליין בקדושה ובטהרה. אין די זעלבע הויכע בחינה איז געווען יצחק אבינו ע"ה ווען ער איז געגאנגען בענטשן זיין זוהן און ממשיך זיין אויף איהם די הייליגע ברכות און השפעות. דערפאר האט זיך יצחק געזארגט אז פון גרויס דביקות בשעת ער וועט בענטשן זיין זוהן פארן אייבישטער, אפשר וועט זיין נשמה אויסגיין, און עס וועט זיך מער נישט צוריקקערן צו זיין גוף. און דערפאר האט ער געזאגט "וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי ה' לִפְנֵי מוֹתִי", לפני ה' איז מרמז אויף די בחינה פונעם כהן גדול אום יום כיפור ווי ס'שטייט "לפני ה' תטהרו", און אויך האט ער געזאגט לפני מותי, נישט וויסענדיג אויב ער וועט דאס איבערלעבן.

און ווי **דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** פלעגט זאגן אויפן **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** אז יעדן איינציגסטן טאג פארן דאווענען, פלעגט דער יוד הק' זיך געזעגענען פון אלע זיינע פריינט און באקאנטע, צוליב זיין גרויסע עבודהביים דאווענען און זיין התפשטות הגשמיות, אזוי אז ער האט נישט געוואוסט אויב זיין נשמה וועט זיך נאך צוריקקערן צו איהם נאכן דאווענען.

(מתוך ספה"ק ישמח ישראל י"א)

### רֵיחַ בְּנִי כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ ה'

**בלייבן קליין מיט ענוה און הכנעה**

יצחק אבינו האט זיך שטענדיג געפירט מיט די מידה פון הכנעה און שפלות, און דערמיט האט ער אויך געבענטשט יעקב אבינו, אז אפילו ווען ער וועט זוכה זיין צו טוהן גוטע מעשים און מאכן א נחת רוח פאר השי"ת, דאָך זאל ער נישט צוקומען צו קיין גאוה דורך דעם, און ער זאל נישט נתפעל ווערן פון זיינע גוטע מעשים.

און דאס איז מרומז אין די ווערטער "וַיֹּאמֶר רְאֵה רֵיחַ בְּנִי" מיין קינד אפילו אויב דו וועסט זוכה זיין אז דיינע מעשים וועלן ארויפגיין לריח ניחוח לה' און מאכן א נחת רוח פארן אייבישטער, זאל עס זיין ביי דיר נישט מער ווי "כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ ה'" פונקט ווי א פשוט'ע פעלד כאפט נישט קיין התפעלות און האלט זיך נישט גרויס מיט דעם וואס עס האט אין זיך א גוטע ריח, דאס זעלבע זאלסטו זיין ביי דיר, און בלייבן מיט הכנעה און ענוה.

און דאס זעלבע איז אויך ווען "וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים" אויב דו וועסט זוכה זיין צו יראת שמים וואס ווערט אנגערופן אין **ספרים הק'** מיט'ן נאמען 'אלקים', זאל עס דיר נישט צוברענגען צו קיין גאוה ח"ו, נאר עס זאל זיין ווי "מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ" פונקט ווי הימל און ערד כאפן נישט קיין התפעלות פון די טוי און די פרוכט וואס זיי ברענגען פאר די וועלט, נאר זיי טוען זייער ארבעט אָן קיין שטאלץ און גאוה, דאס זעלבע זאלסטו זיין אין דיינע אויגן.

(ספה"ק תפארת שמואל ט')



## ענבי הכרם

### טראכט נישט אז ס'איז א פערד!

ווי מיר ווייסן אלע, זענען פאראן מענטשן וואס ווערן פארזינקן אין זייערע גשמיות'דיגע ענינים, זייער קאפ ליגט בלויז אין געלט, און זייער טאג טעגליכע לעבן דרייט זיך בלויז ארום זייערע געשפעטן און דאס געלט, ביז זיי קענען שוין נישט טראכטן גראָד, און פארגעסן פון סיי וועלכע אנדערע זאך.

דער באקאנטער משגיח און משפיע הגאון החסיד **רבי גָד'ל אייזנער ז"ל** האט אמאל דערציילט פאר זיינע תלמידים די פאלגנדע מעשה בדרך משל: ס'איז אמאל געווען א שטאט אין וועלכע ס'איז אריין א 'רוח שטות' ל"ע אין אלע איינוואוינער, און דער עולם האט אנגעהויבן ארומצורייטן אין די גאסן אויף שטעקענעס... ס'איז געווארן אן אָפטע ערשיינונג צו זעהן ווי מענטשן טאנצן ארום זיך שלעפנדיג אויף אזעלכע סארט בעזעם שטעקענעס ווי כאילו ס'וואלט געווען א פערד און זיי זיצן דעראויף. איין מענטש איז אבער יא געבליבן נארמאל, און ער האט זיך אנטזאגט פון זיך פירן מיט אט דעם צודרייטן מנהג, און ער האט זיך נישט ארויפגעזעצט אויף א שטעקן. די שטאטלייט זענען געווארן גאר בייז אויף איהם פארוואס ער קען נישט זיין 'נארמאל' ווי יעדעם און טוהן די זעלבע, און מ'האט איהם געפייניגט און גע'רודפ'ט אז ער רייט נישט אויפן שטעקן.

זייענדיג אין גרויס קלעם, האט ער געשיקט א בריוו צו זיינס א גוטער פריינט פון אן אנדערע שטאט, וואס עס קומט דא פאָר און ער ווייסט נישט וואס צו טוהן. דער חבר האט איהם גע'עצה'ט זיי נישט נאריש, טו וואס יעדער טוט, מאַך זיי נאך.

"הֲיִתָּכֵן?!" האט דער חבר איהם צוריק געשיקט מיט ערגעניש, "איך האב דיר דערציילט מיין פראבלעם איז איך בין אריינגעפאלן אין א סביבה פון משוגעים, און געבעטן אן עצה וואס צו טוהן, זאגסטו מיר אז איך זאל גאר ווערן ווי איינער פון זיי, איך זאל זיי גאר נאָכמאַכן און זיך פירן מיט זייער שטות?, דאס איז אן עצה פון א גוטע פריינט?!". ענטפערט איהם צוריק זיין קלוגער ידיד: מיין טייערן פריינט, דו האסט מיר נישט גוט פארשטאנען, כ'האב נישט געהייסן דו זאלסט טאקע ווערן איינער פון זיי, איך האב דיר סך-הכל געהייסן אז דו זאלסט טוהן וואס זיי טוען, אבער ס'וועט למעשה זיין א ריזיגע חילוק און א אונטערשייד צווישן אייך, ווייל 'זיי' וועלן רייטן אויפן שטעקן מיינענדיג אז ס'איז א פערד, דו וועסט אבער רייטן אויפן שטעקן און דו וועסט וויסן אז ס'איז נישט מער ווי א שטעקן...

האט רבי גד'ל אויסגעפירט צו זיינע תלמידים מיט א שמייכל, א איד אויף דער וועלט איז אזיווי יענער וואס האט זיך געטראפן אין א סביבה פון משוגעים. די וועלט איז פיל מיט גשמיות און פארשידענע תאוות, מ'מוז טאקע עסן, טרינקן, שלאפן, פירן געשעפטן, און טוהן נאך אסאך אנדערע מענטשליכע געברויכן. דער חילוק איז אבער, דער גוי 'לעבט'

המשך בעמוד ג'

# פירותיך מתוקים



## אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק

**רש"י** זאגט אז די לֵיצָנֵי הדור האבן געזאגט "מאבימלך נתעברה שרה", און דערפאר האט השי"ת געמאכט אז יצחק'ס געשטאלט זאל זיין ענדליך צו אברהם, אזוי האט יעדער געוואוסט קלאר אז אברהם האט געבוירן יצחק. **כ"ק אדמו"ר רבי יצחק פון אמשינאוו זצוקללה"ה** האט געטייטשט לויט ווי שלמה המלך זאגט אין קהלת (ח' א') חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו, די חכמה פון א מענטש באלייכט זיין פנים, און אויף אברהם אבינו'ס לעכטיגע צורה האט מען באלד געקענט דערקענען ווער ער איז. דער אייבישטער האט געגעבן פאר יצחק אויך אזא סארט הייליגע צורה, וואס ווער ס'האט נאר געקוקט אויף איהם האט זיך תיכף איבערצייגט אז אזא פנים קען נישט האבן דער זוהן פון אבימלך, נאר ס'מוז זיין אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק.

(אמרי קודש)

## מַטְעַמִּים לְאָבִיךָ כַּאֲשֶׁר אָהֵב

חכמינו ז"ל זאגן (סנהדרין ק"ה:) לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוה אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, אז א איד דארף שטענדיג עוסק זיין אין תורה און מצוות, אפילו אויב ס'איז 'שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ' ווייל אז מען טוט שלא לשמה, איז מען זוכה דערנאך און מ'קומט צו אז ס'זאל ווערן לִשְׁמָהּ.

דאס איז מרומז דא אין די ווערטער וואס רבקה האט געזאגט פאר יעקב "וְאֶעֱשֶׂה אֹתָם מַטְעַמִּים לְאָבִיךָ כַּאֲשֶׁר אָהֵב", א איד דארף וויסן און געדענקן אז סיי וואס ער איז נאר עוסק אין תורה און אין מצוות, אפילו שלא לשמה, איז עס נאך אלס 'מטעמים' פארן טאטן אין הימל און דער רבונו של עולם האט דאס ליב און וויל דאס פון אונז. "בַּעֲבֻר אֲשֶׁר יְבָרֶכְךָ" און דער אייבישטער וועט דיר בענטשן פאר דעם, אפילו דער מענטש קומט בְּמִרְמָה (אזויווי יעקב איז געקומען בְּמִרְמָה ארויסצונאַרן די ברכות) און ליידער מיינט ער עס נאכנישט אמת'דיג און לשמה, דערווייל איז ער נאך אנגעקליידעט מיט די "בִּגְדֵי עֵשָׂו הַחֲמֻדֹת" ער גלוסט נאך צו באקומען כבוד און חשיבות דורך די תורה וואס ער לערנט.

יעקב אבינו האט אבער מורא געהאט און געזאגט "אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי", אפשר וועט דער טאטע אין הימל 'באַטאַפּן' מיינע מעשים און זיי אדורכקוקן, אזויווי מ'טאַפּט א שטיקל סחורה צו זעהן אויב ס'איז גוט, און ער וועט זעהן אז מיין כוונה איז נישט ווי עס דארף צו זיין, "וְהֵבֵאתִי עָלַי קְלָלָה" און עס וועט נישט טויגן ח"ו. אויף דעם האט רבקה געענטפערט "עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי... שְׁמַע בְּקֹלִי וְלֵךְ קַח לִי" האב נישט קיין מורא, גיי לערן און דאווען אפילו דו האלטסט נאכנישט דערביי, אפילו שלא לשמה, ווייל השי"ת האט דאס אויך ליב.

(זרע קודש)

## כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ ה'

אין א קליין דערפל מיט'ן נאמען זעלען, האט געוואוינט א איד א צדיק מיט'ן נאמען **רבי דוד**, רבי דוד איז געווען גאר שטארק באפריינדעט מיט **הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע**, און אינאיינעם פלעגן די צוויי חברים פארן אָפט קיין לובלין צום **חוזה זי"ע**.

האט פאסירט אמאָל ווען זיי האבן געוואלט פארן קיין לובלין, איז רבי דוד'ל לעלובער געקומען קיין זעלען אפצונעמען זיין פריינט רבי דוד און ממשיך זיין מיט איהם ווייטער אויפן נסיעה קיין לובלין. רבי דוד זעלענער האט מודיע געווען פאר זיין ווייב אז היינט וועלן זיי האבן א חשוב'ער גאסט אין זייער הויז, זיין פריינט רבי דוד'ל לעלובער, און אז זי זאל אנגרייטן א סעודה פארן גאסט.

אינעם הויז פון רבי דוד זעלענער האט געהערשט א גרויס ארימקייט, דער צדיק מיט זיין ווייב האבן געלעבט אין גרויס דחקות און נויט, און האבן זיך שטענדיג באגנוגט מיט כמעט גארנישט צו עסן. הערנדיג אז זיי וועלן האבן אזא געהויבענעם גאסט, איז די רעביצין ארויסגעלאפן אין װאלד צו קלויבן עטליכע העלצער אז זי זאל האבן מיט וואס צו הייצן דעם אויוון. און דערנאך אזי זי אהיימגעקומען און גענומען דאס לעצטע ביסל מעל וואס זיי האבן פארמאָגט אין שטוב, און זי האט דאס אויסגעמישט מיט וואסער און געשטעלט קאכן אויפן פייער, און פון די מאכל האט זי דערלאנגט פאר רבי דוד'ל לעלובער און פאר איר מאן. נאכ'ן עסן און בענטשן האבן זיך די צוויי צדיקים ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין לובלין.

אהיימקומענדיג פון לובלין, האט רבי דוד'ל לעלובער דערציילט פאר זיין רעביצין אז אינעם הויז פון זיין פריינט רבי דוד אין זעלען האט ער געגעסן גאר א גוטע מאכל אין וועלכע ער האט ממש געשפירט א טעם גן עדן. די רעביצין פון רבי דוד'ל לעלובער וואס האט גוט געקענט איר מאן און געוואוסט ווי ווייט ער איז אפגעזינדערט פון הנאת עולם הזה און שפירט כמעט נישט קיין טעם אין קיין עסן, האט זיך שטארק געוואונדערט וואס איז געווען דער אויסערגעוועגליכע מאכל וואס איר מאן האט אזוי ליב געהאט. איז זי אריבערגעגאנגען צום שכינות'דיגן זעלען צו פרעגן דארט פון רבי דוד'ס ווייב וואס איז געווען די גוטע שפייז וואס זי האט אנגעגרייט.

ווען רבי דוד זעלענער'ס ווייב האט געהערט די פראגע האט זי געענטפערט מיט א פשטות, כ'וועל דיר זאגן דעם אמת, היות איך האב גארנישט געהאט אינדערהיים, אפילו נישט אביסל געווירצן אדער פעטנס מיט וואס אריינצוגעבן א טעם אין דאס עסן, האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן מיט א געבעט צו השי"ת און געזאגט "רבונו של עולם די ווייסט אז איך וואלט געוואלט צושטעלן פון דאס שענסטע און דאס בעסטע פאר אזא צדיק צו עסן, נאר וואס זאל איך טוהן אז איך האב גארנישט אין מיין הויז, אבער דו רבוש"ע דו האסט דאָך א גן עדן, בעט איך דיר שיק אריין א טעם גן עדן אין דאס עסן אז דער צדיק זאל הנאה האבן... דעמאלטס איז נתגלה געווארן דער סוד פון דעם גוטן טעם וואס רבי דוד'ל לעלובער האט טועם געווען אין די ארימע עסן.

(קודש הילולים)

## א נקודה...

**הגה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין זי"ע האט געזאגט:**

**אן עם הארץ וואס האט ליידער נישט קיין אהבת התורה, דארף ער זיך כאטש אנפילן אנשטאט דעם מיט אהבת ישראל.**



# אוצר הכרם

**אן אוצר פון ידיעות וענינים,**
**בענינא דיומא ובפרשת השבוע**

### זאגן ויתן לך מוצאי שבת קדוש

אין אונזער פרשה געפונען מיר די ברכות וואס יצחק האט געבענטשט יעקב אבינו, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וגו', וואס עס איז א מנהג ישראל צו זאגן די פסוקים מוצאי שב"ק. ווי דער **טור** ברענגט (או"ח סי' רצ"ה) אז עס איז אן ענין צו זאגן פסוקים פון ברכה כדי ס'זאל חָל זיין א ברכה אין אונזערע ווערק.

דער **מטה משה** ברענגט א רמז דערצו פון די ווערטער פונעם נביא (ישעי' נ"ו) כָּל שֹׁמֵר שַׁבָּת מֵחַלְּלוֹ וגו' און נאכדעם שטייט וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי, וואס פון דא נעמט זיך דער מקור אז נאך שבת דארף מען עוסק זיין אין זאגן שירות ותשבחות פארן אייבישטער, וויבאלד עס קומט צו גיין א נייע וואך, דעריבער זאל מען זאגן פסוקים וואס זענען עוסק און גוטע השפעות און ברכות.

אין די **קדמונים** שטייט אז מען זאגט ויתן לך אין שוהל נאך מעריב, און די טעם פון זאגן די פסוקים מוצאי שבת, איז צוליב די זעלבע סיבה פארוואס מ'האט מתקן געווען צו זאגן ויהי נועם און ואתה קדוש נאך שמונה עשרה, כדי קיינער זאל נישט דארפן פארבלייבן אליינס אין שול (וויבאלד בימים ההם זענען די בתי כנסיות געווען אינדרויסן פון שטאט, און ס'איז געווען א פחד און א סכנה צו פארבלייבן אליין דארט) איז אויב איינער האט געשפעטיגט און ער האלט נאך אינמיטן דאווענען שמונה עשרה, זאל ער קענען ענדיגן בשעת דער ציבור זאגט די אלע פסוקים.

אבער די וואס פירן זיך עפ"י מנהג **האריז"ל** זאגן ויתן לך נאך הבדלה אין שטוב, אנצוהייבן באלד די אנהייב פון די ימות החול מיט פסוקים פון רצון און ברכה. (פרי עץ חיים).

### א ספעציעלע ברכה און שמירה

אמאל אין א מוצש"ק האט דער צדיק **הרה"ק רבי יחיאל מאיר פון גאסטאנין זי"ע** געזאגט א טעם פארוואס מיר זאגן ויתן לך מוצאי שבת, וויבאלד נאך די גרויסע קדושה פון שבת קודש, ווען מיר גייען ארויס אזוי דערהויבן מיט א געטליכע קרוין אויף אונזער קאפ, קומט צו גיין די סטרא אחרא זיך צו רייצן מיט מענטש און זי וויל מקטרג זיין קעגן דעם מענטש און געוועלטיגן אויף איהם, און דעריבער דארפן מיר דעמאלטס צוקומען צו א באזונדערע ברכה פון הימל.

און מיט דעם האט דער גאסטאנינער רבי זי"ע ערקלערט דאס וואס מיר געפונען אין אונזער פרשה, תיכף נאך די ברכות שטייט וַיְהִי אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא וגו' וויבאלד יעקב אבינו איז דא ארויסגעקומען נאכן מקבל זיין די ברכות, און פלוצלינג איז איהם אנקעגן געקומען עשו און מקנא געווען, שטייט דערנאך אז יצחק האט געזאגט "גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה", וויבאלד ער האט תיכף געמוזט געבן א באזונדערע ברכה פאר יעקב, אז עשו זאל נישט קענען שולט זיין אויף איהם. און דאס זעלבע קומט פאָר יעדן מוצאי שב"ק, ווען די סטרא אחרא איז אונז מקנא און מיר זאגן ויתן לך כדי צו ווערן געבענטשט מיט א ספעציעלע ברכה און שמירה.

אויך האט דער גאסטאנינער רבי זי"ע דאן נאכגעזאגט בשם איינס פון די פריערדיגע צדיקים (ער האט נישט געדענקט זיין נאמען) וועלכער האט געזאגט "איך ווייס נישט וויאזוי א איד קען האבן פרנסה דורך די וואך אויב ער זאגט נישט ויתן לך מוצאי שבת קודש". (צוף הרי"ם)




**הרה"ק רבי יעקב דוד זי"ע - דער אלטער רבי פון אמשינאוו זי"ע** איז געבוירן געווארן בערך אין יאר תקע"ה אינעם שטאט זשאָריק אין פוילן צו זיין פאטער **הרה"ק רבי יצחק - דער אלטער רבי פון ווארקא זי"ע**, און צו זיין מאמע די צדיקת מרת רחל ע"ה.

פון קינדווייז אָן האט זיך דער אמשינאווער רבי אויסגעצייכענט מיט זיין געוואלדיגע התמדה אין תורה הק' וואס ער האט שטענדיג געלערנט מיט א ברען.

עס ווערט דערציילט אז אלס קינד, פלעגט איהם זיין טאטע - דער אלטער רבי פון ווארקא זי"ע פאַרהערן יעדע וואך אויף זיינע לימודים וואס ער האט געלערנט. איינמאל נאכן פארהערן, האט איהם זיין פאטער געזאגט "מ'דארף בעסער צו ווען" (ווי איינער זאגט אז ער דארף זיך מער אנשטרענגן און בעסער וועלן לערנען). דעם קומענדיגן וואך האט טאקע דער קליינער יעקב דוד זיך מער אנגעשטרענגט און בעסער געלערנט, אבער צו זיין גרויס וואונדער האט זיין טאטע איהם נאָכאַמאָל געזאגט די זעלבע ווערטער "מ'דארף בעסער צו וועלן". און אזוי האט דאס אנגעהאלטן עטליכע וואכן, ווען יעדעס מאל זאגט איהם זיין טאטע איבער דאס זעלבע אז מ'דארף בעסער וועלן. ביז ער האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן און ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, זאגענדיג "טאטע זאג מיר וויאזוי וויל מען בעסער לערנען?". האט איהם זיין טאטע געענטפערט "אז מען וויל נישט קיין אנדערע זאך", ווייל ווילאנג דער מענטש וויל נאך אנדערע זאכן אויך, איז נישט זיין גאנצע רצון אין תורה.

רבי יעקב דוד האט טאקע אריינגעלייגט זיין גאנצע ווילן אין תורה, און געלערנט מיט גרויס פלייס, און זיין נאמען איז טאקע שנעל ברייט באקאנט געווארן מיט זיין גרויסקייט אין תורה, אין נגלה און אין נסתר. אין די שפעטערדיגע יארן האט **דער קאצקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן אמשינאווער רבי "אין הלכות שבת איז ער אן איינציגסטער אין דור" וואס קען אזוי גוט...

**דער אמשינאווער רבי** איז געווען באקאנט מיט זיין הנהגה אויפן זעלבן שטייגער ווי זיין פאטער - **דער אלטער ווארקער רבי זי"ע** וואס האט געלעבט טאג און נאכט מיט מסירות נפש און עסקנות פאר כלל ישראל. דער אמשינאווער רבי פלעגט אפטמאל זיין פאר לאנגע וואכן נאָכאַנאַנד אין די הויפטשטאָט ווארשא ווי ער פלעגט עוסק זיין אין שתדלנות ביי די שָׂרים און בעאמטע לטובת הכלל, און פלעגט זיך צוריקקערן קיין אמשינאוו נאר אויף שבת.

און נישט בלויז פארן כלל, נאר אויך פאר יעדן יחיד באזונדער, פלעגט דער אמשינאווער רבי זיך אפגעבן מיט זיין גאנצע נשמה. יעדער צובראכן הארץ האט געפונען א טרייסט אין אמשינאוו וואו דער רבי פלעגט מקרב זיין יעדן איינעם פון קליין ביז גרויס, ווי אויך גאר פשוט'ע עַמְךְּ אידן האבן שטענדיג געטראפן אן אפענע טויער און אן אפענער הארץ ביים אמשינאווער רבי וואס האט ממשיך געווען מיט די הייליגע ווארקא מסורה פון אהבת ישראל און גמילות חסדים אָן א שיעור.

א באזונדערע עבודה איז געווען די צדקה צוועקן פון פדיון שבויים און הכנסת כלה וכדומה ביים רבי'ן אין הויף. לאנגע שעות האט ער מקדיש געווען צו העלפן נויטבאדארפנדע אידן, און איז ארומגעפאָרן זאמלען געלט פאר זיי, טראץ זיין שוואכע געזונט צושטאנד און די שווערע אומשטענדן אויף די וועגן, האט גארנישט געקענט אפהאלטן זיין מסירות נפש דערצו.

א ספעציעלע 'צדקה קאסע' האט דער אמשינאווער רבי מייסד געווען פאר פדיון שבויים, וואו יעדער חסיד האט געמוזט אריינלייגן אינעם פושקע א פרוטה יעדן טאג, און א רייכער חסיד האט גענדארפט באצאלן מער. די געלט איז גענוצט געווארן צו באפרייען אידן, און ספעציעל אזעלכע אידן וואס זענען גענומען געווארן צום מיליטערישן דינסט און האבן נישט געהאט קיין וועג ארויס אָן אויסלייז געלט.

איינס פון די פילע מעשיות ווערט דערציילט, אז אמאל אין א פראסטיגע ווינטער מוצאי שבת, שוין שפעט נאך האלבע נאכט, א קאלטע שניי שטורעם בוזשעוועט אינדרויסן, און קיין לעבעדיגער באשעפעניש באווייזט זיך נישט אויפן גאס. אינעם אמשינאווער שטיבל אין שטאט גריצא זענען געזעצן עטליכע חסידים און פארברענגט די צייט, ווען פלוצלינג הערט זיך קלאפן אויפן טיר, און עס באווייזט זיך ביים שוועל נישט קיין אנדערער ווי דער רבי בכבודו ובעצמו וואס שטייט איינגעהילט אין זיין פעלץ, און באדעקט מיט שניי פון קאפ ביז פיס. די חסידים זענען געווען זייער פארוואונדערט און פארשעמט אז דער רבי האט זיי געכאפט זיצן און בַּטֶל'ן די צייט אין אזא שפעטע שעה. אבער דער רבי מאכט נישט קיין עֵסק, און בעהט באלד אז איינער זאל שוין יעצט קומען מיט איהם צו א געוויסער עושר דא אין גריצא. פארשטייט זיך אז מען האט באגלייט דעם רבי'ן צו יענעם עושר, און אין די שפעטע שעה האט דער רבי ארויסגעשלעפט דעם עושר פון בעט. דער רבי האט איהם דערציילט אז ער איז ספעציעל געקומען צו פאָרן אין איילעניש, צוליב וואס מ'האט גענומען צום מיליטער א ארימער איד, איינער פון די וואסער טרעגער אין אמשינאוו, און עס פעלט אויס א גרויסע סכום איהם צו באפרייען.

דער עושר האט געעפענט א פאָר אויגן און געפרעגט דעם רבי'ן אויב צוליב דעם האט ער געמוזט קומען צו פאָרן יעצט אינמיטן די נאכט אין אזא וועטער?, עס האט דאָך געקענט ווארטן ביז מארגן אינדערפרי?!. "טאקע צוליב דעם" ענטפערט איהם דער רבי, "ווען איך האב זיך דערמאנט אז אין אזא פראָסטיגע נאכט, דארף נעבעך יענער איד שטיין אויפן וואַך אינדרויסן און דינען דעם מיליטער, האב איך נישט געקענט שלאפן אין בעט, און איך בין געקומען צו פאָרן איהם העלפן". פארשטייט זיך אז דער עושר האט נישט געקענט אפזאגן, זעענדיג די אנטשלאָסנקייט פונעם צדיק צו העלפן א צווייטער איד, און ער האט תיכף ומיד אהינגעגעבן דעם גאנצן סכום וואס דער רבי האט פארלאנגט.

**הרה"ק רבי יעקב אריה פון ראדזימין זי"ע** האט אמאל ארומגעזוכט פרייטאג צו נאכט'ס ביי זיך אין בית המדרש מיט זאָרג, אויב עס געפונט זיך אפשר אין ראדזימין א איד וואס קומט פון אמשינאוו, ביז מען האט געפונען א חסיד וואס איז טאקע געקומען צו פארן ערב שבת פון אמשינאוו. דער ראדזימינער רבי האט זיך נאכגעפרעגט ביי איהם אויב ער האט עפעס א ידיעה וואס עס מאכט **דער אמשינאווער רבי**, און דער ראדזימינער רבי האט דערביי ערקלערט זיין זארג, ווייל יעדע פרייטאג צו נאכט'ס האט ער די זכיה צו הערן ווי דער אמשינאווער רבי דאווענט קבלת שבת אין זיין ביהמ"ד אין אמשינאוו, אבער די וואך האט ער גארנישט געהערט דאס דאווענען פונעם אמשינאווער רבי'ן און דעריבער איז ער זייער באַזאָרגט איבער'ן צושטאַנד פונעם אמשינאווער רבי ווער ווייסט וואס עס האט ח"ו פאסירט מיט איהם. דער חסיד האט איהם אבער בארואיגט אז ווען ער איז היינט אוועקגעפארן פון אמשינאוו האט דער רבי געליטן אויף גאר שטארקע ציין ווייטאג און דעריבער האט ער ווארשיינליך נישט געקענט דאווענען ווי געווענליך... און מיט דעם האט זיך דער ראדזימינער רבי בארואיגט פון זיין שרעק.

**דער אמשינאווער רבי זי"ע** האט זיך אמאָל אויסגעדרוקט: א רבי דארף וויסן דריי זאכן איידער ער נעמט אויף זיך דער עול פון הנהגה, איינס, ווען ער זיצט אויפן בענקל זאל ער שפירן ווי ער זיצט אויף נעגל וואס שטעכן איהם. צווייטנס, ווען א איד קומט צו גיין מיט א קוויטל דארף דער רבי וויסן וואס עס שטייט אינעם קוויטל נאך איידער ער ליינט עס. און דריטענס, ווען דער רבי ליינט דער קוויטל דארף ער שפירן די צרה פונעם חסיד כאילו עס וואלט געווען זיין אייגענע צרה ח"ו...

המשך מעמוד א'

אין די אלע תענוגים און ער מיינט אז זיי זענען די עיקר, ער זעהט אין זיי א צוועק און א חשיבות, דאגעגן דער איד דארף וויסן און געדענקן אז ער טוט טאקע די אלע זאכן ווייל ער האט נישט קיין ברירה, וואס זאל ער דען טוהן אז פון הימל האט מען איהם אהערגעשיקט אין אט אזא גשמיות'דיגע וועלט וואו יעדער מוז טוהן די אלע זאכן, אבער ער ווערט נישט 'איינגעזינקן' צו טיף אין די אלע זאכן, ער רעדט זיך נישט איין אז די שטעקן איז א פערד...

א דבר נפלא שטייט אין **ספורנו** אין אונזער פרשה. דער ספורנו דערציילט אונז אז עשו איז געווען אזוי איינגעזינקן אין זיין ארבעט, אז ווען ער איז אהיימגעקומען פונעם פעלד איז ער געווען מיד און אפגעמוטשעט, אז ער האט בכלל נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט איהם, ווען ער האט געזעהן אדער געשמעקט אז יעקב האלט אינמיטן קאכן לינזן, האט ער זיי אפילו נישט געקענט אנרופן ביים נאמען, זיין קאפ איז נישט געווען דארט, ער האט נאר געקענט בעטן "הַלְעִיטֵנִי נָא מִן **הָאָדֹם הָאָדֹם** הַזֶה" געב מיר פון די רויטע זאך! ווייל ער האט ניטאמאל געקענט קאנצעטרירן אויפן נאמען פונעם מַאכָל, ער האט בלויז געוואוסט אז ס'איז רויט, און געשריגן געב עס אהער. "עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ אֱדוֹם" פון דעם נעמט זיך זיין נאמען 'אדום' מיט א זלזול, דו רויטער, דא האסטו די רויטע זאך וואס דו האסט געבעטן, האלט דיך מיט דיין 'רויט' און שטאָפ דיך אָן דערמיט... וויבאלד ער איז אינגאנצן נישט געווען בגדר אנושי, ער האט נישט געקענט זאגן עפעס מער פון דעם, איז דאס געבליבן זיין שפאָט נאמען אֱדוֹם.

און ווען יעקב האט דאס געזעהן, האט ער איהם געזאגט "פארקויף מיר די בכורה, ווייל אויב דו ביסט אזוי פארזינקן אין דיין ארבעט אז דו קענסט נישט רעדן גראָד, וועסטו דאָך בלי שום ספק זיכער נישט קענען עוסק זיין אין די עבודה אין בית המקדש וואס די בכורים דארפן טוהן, דעריבער איז עס א שאד, פארקויף עס מיר אנשטאט...

בס"ד

גליון

# קוראי עונג

פרשת תולדות

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**כִּי עֲקָרָה הִוא.** (כה, כא)

פארוואס שטייט 'הוא' מיט א וא"ו, נישט מיט א יו"ד?

ווייל ווען רבקה האט חתונה געהאט איז זי אלט געווען 3 יאר, 20 יאר שפעטער ווען יעקב און עשו זענען געבוירן געווארן, איז זי אלט געווען 23 יאר.

די גמרא זאגט (יבמות יב:), ביז די 11 יאר קען מען נישט האבן קיין קינדער, קומט אויס אז רבקה איז נאר געווען אַן עקרה 12 יאר, פון די 11 יאר ביז די 23 יאר. דעריבער שטייט 'כי עקרה הוא', ווייל 'הוא' איז בגימטריא 12, אז 12 יאר איז זי געווען אַן עקרה.

(ספר משך חכמה)

**וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ.** (כה, כא)

פארוואס שטייט 'ותהר רבקה אשתו', זאל שטיין נאר 'ותהר אשתו', ווי עס שטייט פריער 'לנוכח אשתו'?

נאר די תורה וויל ארויסברענגען אז כאטש וואס שרה האט נאר געקענט געהאלפן ווערן מיט קינדער, נאר נאך מען האט פארענדערט איר נאמען פון 'שרי' צו 'שרה', רבקה אבער איז געהאלפן געווארן מיט קינדער כאטש זי איז געבליבן מיט איר נאמען. דעריבער זאגט דער פסוק 'ותהר רבקה אשתו', אז זי איז געהאלפן געווארן כאטש זי איז געבליבן מיט'ן נאמען 'רבקה'.

(דער הייליגער חיד"א זי"ע)

**וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ.** (כה, כב)

זאגט רש"י, ווען רבקה איז אריבער די ישיבה פון שם ועבר האט יעקב געוואלט ארויסגיין, ווען זי איז אריבער א הויז פון עבודה זרה האט עשו געוואלט ארויסגיין.

די גמרא זאגט (נדה ל:), איידער א קינד ווערט געבוירן לערנט א מלאך מיט'ן קינד תורה. אויב אזוי איז שווער, עשו פארשטיין מיר אז ער האט נישט געוואלט לערנען תורה, נאר ער האט געוואלט דינען עבודה זרה, דעריבער האט ער געוואלט ארויסגיין. אבער פארוואס האט יעקב אזוי שטארק געוואלט ארויסגיין צום בית המדרש לערנען תורה, ער האט דאך געהאט א מלאך וואס האט מיט עם געלערנט די הייליגע תורה?

נאר יעקב אבינו האט געוואוסט אז כאטש ער האט זייער א גוט'ן רבי'ן, א מלאך, איז דאס גארנישט ווערד, אויב דארף ער דערפאר בלייבן נעבן זיין שלעכט'ן שכן 'עשו', דעריבער האט יעקב שוין געוואלט ארויסגיין, כדי זיך אפצושיידן פון דעם שלעכט'ן שכן.

(דער הייליגער רבי שמחה בונם פון פרשיסחא זי"ע)

**וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו.** (כה, כח)

דער תרגום אונקלס זאגט 'ארי מצידיה הוה אכיל', יצחק האט געגעסן פון דאס וואס עשו האט געפאנגען.

איז שווער, ווי אזוי האט יצחק געגעסן פון וואס עשו האט גע'שחט'ן, שחיטה פון א רשע איז דאך טריפה?

נאך איז שווער, ווי אזוי האט יצחק נישט געשפירט ביים עסן דאס פלייש, אז עשו איז נישט ערליך, ווייל צדיקים ווען זיי עסן, שפירן זיי דאך פון דאס עסן אליין, אויב דער שוחט איז ערליך אדער נישט?

נאר עשו האט געוואוסט אז טאמער וועט ער אליין שחט'ן וועט יצחק אויסגעפונען אז ער איז א רשע, דעריבער פלעגט ער קומען יעדן טאג צו יעקב, אז יעקב זאל שחט'ן פאר עם, און יעקב האט עס גע'שחט'ן מיט קדושה און טהרה. ווען יצחק האט דאס געגעסן, האט ער געשפירט אזא טעם פון קדושה אין די פלייש, אז ער האט געמיינט אז עשו איז ערליך. ממילא, האט יצחק געגעסן כשר'ע פלייש, און פון די פלייש האט ער טאקע נישט געשפירט אז עשו איז א רשע, ווייל עשו האט דאס נישט גע'שחט'ן.

(דער הייליגער 'ישמח משה' פון אוהעל זי"ע)

די גמרא זאגט (שבת פט:), לעתיד לבוא וועט דער אייבערשטער זאגן פאר די הייליגע אבות, דיינע קינדער האבן געזינדיגט. וועלן אברהם און יעקב ענטפערן, אויב זיי האבן געזינדיגט, זאל מען זיי באשטראפן צוליב דיין הייליגע נאמען. אבער יצחק וועט זיי דן זיין לכף זכות און ענטפערן, לאמיר מאכן א חשבון, האלב פון זייער לעבן איז נאכט ווען מען שלאפט, טייל פון זייער לעבן איז מען נאך קליין, ווען מען רעכנט נישט די עבירות, מיט די איבריגע צייט וועלן מיר זיך צוטיילן, אז זיי זאלן נישט באשטראפט ווערן. און דער אייבערשטער וועט מקבל זיין די טענה פון יצחק, און וועט זיי מוחל זיין.

לכאורה, פארוואס וועט יצחק אבינו זיך אנ'נעמען פאר די אידישע קינדער מער פון די אנדערע אבות? נאר ווייל יצחק וועט האבן א שטארקע טענה: "איך האב דאך אויך געהאט א זוהן עשו, וואס האט זיך נישט גוט אויפגעפירט, און דאך האב איך עם ליב געהאט, און איך האב עם מוחל געווען, און איך בין דאך נאר א בשר ודם, דו רבונו של עולם, דער בעל הרחמים, דארפסט דאך זיכער ליב האבן דיינע קינדער און זיי מוחל זיין, אפילו אויב זיי פירן זיך נישט אויף דאס בעסטע.

דאס איז מרומז דא אין פסוק 'ויאהב יצחק את עשו', דעריבער האט יצחק ליב געהאט עשו, 'כי ציד בפיו', כדי ער זאל קענען האבן א טענה אין זיין מויל לעתיד לבוא, ווען די אידן וועלן חלילה זינדיגן, זאל ער זיי קענען דן זיין לכף זכות, אזוי ווי ער האט ליב געהאט זיין זוהן עשו, אפילו ווען ער האט געזינדיגט.

(דער הייליגער רבי מאיר פון פרעמישלאן זי"ע)

**וְרִבְקָה אָמְרָה אֶל יַעֲקֹב בְּנָהּ לֵאמֹר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי אֶת אָבִיךָ מְדַבֵּר אֶל עֵשָׂו אָחִיךָ לֵאמֹר.** (כז, ב)

פארוואס שטייט אין פסוק צוויי מאל 'לאמר'?

נאר מיר ווייסן אז 'לאמר' ווייזט אויף א ווייכע לשון, און יעקב האט דאך שטענדיג גערעדט ווייך און איידל, אבער עשו האט שטענדיג גערעדט הויך און ווילד.

וויבאלד עשו האט מורא געהאט אז יעקב וועט קומען און אויסכאפן די ברכות, דעריבער האט עשו געזאגט פאר יצחק, אז ער וועט דעמאלט רעדן ווי יעקב ווייך און איידל, ווייל אויב יעקב וועט קומען צו אויסכאפן די ברכות וועט ער זיך דאך זיכער מאכן אזוי ווי ער איז עשו, און ער וועט רעדן הויך און ווילד, דעריבער אלס א סימן אז ער איז באמת עשו, וועט ער דאן רעדן ווייך און איידל, אזוי וועט יצחק וויסן אז דאס איז באמת עשו.

אבער רבקה איז מיט רוח הקודש געוואויר געווארן פון דעם סוד, דערפאר האט זי געזאגט פאר יעקב, אז ער זאל נישט נאכמאכן דעם קול פון עשו און רעדן הויך, נאר ער זאל רעדן ווייך און איידל פונקט ווי ער רעדט שטענדיג, אזוי וועט יצחק מיינען אז ער איז עשו.

דאס זאגט דער פסוק 'ורבקה אמרה אל יעקב בנה לאמר', רבקה האט געזאגט צו יעקב אז 'לאמר', ער זאל רעדן מיט א ווייכע לשון, אזוי ווי ער רעדט שטענדיג, פארוואס זאל ער טאקע נישט רעדן הויך ווי עשו, ווייל 'הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך לאמר', איך האב געהערט ווי יצחק האט געזאגט פאר עשו אז 'לאמר', ער זאל רעדן ווייך און דיר נאכמאכן, דעריבער זאלסט דו יעצט רעדן מיט א ווייכע לשון.

(דער הייליגער רבי נחמן פון קאסוב זי"ע)

**ויחפרו עבדי יצחק באר.**

אמאל איז געקומען א איד צו דער הייליגער רבי צבי הירש פון זידיטשוב בעל 'עטרת צבי' זי"ע, און האט זיך באקלאגט אז ער האט נישט קיין פרנסה, און יעצט האט ער א געלעגנהייט צו דינגען א קרעטשמע וואס געפינט זיך אויפ'ן הויפט גאס, וואו עס גייען דארט אריבער פול אקס'ן סוחרים, אבער וויבאלד עס האט איין גרויסע חסרון, אז דערנעבן איז נישט דא קיין מעגליכקייט צו גראבן א ברונען וואסער, וואס צוליב דעם וועלן די סוחרים פון די אקס'ן נישט איינשטיין דארט. אבער דער פריץ איז וועגן דעם גרייט צו פארדינגען די קרעטשמע פאר זייער ביליג.

דער צדיק האט עם געזאגט אז ער זאל אפדינגען די קרעטשמע פונ'עם פריץ, און ער זאל אנהייבן גראבן א ברונען, און נאכדעם וואס ער האט שוין געגראבן עטליכע אמות טיף אין די ערד זאל ער קומען צו עם אויף שבת קודש.

דער איד האט אזוי געטוהן, ער האט אפגעקויפט די קרעטשמע און האט אראפגעגראבן עטליכע אמות אין די ערד, און איז געפארן צום רבי'ן אויף שבת.

ווען ער איז אריין צום צדיק, האט עם דער צדיק געזאגט, אז ער זאל גראבן נאך אביסל טיפער, און דער צדיק האט עם געגעבן א צעטל וואו ער האט דערויף געשריבן דעם פסוק 'ויחפרו עבדי יצחק באר ויבואו ויגידו לו ויאמרו מצאנו מים', און האט עם באפוילן ער זאל דאס צעטל אריין ווארפן אין גרוב.

דער איד האט טאקע אזוי געטוהן, און תיכף האט אנגעהויבן ארויף צו קומען וואסער פונעם ברונען, ביז עס איז אינגאנצן פול געווארן.

אזוי ווי די גוים האבן זיך דערוואוסט דערפון, האבן זיי זיך זייער געפריידט אז עס געפינט זיך שוין וואסער נעבן יענע קרעטשמע, יעצט קענען זיי זיך איינשפארן די אומוועג וואס זיי האבן געמאכט צוליב די חסרון פון די וואסער, און אלע סוחרים האבן אנגעהויבן איינצושטיין ביי עם אין קרעטשמע, ביז ער איז געווארן א גרויסער עושר, וויבאלד ער האט געצאלט זייער ביליג פאר'ן פריץ, און עס זענען געווען אסאך אקס'ן סוחרים וואס זענען דארט אריבער געפארן.

אין יענעם דארף איז געווען א גוי, וואס איז געגאנגען און געזאגט צום פריץ, אז דער איד וואס האט געדונגען די קרעטשמע באצאלט אזוי ביליג און איז געווארן דערפון א גרויסע עושר, און דער גוי האט פארגעשלאגן פאר'ן פריץ א העכערע פרייז אפצודינגען די קרעטשמע.

דער פריץ זייענדיג א גרויסע שונא ישראל, האט טאקע פארדונגען די קרעטשמע פאר דעם גוי, און דער איד איז געבליבן אן קיין פרנסה. איז ער באלד צוריק געלאפן צום צדיק רבי הערשעלע זידיטשוב'ער, און האט זיך באקלאגט אויף זיין מצב.

האט עם דער צדיק געגעבן א נייע צעטל מיט'ן אויפשריפט די ווערטער פון דעם פסוק 'וכל הבארות אשר חפרו עבדי אברהם אביו סתמום פלשתים וימלאום עפר', און האט עם באפוילן צו אריינווארפן דעם צעטל אינעם ברונען.

ווען דער איד איז אהיים געקומען האט ער אזוי געטוהן, און באלד האט אויפגעהערט צו קומען וואסער. זענען די סוחרים געקומען מיט טענות צום פריץ, אז ווען די קרעטשמע איז געווען פארדונגען פאר דער איד איז געווען וואסער צו טרינקען, און זייט ער האט פארדונגען די קרעטשמע פאר'ן גוי איז מער נישט דא קיין וואסער, און זיי האבן פארלאנגט אז דער פריץ זאל עס צוריק געבן פאר דעם איד.

דער פריץ האט געלאזט רופן דעם איד, און האט עם געבעטן אז ער זאל ווייטער דינגען די קרעטשמע פון עם, האט דער איד געזאגט, אז ער מוז קודם פארן צום צדיק און הערן וואס ער זאגט אויף דעם.

ווען דער איד איז אריין צום צדיק און געפרעגט וואס צו טוהן, האט דער צדיק גע'ענטפערט: "אויב דער פריץ איז מסכים צו פארדינגען די קרעטשמע פאר'ן זעלבן פרייז ווי פריער, זאלסט דו דאס אפדינגען".

דער צדיק האט עם געגעבן א נייע צעטל מיט'ן אויפשריפט פונעם פסוק 'ויחפרו באר אחרת ולא רבו עליה ויקרא שם המקום רחובות לאמר כי עתה הרחיב ד' לנו ופרינו בארץ'.

דער פריץ האט מסכים געווען צום פריער'דיגן פרייז, דער איד האט אריינגעווארפן דעם צעטל אינעם ברונען, און די סוחרים האבן אנגעהויבן ווייטער צו קומען, און דער איד מיט זיינע קינדער און אייניקלעך האבן יארן לאנג געהאט דערפון פרנסה בריוח.

✻ ✻ ✻

**גם ברוך יהיה.**

דער הייליגער רבי מנחם מענדל פון פרעמישלאן זי"ע, פון די געהויבענע תלמידים ביים הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע, איז אמאל געפארן באזוכן דעם גרויסער 'מגיד' רבי דוב בער פון מעזריטש זי"ע.

אויפ'ן וועג האט רבי מענדל געבעטן פון זיין משרת אז ער זאל קיינעם נישט דערציילן ווער ער איז, און ער זאל עם רופן מיט'ן נאמען 'ברוך'.

אנקומענ'דיג קיין מעזריטש זענען זיי אריין צום גרויסן מגיד צו נעמען 'שלום', ווען דער גרויסער מגיד האט דערזעהן זיין גאסט, רופט ער זיך אָן הויך אויפ'ן קול: "שלום עליכם, רבי מנחם מענדל פון פרעמישלאן!"

האט זיך דער משרת אנגערופן צום מגיד - "אנשולדיגט רבי! אבער זיין נאמען איז 'ברוך'!"...

דער מגיד האט זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן: "יעדער רופט מיר 'דער גרויסער מגיד', וואס האסט דו דען געמיינט, אז דער גרויסער מגיד וועט נישט שפירן פון פריער אז דער הייליגער רבי מנחם מענדל פון פרעמישלאן קומט עם באזוכן?!"...

דערנאך האט דער מגיד אויסגעפירט צום משרת, זאגנ'דיג: "דו זאג'סט אז זיין נאמען איז 'ברוך'? אויב אזוי וועל איך עם בענטשן מיט'ן ברכה 'גם ברוך יהיה'!"...

✻ ✻ ✻

**והיה כאשר תריד ופרקת.**

אין א שטעטל נישט ווייט פון לובלין האט געוואוינט א גרויסע גביר, אבער א גרויסע עם הארץ, גלייך נאכ'ן חתונה האט ער זיך אריינגעלייגט אין מסחר און ער האט זייער שיין מצליח געווען, א גוט הארץ האט ער אבער יא געהאט און ער פלעגט טאקע שטענדיג פארטיילן גרויסע סומעס פאר צדקה.

איינמאל א יאר אויף די הייליגע טעג פלעגט ער פארן צום הייליגער 'חוזה' פון לובלין זי"ע, קומענ'דיג קיין לובלין האט ער אלעמאל מיטגעברענגט מיט זיך א שיינע סומע געלט פאר א פדיון פאר'ן רבי'ן.

עשירות איז אבער ווי א רעדל וואס דרייט זיך, און עס איז געקומען דער צייט ווען דאס רעדל פון זיין מזל האט זיך א דריי געגעבן אויף אראפ, און ער האט אנגעהויבן ליידן איין פארלוסט נאכן צווייטן רח"ל ביז ער איז געווארן א גרויסער ארימאן.

זייענ'דיג א טויגליכער, האט ער נישט געוואלט ווערן מאכטלאז פון נישט ארבעטן, איז ער בלית ברירה געווארן א טרעגער, ער פלעגט שלעפן פעקלעך פאר מענטשן, דערפון האט ער אבער קוים פארדינט אויף אהיים צו ברענגען ברויט פאר זיינע קינדער'לעך.

איינמאל בשעת ווען ער איז געשטאנען אין מארק און געווארט אויף ארבעט, איז פארביי געגאנגען דער גלח, וואס האט עם נאך געקענט פון ווען ער איז נאך געווען אַן עושר, דער גלח האט עם פריינט'ליך באגריסט און האט אויסגעדרוקט זיין מיטלייד אז ער איז נעבעך געווארן אזא ארימאן.

דער גלח האט עם אנגעטראגן צו קומען צו עם אין שטוב וואו ער וועט עם געבן דארט ארבעט פון וואס ער וועט קענען פארדינען שיין געלט.

לכתחילה האט ער נישט געוואלט אננעמען דעם פארשלאג, ער האט נישט געוואלט האבן צו טוהן מיט'ן גלח, ער האט גוט געוואוסט אז ער איז נישט קיין אידן פריינט, אבער ווען דער הונגער אין שטוב איז געווארן שווערער, האט ער באשלאסן צו גיין צום גלח, צו זעהן וואס פאר א ארבעט ער קען עם געבן.

דער גלח האט עם פריינט'ליך אויפגענומען, און האט עם טאקע פארשאפט אַן ארבעט ביים פריץ אין הויף.

גלייכצייטיג האט דער גלח אנגעהויבן צו אריינציען דעם ארימאן אין זיין נעץ, מיט זיין געמאכטע פריינדשאפט און גלאטע צונג האט ער עם איבערגערעדט אז ווען ער וואלט זיך נישט געהאלטן ביי אידישקייט וואלט ער זיך געקענט ארויף ארבעטן דא ביים פריץ און עס וועט עם ווידער אויפבליען זיין עשירות, נאך מער ווי פריער.

דער גלח האט איבער גערעדט דעם ארימאן יעדן טאג זיך צו שמד'ן רח"ל, ביז איין טאג האט דער גלח גערעדט מיט'ן ארימאן אפענע ווערטער:

"דער אידישער גא-ט האט שוין פון דיר פון לאנג פארגעסן, ער האט דיר שוין פון לאנג פארלאזט, אויב דו וועסט זיך שמד'ן, וועל איך זעהן ביים פריץ אז עס זאל דיר שוין גארנישט פעלן".

ליידער האט זיך דער ארימאן צוגעהערט צו די רייד פונעם גלח, און האט שוין ליידער געלאזט שפריצן אויף זיך פון די שמד וואסער.

ביז א קורצע צייט האט ער אבער באשלאסן אז ער קען דאס נישט פועל'ן ביי זיך, דעריבער האט ער באשלאסן אז איידער ער גייט ווייטער מיט זיין געמאכטע גוי'אישקייט, וועט ער צום ערשט איבערבעטן דעם אייבערשטער אז ער זאל עם מוחל זיין אויף דעם שריט.

ער איז געגאנגען אין ביהמ"ד ווען קיינער איז נישט דארט געווען, ער איז צוגעגאנגען צום ארון הקודש און האט מיט א צובראכן הארץ זיך געבעטן ביים אייבערשטער אז ער זאל עם מוחל זיין, ווייל ער מיינט נישט צו טוהן די גאנצע זאך חלילה, ער וועט באמת נישט זיין קיין אמת'ע גוי, אבער ער קען שוין מער נישט אויסהאלטן די אלע צרות.

ווען ער איז אהיים געקומען און האט דערציילט פאר זיין פרוי וואס ער פלאנט צו טוהן, האט זי עם געע'עצה'ט אז אפשר איז כדאי אז ער זאל זיך קודם איבערשמועסן מיט דער הייליגער 'חוזה' פון לובלין וועלכע איז א קלוגער איד און אפשר וועט ער האבן פאר עם אַן עצה.

ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין לובלין, און פארשטייט זיך אז דער צדיק איז אויפגעציטערט געווארן הערנ'דיג וואס ער וויל דא טוהן, דער 'חוזה' האט עם אנגעהויבן אויפצוקלערן אז אזא זאך קומט נישט אין באטראכט.

דער איד האט אבער גע'טענה'עט: "היתכן דער אייבערשטער האט מיר צוגענומען מיין גאנצע פארמעגן? פארוואס האט ער זיך נישט גערעכנט מיט מיינע אלע גוטע זאכן וואס איך פלעג טוהן ווען איך בין נאך געווען אן עושר?"

"אויב דו האסט טענות צום אייבערשטער, דאן רוף עם צו א דין תורה" - האט דער צדיק עם גע'עצה'ט, זעה'ענדיג אז מען קען גארנישט מאכן און משפיע זיין אויף דעם איד, וועלכער איז נאך שייך אז ער זאל זיך טאקע שמד'ן ח"ו און גענצליך פארלוירן ווערן אויף אייביג.

דער ארימאן האט זיך דערפרייט, זאגנ'דיג: "איך האב נישט געוואוסט אז מען קען רופן דעם אייבערשטער צו א דין תורה? איך וויל טאקע א דין תורה מיט דעם אייבערשטער!"

"גוט! איך וועל באשטימען א בית דין וואס וועט אויסהערן דיינע טענות" - האט דער 'חוזה געזאגט - "און איך וועל ענטפערן אויף זיי פאר דעם אייבערשטער, דאן וועט דער בית דין ארויסגעבן א פסק דין".

דער צדיק האט באשטימט דריי חשוב'ע חסידים אלס בית דין, זיי האבן אויסגעהערט דעם טרעגער'ס טענות.

דערנאך האט דער צדיק גע'ענטפערט: "אמת טאקע דער בעל דין האט געגעבן צדקה און געטוהן מצות, אבער ער איז אויך באגאנגען געוויסע עבירות".

דערביי האט ער אויסגערעכנט עטליכע עבירות וואס יענער איז באגאנגען. דער טרעגער האט מודה געווען אז ער איז טאקע באגאנגען די עבירות, אבער ער האט גע'טענה'ט: "איך האב זיי געטוהן בשוגג, נישט ווילנ'דיג און נישט וויסנ'דיג אז דאס זענען עבירות".

דער צדיק האט אבער געזאגט, אז דאס איז קיין תירוץ נישט, ער האט געדארפט לערנען מער, און ויסן ווי א איד דארף זיך אויפ'פירן אין אלע פרטים.

אויף דעם האט דער טרעגער גע'טענה'ט, אז ער קען אנדערע אידן וועלכע זענען נישט בעסער פון עם און עס גייט זיי זייער גוט אין לעבן.

האט דער צדיק גע'ענטפערט אז פון דער עוה"ז איז בכלל קיין ראיה נישט, אידן האבן דאך נאך א וועלט, אַן אייביגע וועלט, און עס קען דאך זיין אז די וועלכע האבן מער עבירות ווי מצות באקומען זייער שכר אויף דעם וועלט און פארלירן דערביי זייער שכר אויף דער אייביגע וועלט, בשעת די וועלכע האבן מער מצות ווי עבירות, קומען אפ פאר די עבירות אויף דער וועלט, אבער דערפאר באקומען זיי א פיל גרעסערע שכר אויף דער אייביגע וועלט.

נאכדעם וואס דער בית דין האבן אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים, האט דער בית דין געפרעגט דעם טרעגער אויב ער איז גרייט מוחל צו זיין דעם אייבערשטער.

דער טרעגער איז אבער געשטאנען ביי זיינע, זאגנ'דיג: "אויב דער אייבערשטער וועט מיר אומקערן מיין פארמעגן, וועל איך עם מוחל זיין פאר די ליידן וואס איך האב געהאט אין די צייט פון מיין ארימקייט".

דאן האבן די דיינים זיך איבער געשמועס מיט ישוב הדעת, און האבן ארויסגעגעבן זייער פסק דין: "דער אייבערשטער איז גערעכט, אבער אזוי ווי דער אייבערשטער פאדערט אז מען זאל זיך פירן לפנים משורת הדין, פונקט ווי ער אליין פירט זיך, דעריבער זאגן מיר אז דער אייבערשטער זאל צוריק אומקערן צום טרעגער זיין פארמעגן, מיט'ן תנאי אז דער טרעגער האט חרטה אויף זיינע עבירות און איז מקבל אויף זיך, זיך צו פירן אין דעם דרך פון זיינע עלטערן און זיידע'ס, ער זאל לערנען תורה און זיך פירן לויט די תורה און מצות".

די דיינים האבן פארשריבן און גע'חתמ'עט דעם פסק דין, און האבן דערביי באשטימט א צייט פון דרייסיג טעג, וואס דער פסק דין דארף ווערן אויסגעפירט.

דער טרעגער איז אהיים געגאנגען א צופרידענער, ער האט זיך תיכף ארויסגעשלאגן פון קאפ אלע איינרעדעניש פונעם גלח און האט באשלאסן מקיים צו זיין, זיין חלק פון דעם פסק דין. זייענ'דיג זיכער, אז אויך דער אייבערשטער וועט מקיים זיין, זיין חלק.

ער האט זיך ווידער געשטעלט אין מארק זיך צו פארדינגען אויף אַן ארבעט, און האט געציילט די קומענ'דיגע טעג, ביז צו דרייסיג טעג, ווען דער פסק דארף אויסגעפירט ווערן.

אט איז אנגעקומען דער דרייסיג'סטער טאג, און ער איז נאך דערווייל נישט געהאלפן געווארן.

א גאנצן טאג איז ער געשטאנען אין מארק און קיין שום ארבעט נישט געפונען.

איז עם איינגעפאלן א פלאן צו גיין צו דער באן סטאנציע העלפן רייזנדע מיט זייערע פעקלעך.

עס איז אנגעקומען דער באן, אבער יעדער איינער האט געטראגן זיין פעקל.

דער טרעגער האט זיך שוין כמעט ווי מייאש געווען, זעה'ענדיג ווי עס שטייגט אראפ דער לעצטע פאסאנדז'שיר, א רייכער פריץ מיט א שווערן פעקל.

דער פריץ גייט צו צום טרעגער און בעט פון עם, צו איבערנעמען דעם שווערן פעקל אוןווארטן אויף עם.

איז ער געשטאנען ביים פעקל און האט געווארט און געווארט, אבער 'והילד איננו' דער פריץ איז נישט דא, ער איז ערגעץ וואו נעלם געווארן.

אט האלט שוין די זון ביים אונטערגיין, דער טרעגער האט נישט געוואלט פארשפעטיגן מנחה, כאטש דער יצה"ר האט גענומען ברענען ער זאל נישט גיין צו מנחה, עס וועט סיי ווי גארנישט ווערן, ער האט זיך געראנגלט מיטן יצה"ר, זאל זיין וואס עס זאל זיין, ער וועט שוין בלייבן ביי די אידישקייט אין אלע אומשטענדן און ער גייט דאווענען מנחה.

אבער ער האט זיך מיישב געווען, אז איבערלאזן דעם גרויסן פעקל אויף הפקר קומט נישט אין באטראכט, דעריבער וועט ער דאס צום ערשט אהיים נעמען, און באלד דערנאך גיין אין שוהל צו דאווענען מנחה, און דערנאך וועט ער שוין זעהן וואס צו טוהן מיט'ן שווערן פעקל.

א מידער און א פארסאפעטער פון טראגן דעם שווערן פעקל, איז דער טרעגער אנגעקומען אהיים און דער פעקל איז עם אראפגעפאלן פון פלייצע און האט זיך אויפגעריסן.

און אט זעהט ער ווי א מאסן גאלדענע רענדלאך האבן זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד...

דער טרעגער מיט זיין פרוי און קינדער האבן זיך גענומען צונויף זאמלען די פילע צושפרייטע גאלדענע רענדלאך.

ווען דער טרעגער האט זיי איבערגעציילט, האט זיך ארויסגעוויזן אז זיי באטרעפן גענוי דעם זעלבן פארמעגן וואס ער האט געהאט פארלוירן.

יעצט האט דער טרעגער שוין געוואוסט אז דער אייבערשטער האט שוין אויך מקיים געווען זיין טייל פון דעם פסק דין...

דער ארימער טרעגער איז צוריק געווארן א גביר אזוי ווי פריער, אבער יעצט איז ער שוין געווען פיל קלוגער, ער האט געדונגען א מלמד וואס זאל מיט עם לערנען תורה און דינים כדי ער זאל נישט נכשל ווערן מיט קיין עבירה. ער האט שוין מער קיין טענות נישט געהאט אויפ'ן אייבערשטער, און איז געבליבן א שומר תורה און מצות מיט אלע דקדוקים.

❋ ❋ ❋

**ויתרוצצו הבנים בקרבה - מפרכס לצאת.** (רש"י)

דער 'גאון' רבי שלמה קלוגער זי"ע האט געזאגט: "יעקב האט געוואלט און נישט געקענט ארויסגיין פון זיין מוטער, ווייל ער איז געלעגן דער לעצטער, און עשו האט עם פארשטעלט דעם וועג. אבער עשו, אויב האט ער ווירקליך אזוי געוואלט ארויסגיין, פארוואס האט ער דאס נישט געטוהן, ווער האט עם דען געשטערט, ער איז דאך געלעגן דער ערשטער? נאר אָן יעקב האט עשו נישט געהאט קיין חשק ארויסצוגיין אויף דער וועלט, ווייל וואס וועט ער דארט טוהן אויפ'ן וועלט אָן יעקב, אויף וועמען וועט ער הערשן, מיט וועמען וועט ער זיך ראנגלען, וועמען וועט ער פארביטערן דאס לעבן?!"...

✻ ✻ ✻

דער הייליגער רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע האט אמאל געזאגט: "פארוואס ווען רבקה איז אריבער דאס הויז פון אַן עבודה זרה, איז עשו טאקע דעמאלט נישט ארויס געגאנגען?

ווייל יעקב פארשטייען מיר פארוואס ער איז נישט ארויס, ווען זי איז אריבער א בית המדרש, ווייל עשו האט עם פארשטעלט דער וועג ארויס, און נישט געלאזט ארויסגיין צום בית המדרש, אבער ווער האט געשטערט פאר עשו ארויסצוגיין צום עבודה זרה?

נאר עשו האט געטראכט: "ענדערש וועל איך בלייבן דא נעבן יעקב, כדי עם צו פארשטעלן דער וועג, אז ער זאל נישט קענען ארויסגיין צום בית המדרש!"...

✻ ✻ ✻

**ויקראו שמו עשו - ויקרא שמו יעקב.**

דער הייליגער 'דגל מחנה אפרים' זי"ע, איז אמאל אנגעקומען קיין לעמבערג (לבוב) און איז דארט איינגעשטאנען ביי א חשוב'ע 'מכניס אורח', וואו עס האט זיך דארט פונקט דאן אויפגעהאלטן א געוויסע פארדארבענע משכיל.

דער משכיל האט זיך געוואלט טשעפען מיט דעם הייליגן 'דגל מחנה אפרים', גייט ער צו צום רבי'ן און זאגט: "אמת טאקע, איר זענט אַן אייניקל פונעם 'בעל שם טוב' זי"ע, אבער ווי איר ווייסט דאך האבן מיר משכילים מער חסידים און נאכפאלגער, פון די צאל חסידים און נאכפאלגער וואס איר האט"...

ענטפערט עם דער צדיק צוריק: "עס איז בכלל נישט קיין וואונדער, ווייל ביי עשו שטייט 'ויקראו שמו עשו' זאגט רש"י 'הכל קראו לו כן', אבער ביי יעקב שטייט 'ויקרא שמו יעקב', מיט א לשון יחיד, זאגט דערויף רש"י, 'הקב"ה'. ווייל יעקב דער צדיק האט נאר דער אייבערשטער געקענט און געוואוסט זיין גרויסקייט, דעריבער האט ער טאקע געהאט ווייניג חסידים, אבער דאס מערהייט פון דער וועלט זענען טאקע געווען נאכפאלגער פון 'עשו'!"...

✻ ✻ ✻

**את בגדי עשו בנה הגדול החמודות.**

א משכיל האט זיך אמאל גע'טענה'ט מיט דער הייליגער רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע איבער די אידישע קליידונג, אינצווישן האט ער געפרעגט פון רבי בונם: "פארוואס זאלן די אידן נישט מעגן גיין אנגעטוהן אזוי ווי די גוים? ווייל מיט וועלכע מלבושים האט זיך יעקב אבינו אנגעטוהן? איז דען שוין דאן געווען ספעציעלע אידישע מלבושים?"

האט עם רבי בונם גע'ענטפערט: "יעקב אבינו האט זיך צוגעקוקט ווי אזוי עשו גייט אנגעטוהן, און ער האט זיך אנגעטוהן פונקט פארקערט"...

"דאס זעלבע איז אויך היינט" - האט רבי בונם אויסגעפירט - "מיר אידן זעהן ווי די גוים טוהן זיך אָן, און מיר גיין אנגעטוהן דאס פארקערטע"...

✻ ✻ ✻

**עשו בנה הגדול וגו' יעקב בנה הקטן.**

דער הייליגער רבי צבי הירש פון סוקולוב זי"ע איז אמאל געקומען אויף שבת 'תולדות' צום הייליגער רבי מנחם מענדל פון רימאנוב זי"ע, און רבי מענדל האט מכבד געווען רבי צבי הירש צו זאגן תורה.

האט רבי צבי הירש געזאגט: "עס שטייט אין פסוק אז רבקה האט גענומען די קליידער פון 'עשו בנה הגדול', און אנגעטוהן פאר 'יעקב בנה הקטן'. לכאורה וואס פעלט אויס דא צו דערמאנען אז עשו איז געווען דער גרויסע זוהן און יעקב דער קליינער זוהן?

נאר באמת דארף מען פארשטיין, עשו איז דאך זיכער געגאנגען אנגעטוהן מיט גוי'אישע קורצע קליידער, און יעקב איז זיכער געגאנגען אנגעטוהן ווי מיט לאנגע קליידער, אויב אזוי ווי האט יעקב געקענט באשטיין צו אנטוהן די קליידער פון עשו?

נאר דעריבער שרייבט די תורה ארויס אז עשו איז געווען א גרויסער, און יעקב א קליינער, צו ווייזן אז די קורצע קליידער פון עשו זענען גאר געווען לאנגע קליידער פאר יעקב"...

✻ ✻ ✻

**עורות גדיי העזים הלבישה וגו' ועל חלקת צואריו.**

דער הייליגער 'בני יששכר' זי"ע האט זיך אמאל געטראפן מיט'ן הייליגער רבי צבי הירש פון זידיטשוב זי"ע, איז דארט געווען איינער וואס איז געגאנגען מיט שיינע קראַגן וואס די סוחרים פלעגן גיין אנגעטוהן.

ווען יענער האט זיך צוגעבויגן צום 'בני יששכר' צו געבן לחיים, האט דער 'בני יששכר' אזוי געגלעט זיינע קראַגן ווי ער וואונדערט זיך דערויף.

דער הייליגער זידיטשובער האט זיך אנגערופן צום הייליגער 'בני יששכר': "נו? ברענג עם א ראי' פון די תורה אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן?!"

האט זיך אנגערופן דער זוהן פונעם 'בני יששכר', דער הייליגער רבי דוד'ל פון דינוב זי"ע: "איך האב א ראי' פון די תורה אז די אבות הקדושים זענען זיכער נישט געגאנגען דערמיט, ווייל אויב וואלטן זיי יא געגאנגען דערמיט, דאן פארוואס האט רבקה געדארפט אנטוהן פאר יעקב פאלשע קראַגן פון ציגן פעל? נאר מוז זיין אז נאר עשו איז געגאנגען מיט קראַגן, דעריבער האט יעקב עם דאן געמוזט נאכמאכן"...

✻ ✻ ✻

**והיה כאשר תריד ופרקת עולו.**

דער הייליגער קאז'ניצער מגיד זי"ע האט אמאל געזאגט: "אזוי קוקט מען אויס ווען די פרויען מישן זיך אריין. ווייל ווען רבקה וואלט נישט גערופן יעקב צו אויסכאפן די ברכות פון עשו, און עשו וואלט באקומען די ברכות, וואלט יצחק דאן נישט געזאגט פאר עשו די ווערטער: 'והיה כאשר תריד ופרקת עולו מעל צווארך', אז אויב אידן וועלן אראפנעמען פון זיך דעם עול התורה וועלן זיי גארנישט האבן פון די ברכות!"...

✻ ✻ ✻

**וישטום עשו את יעקב על הברכה.**

מען האט אמאל געפרעגט פון דער הייליגער 'גאון' רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע: "פארוואס ווען דער רב פסק'נט אויף אַן עוף אז עס איז טריפה, דאן נעמט מען אָן דעם פסק הלכה, אבער ווען דער זעלבע רב פסק'נט פאר איינעם אז ער איז שולדיג געלט פאר א צווייטן, דאן גייט ער ארויס מיט פיל טענות אויפ'ן פסק הלכה פונעם רב?"

האט רבי יהונתן גע'ענטפערט: "מיר זעהן ביי עשו, כאטש וואס ער האט באקומען די ברכה 'ועל חרבך תחיה', דאך האט ער פיינט באקומען יעקב, ווייל ער האט נישט פארגינען יעקב אז ער איז ארויס מיט מער ברכות ווי עם. ווי עס שטייט אין פסוק 'וישטום עשו את יעקב על הברכה אשר ברכו אביו', דער עיקר שנאה וואס עשו האט צו יעקב איז צוליב דעם וואס יעקב האט באקומען די ברכות, אבער נישט אויף דעם וואס ער האט דאס נישט באקומען.

דער זעלבע זאך איז דא, עס שטערט יענעם נישט אזוי שטארק אז ער האט דא פארלוירן געלט, נאר אז דער צווייטער האט דא פארדינט געלט"...

✻ ✻ ✻

**יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי.**

אינעם גרויסן שוהל אין בריסק האט אמאל אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן צוויי ברידער, וועלכע זענען געווען אבלים, אין יאר פון זייער פאטער, יעדער פון זיי האט געוואלט צוגיין צום עמוד, ביז איינער פון די ברידער איז צוגעגאנגען צום צווייטן און עם דערלאנגט א פראַסק אין פנים...

ווען דער 'בית הלוי' זי"ע האט דאס דערזעהן, האט ער זיך אנגערופן: "עשו האט געזאגט 'יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי', פארוואס האט דען עשו געדארפט ווארטן ביז ווען יצחק וועט נפטר ווערן, צו קענען הרג'ענען יעקב?

נאר עשו האט געטראכט: "איך וויל נישט אויסקוקן אין גאס ווי א קאלט-בלוטיגע מערדער, בעסער וועל איך ווארטן ביז ווען מיין טאטע וועט שטארבן, דאן וועט זיכער אויסברעכן א קריגעריי צווישן אונז ביידע, ווער עס זאל דאווענען פאר'ן עמוד, ערשט דאן וועל איך האבן א פאסיגע געלעגנהייט צו באפאלן מיין ברודער און עם הרג'ענען"...

✻ ✻ ✻

תלמוד תורה
אהל יוחנן ראחמיסטריווקא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# די תורה לערנט אונז

פרשת תולדות


## סיפורים ועובדות מהרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע

### לרגל יומא דהילולא ח' כסליו

### ואלה תולדות

**הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער הרה"ק דער טשערנאבילער מגיד זי"ע אין יאר תקמ"ד. ער איז אויפגעוואקסן ביי זיין זיידן **הרה"ק דער מאור עינים זי"ע**, און ער האט געהאט די זכי' אז ער האט אים אנגעטון תפלין דאס ערשטע מאל.

הרה"ק דער מאור עינים זי"ע האט אים געבענטשט אז ער זאל דערלעבן משיח'ן. איידער זיין הסתלקות האט ער געשיקט א שליח צום ציון פון דער מאור עינים אז ער איז אים מוחל אויף דעם ברכה, ווייל ער וויל שוין נישט לעבן אויף דעם וועלט, ווייל ער ער קען נישט פארנעמען די לופט פון דעם וועלט. (כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

בזיווג ראשון איז ער געווען אן איידעם פון הרה"ק ר' גדלי' מליניץ זי"ע בעל 'תשואות חן'. בזיווג שני איז ער געווען אן איידעם פון הרה"ק ר' צבי מקארסטשוב זי"ע, בן הרה"ק ר' אברהם מקארסטשוב זי"ע, איידעם פון הרה"ק דער מאור עינים זי"ע. [הרה"ק ר' צבי איז געווען אן איידעם פון הרה"ק ר' אהרן מטיטיוב זי"ע, בן הרה"ק ר' צבי זי"ע, בן מרן הבעל שם טוב הקדוש זי"ע].

נאך אין זיינע יונגע יארן האט הרה"ק רבי אהרן - לויט די באפעהל פון זיין פאטער - אנגעהויבן צו פירן אן עדה הקדושה, און ער האט דאן באקומען 'סמיכה' פון הרה"ק דער רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוז זי"ע.

ומעשה שהי' כך הי': זיין פאטער **הרה"ק דער טשערנאבילער מגיד זי"ע** האט אים עטליכע מאל געבעטן אז ער זאל 'פירן' נאך בחייו, אבער הרה"ק רבי אהרן האט נישט געוואלט. ביז איינמאל אינמיטן די וואך, ס'איז געווען אויף א מיטוואך, האט דער טשערנאבילער מגיד באפוילן אין דעם גאנצן שטאט - אפילו ביי די הייזער אויסערן שטאט - אז קיין שום מענטש זאל נישט לאזן זיין זוהן רבי אהרן אריינקומען און נעכטיגן ביי זיך אין שטוב.

הרה"ק רבי אהרן האט געדארפט פארלאזן זיין טאטנס שטוב, און ער האט געטראכט ביי זיך אז ער וועט זיך אויפהאלטן ביים שטוב פון איינער פון די שטאטס איינוואוינער, און אויף שבת וועט ער זיך צוריק קערן צו זיין טאטן פאר די תפילות און טישן. אבער אין יעדע שטוב וואו ער האט אנגעקלאפט האט מען אים נישט אריינגעלאזט. דאן האט ער פארשטאנען אז דאס איז די ארבעט פון זיין הייליגן טאטן. האט ער געטראכט צו זיך, וואו אהין וועט ער יעצט גיין. ביז ער האט באשלאסן אז ער וועט פארן צו **הרה"ק דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוז זי"ע**, און ער וועט נישט אנטפלעקן פאר קיינעם ווער ער איז, נאר ער וועט זיין פונקט ווי אלע אנדערע מענטשן.

ווען ער איז געקומען נעמען שלום האט ער זיך געשעלט צווישן דעם עולם, און ווען הרה"ק דער רבי ר' ברוכ'ל האט אויסגעשטרעקט די האנט אים צו געבן שלום, האט ער אים געפרעגט ווער ער איז, און ער האט אים נישט געענטפערט קיין קלארע תשובה. האט אים הרה"ק דער רבי ר' ברוך געזאגט: "יונגערמאן, ביי אונז פארשטעלט מען זיך נישט! זאגט אונז ווער איר זענט". דעמאלס האט ער אים שוין געענטפערט, און דורכאויס דעם גאנצן שבת האט אים הרה"ק דער רבי ר' ברוך'ל זייער מכבד געווען.

מוצאי' שבת האט אים הרה"ק דער רבי ר' ברוך'ל געגעבן א ווייסע דזשיבעצע, און דאס איז געווען א צייכן אז ער געבט אים 'סמיכה' צו זיין א רבי. פון דעמאלס און ווייטער איז הרה"ק רבי אהרן זי"ע שטענדיג געגאנגען אנגעטון מיט ווייסע קליידער. (כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

נאכ'ן הסתלקות פון אביו הקדוש איז ער געווארן ממלא מקום צו פירן די עדה הקדושה אין טשערנאביל. ער איז נסתלק געווארן ח' כסליו תרל"ב, ומנוחתו כבוד אין טשערנאביל.

### לכבוד שבת קודש

א גרופע חסידים האבן זיך צוריק געקערט פון א דערהויבענע נסיעה צו זייער הייליגע רבי'ן הרה"ק ר' אהרן פון טשערנאביל זי"ע, וואו זיי האבן פארברענגט און זיך אנגעווארעמט ביי זיין הייליגע אור. זיי זענען געווען אנגעלאדענט פוהל מיט הייליגע השפעות וואס זייער רבי האט משפיע געווען אויף זיי, און אויף זייערע געזיכטן איז געווען קענטליך די פרייד אויף דעם וואס זיי האבן זוכה געווען צו געניסן פון דעם תענוג דקדושה ווײַלנדיג אין די הייליגע שאטן פון דעם גרויסן צדיק.

אין זייער קעגנווארג האט זיך געפינען א פראסטער מגושמ'דיגער איד, און צוקוקענדיג צו די געהויבענע פרייליכע שטימונג אין וועלכע זיי געפינען זיך, האט ער געטראכט צו זיך: 'איך האב דאך פארזיכט אלע תאוות און תענוגים וואס ס'זענען פארהאנען אין די וועלט, און איך האב נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צו שפירן אזא פארגעניגן וואס די חסידים שפירן אצינד...'

דערפאר האט דער איד פארגעשלאגן פאר די חסידים אז זיי זאלן נאכאמאל פארן צו זייער רבי'ן, און דאסאמאל זאלן זיי אים מיטנעמען מיט זיך, און ער וועט באצאלן אלע אויסגאבן פון די רייזע, אבער נאר אויף דעם תנאי אז ווען ער וועט ווײַלן ביים צדיק וועט ער אויך שפירן אזא פארגעניגן אזוי ווי זיי.

די חסידים האבן אנגענומען זיין פארשלאג, און זיי זענען געפארן מיט אים אויף א שבת קיין טשערנאביל. ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן האבן זיי אים דערציילט איבער דעם געשעפט וואס זיי האבן געמאכט מיט דעם איד.

למעשה האט דער איד אבער נישט געשפירט קיין שום געפיהל פון קדושה און דערהויבנקייט דורכאויס דעם גאנצן שבת. די גאנצע צייט האט ער געווארט אז שבת זאל אריבער גיין, און ער זאל זיך שוין קענען צוריק אהיים קערן. ער האט שוין מרמז געווען פאר די חסידים אז זיי וועלן אים דארפן באצאלן די קאסטן פון די נסיעה, ווייל ס'איז נישט אויסגעפירט געווארן די תנאי וואס ער האט זיך מיט זיי אויסגענומען.

ווען ס'איז אבער געקומען די צייט פון שלש סעודות איז אנגעצינדן געווארן אין די הארץ פון דעם איד א גרויסע התעוררות פון תשובה און חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים, עדי כדי כך אז ער האט באשלאסן צו בלייבן דארט און ווײַלן ביים צדיק.

נאך שבת זענען די חסידים אריינגעגאנגען צו הרה"ק רבי אהרן זי"ע, און זיי האבן אים געפרעגט פשט פון דאס וואס ס'האט זיך דא אפגעשפילט. האט זיי הרה"ק געזאגט: "אין אנהייב ווען איך האב געזעהן דעם איד, האב איך נישט געפינען אין אים קיין שום גוטע זאך, און וואס איך זאל זיך קענען אנכאפן און משפיע זיין אויף אים לטובה. אבער ווען ס'איז געקומען שלש סעודות האב איך ווידעראמאל געזיכט, און דאסמאל האב איך געפינען, אז איינמאל אין שבת קודש אין די צייט וואס דער איד איז געווען איינגעזינקען אין זיין אכילה, האט ער געגעבן א זאג מיט'ן מויל "לכבוד שבת קודש"! און דורך דעם גוטן זאך האב איך שוין געהאט אין וואס זיך אנצוכאפן און אנצינדן אין אים א התעוררות צו תשובה". (ילקוט מאורי אור)

### התקשרות לצדיקים

אמאל האט איינער דערלאנגט א "התקשרות קוויטל" צו הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע. האט אים הרה"ק געפרעגט: "דו ווייסט וואס דאס מיינט התקשרות?" דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. האט אים הרה"ק געענטפערט אזוי: ווען משיח צדקינו וועט קומען וועלן אלע אידן אויפשטיין צו תחיית המתים, און אלע אידן וועלן שטיין אויף איין זייט, און אויף די אנדערע זייט וועלן שטיין די אבות הקדושים, משה, אהרן, און אלע זיבן רועים. און אליהו הנביא וועט אויסרופן אז די תנאים און אמוראים זאלן אויך אריבער גיין צום צווייטן זייט. נאכדעם וועט ער אויסרופן אז אלע צדיקים, און דער בעל שם טוב הקדוש און זיינע תלמידים זאלן אלע אריבער גיין צום צווייטן זייט, און אזוי ווייטער. נאכדעם וועלן נאך פיהלע אידן איבערבלייבן אויף דעם זייט. אבער די מענטשן וועלכע זענען דורכאויס זייער לעבן געפארן צו א צדיק, און זיי האבן אים געשטיצט, וועט דער צדיק זיי נישט קענען דא איבערלאזן, דעריבער וועט דער צדיק זיך מוזן אנגארטלן מיט א דיקע גארטל, און ער וועט אריבערגיין צום צווייטן זייט, און די חסידים וואס זענען געפארן צו אים וועלן אנכאפן זיין גארטל, און יעדער וועט אנכאפן די גארטל פון זיין חבר, און אזוי וועט זיי דער צדיק שלעפן מיט זיך צו דעם צווייטן זייט. (ילקוט מאורי אור בשם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)

# אין די זכות פון סעודתא דדוד מלכא משיחא

## געפועל'ט א ישועה מיט א סיפור פון דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע

אמאל איז צו **הרה"ק רבי מרדכי פייוויש פון הוסיאטין זי"ע** געקומען א פרוי מיט א גרויסע געוויין, און זי האט אויסגעגאסן איר ביטער הארץ אז איר זוהן האט איר איבערגעלאזט, און ער איז געפארן צו ווייטע לאנד, און לויט וואס זי האט געהערט האט ער באשלאסן אז ער גייט זיך רחמנא ליצלן שמד'ן. די פרוי האט זיך געבעטן צום רבי'ן ברחמים ובתחנונים אז ער זאל מתפלל זיין צו הקב"ה און פועל'ן א ישועה אז די הארץ פון איר זוהן זאל איבערגעקערט ווערן צום גוטן, און ער זאל זיך צוריק קערן צום ריכטיגן וועג.

און דעם שטוב פון הרה"ק מהוסיאטין איז דאן געשטאנען הרב החסיד רבי דוד'ל רוזינער, און הרה"ק מהוסיאטין האט זיך געקערט צו אים, און ער האט אים געזאגט: "רבי דוד'ל! דערציייל איבער עפעס א מעשה פון איינע פון די צדיקים". האט רבי דוד געענטפערט: "רבי! איך געדענק נישט יעצט קיין שום מעשה". האט הרה"ק מהוסיאטין געזאגט: **"אויב אזוי, וועל איך דערציילן א מעשה פון דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע"**.

ביים הייליגן בעל שם טוב זי"ע איז געוועזן אן ארענדער פון א דערנעבנדיגן דארף, וואס ער פלעגט יעדע וואך קומען צו פארן אויף שבת קיין מעזיבוז, און ער איז געוועזן דבוק צום בעש"ט מין זיין גאנצע הארץ באמונה שלימה. איין וואך מוצאי שבת קודש נאך הבדלה האט דער בעש"ט זיך געקערט צום ארענדער און ער האט אים געזאגט: "איך וויל דיר בעטן אז דו זאלסט טון פאר מיר עפעס א וויכטיגע זאך, אבער איך וויל אז פריער זאלסטו מיר צוזאגן אז בכל אופן וועסטו אויספירן מיין געבעט". האט דער ארענדער געענטפערט: "פארוואס טראכט דער רבי אז איך וועל נישט אויספירן זיין געבעט? איך בין דאך פון אייביג אהן געטריי מיט'ן פילסטן הכנעה צום רבי'ן!" אבער דער בעש"ט האט זיך געהאלטן ביי זיינס, און ער האט געפאדערט פון אים אז ער זאל אים צוזאגן אז ער וועט אויספירן זיין געבעט. האט דער ארענדער געזאגט: "רבי! איך זאג צו אז איך וועל טון אלעס וואס דער רבי וועט מיר הייסן טון".

האט אים דער בעש"ט געזאגט: "אויב אזוי בעט איך פון דיר, אז ווען דו קומסט יעצט אהיים זאלסטו גיין צום גלח פון דעם דארף, און דו זאלסט אים זאגן אז דו ווילסט זיך שמד'ן צו דעם קריסטליכן גלויבונג..."

ווען דער ארענדער האט געהערט די רייד פון זיין הייליגע רבי, האט אים אנגעכאפט א גרויסע ציטער. אבער ער האט דאך גענומען אויף זיך צו טון וואס דער בעש"ט וועט אים בעטן, האט ער זיך מחזק געווען מיט זיין אמונת חכמים, און ער האט געטראכט צו זיך: "זיכער האט דער רבי עפעס א גרויסע ענין דערביי".

ער האט אנגענומען די שליחות, און דערביי האט דער בעש"ט אים געגעבן א שטיקל חלה וואס ס'איז איבערגעבליבן פון שלש סעודות. דער ארענדער האט עס אריינגעלייגט אין זיין טאש, און דער בעש"ט האט זיך געזעגנט פון אים.

ווען דער ארענדער איז אנגעקומען אהיים איז ער גלייך געגאנגען צו די הויז פון דער גלח, און ער האט אים געזאגט אז ער וויל אננעמען אויף זיך די קריסטליכע גלויבונג. צום ערשט האט דער גלח אים נישט געוואלט גלייבן אז ער מיינט עס ערנסט, ווייל ער האט אים געקענט אלס אן ערליכער איד און א גאט פארכטיגער מאן, אבער ווען דער גלח האט געזעהן אז ער לאזט אים נישט אפ און ער מוטשעט אים זייער, האט ער אים געזאגט: "דערווייל גיי אריין אין דעם דערנעבנדיגן שטוב וואו עס זיצט נאך א איד וועלכע וויל זיך שמד'ן, און דארט זאלט אירווארטן ביז אינדערפרי, און מארגן אינמיטן טאג וועלן מיר אויספירן אייער געבעהט".

ווען דער ארענדער איז אריין געקומען אין יענעם שטוב, איז ער געווארן ערשטוינט ביז גאר ווען ער האט געזעהן אז ס'זיצט דארט אן עלטערער איד מיט א לאנגע ווייסע בארד. די צוויי האבן זיך באגריסט, און ס'איז געווארן א באקאנטשאפט צווישן זיי, און זיי האבן זיך דערוואוסט אז זיי ביידע זענען דא צוליב דעם זעלבן ציהל, אבער זיי דארפן דא ווארטן ביז אינדערפרי אויסצופירן זייער פלאן.

נאך עטליכע שטונדן האט דער עלטערער איד זיך געקערט צום ארענדער, און ער האט אים געזאגט: "וואס קען איך טון? איך בין זייער הונגעריג, און איך האב נישט וואס צו עסן". האט דער ארענדער אים געזאגט: "איך האב אין מיין טאש א שטיקל חלה". דער ארענדער האט ארויסגענומען די שטיקל חלה פון זיין טאש, און ער האט עס דערלאנגט פאר'ן אלטן. דער אלטער האט געגעבן א כאפ דאס שטיקל חלה, און ער האט עס גלייך געוואלט אויפעסן אהן קיין נטילת ידים, און אהן מאכן א ברכה המוציא. האט אים דער ארענדער געזאגט: "מיין ליבער פריינט! טו נישט אזוי! ווילאנג מיר זענען נאך אידן, דארפן מיר זיך פירן לויט די אידישע תורה, זיך וואשן נטילת ידים צו א סעודה, און מאכן א ברכה המוציא". דער אלטער האט מסכים געווען דערצו, דער ארענדער האט אים געברענגט וואסער, און דער אלטער האט זיך געוואשן זיינע הענט, און ער האט געמאכט א ברכה המוציא.

ווי נאר ער האט אריינגענומען די חלה אין מויל, בעפאר ער האט עספיעט ארפצושלינגען דעם גאנצן כזית, איז דער אלטער אראפגעפאלן אויף די ערד, און ער האט גע'חלש'ט. דער ארענדער האט שווער געארבעט אים צו דערמונטערן פון זיין חלשות, און גלייך ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין באוואוסטזיין, האט דער אלטער אנגעהויבן צו וויינען מיט א יאמערליכע געוויין, און ער האט זיך געהאקט זיין קאפ אין וואנט, און ער האט זיך געשלעפט די האר פון זיין קאפ, און ער האט געשריגן מיט א שרעקליכע קולות: "אוי וויי איז מיר! וואס טו איך דא אין דעם קריסטליכן בית הטומאה..." אזוי האט ער געשריגן אהן אויפהער ביז דער גלח האט זיך דערוועקט, און ער איז געגאנגען זעהן פון וואו די געשרייען קומען. ווען ער האט געזעהן אז דער אלטער פארפירט און רייסט איין וועלטן, און ער איז דער וואס מאכט דא די גאנצע גערודער, האט דער גלח זיך זייער אויפגערעגט אויף אים, און ער האט באפוילן פאר זיין באדינער אז ער זאל פארטרייבן די אידן פון זיין הויז, ווייל זייער גאנצע אהער קומען איז בלויז א שפיל און א פאפעריי, און זיי זענען נאר אהער געקומען אים צו שטערן.

זיי זענען ארויס פון דארט בשלום, און הערשט דעמאלס האט דער ארענדער פארשטאנען די ענין פון זיין שליחות, אז זיין הייליגער רבי דער בעש"ט הק' האט אים אהער געשיקט כדי צו ראטעווען א אידישע נשמה פון פארזינקען ווערן אין די תהום. דער ארענדער האט זיך אהיים געקערט אינאיינעם מיט'ן אלטער, און צומארגנס זענען זיי ביידע געפארן צום הייליגן בעל שם טוב.

ווען זיי זענען אריינגעקומען צום שטוב פונעם הייליגן בעש"ט, האט דער בעש"ט זיך געקערט צו די ארומיגע מענטשן, און ער האט זיי דערציילט ווי פאלגענד: דער אלטער איד איז א געוואלדיגער תלמיד חכם, און ס'איז שוין עטליכע יאר זינט ווען מ'האט אים אויפגענומען צו דינען אלס רב און א געוויסע קהילה כדי צו ערזעצן די פלאץ פון דער רב וועלכע איז פריער נפטר געווארן. ווען מ'האט אים אויפגענומען צו די רבנות שטעלע האט מען אויסגענומען מיט אים א תנאי אז ער וועט געבן א באשטימטע סומע פון געלט פאר די אלמנה פון דער געשטארבענער רב. אין די ערשטע יארן האט דער נייער רב טאקע אויסגעפירט דעם תנאי בשלימות. אבער שפעטער האט ער ערפינדען א טענה צו פארענדערן דעם תנאי, און ער האט גע'טענה'ט צו די בעלי בתים פון זיין שטאט אז אצינד אז דער רב'ס קינדער זענען שוין עטוואס אונטערגעוואקסן, קענען זיי שוין אליינס ארבעטן און פארדינען געלט פאר זייער פרנסה, איז דעריבער נישט קיין יושר אז ער זאל דארפן אפשיידן א טייל פון זיין געהאלט און דאס געבן פאר זיי. פארשטייט זיך אז די אלמנה האט געשריגן קולות אויף די אומרעכט וואס מ'האט איר געטון, אבער די בעלי בתים פון די קהילה האבן מיטגעשטימט מיט'ן נייעם רב, און זיי זענען מיטגעשטאנען מיט זיין שטאנד.

די ארימקייט אין די שטוב פון די אלמנה פון דער רב איז געווען שרעקליך, אזש זי האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און זי האט איבערגעגעבן איר טאכטער צו דינען אלס א משרתת אין איינעם'ס שטוב. איר יונגע זוהן האט זי אוועק געשיקט פון שטוב אז ער זאל זיך גיין זיכן א פרנסה. דער זוהן האט געוואנדערט פון שטאט צו שטאט, און פון דארף צו דארף, און ער האט געליטן פון הונגער און פון קעלט.

איינמאל ווען דער זוהן איז געווען זייער אויסגעמאטערט און הונגעריג איז ער אנגעקומען צו א דארף וואו קיין איין איד האט נישט געוואוינט, דארט איז ער אריין אין א שטוב פון א גוי, און דער גוי האט זיך דערבארעמט אויף אים, און ער האט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און צוליב זיין גרויסע הונגער האט ער געגעסן בישול עכו"ם און אנדערע טריפה'נע מאכלים. דער קינד האט געפינען ליבשאפט אין די אויגן פון דעם גוי, און ער האט אים אויפגעהאלטן ביי זיך אין שטוב פאר א שטיק צייט, וואו ער האט באקומען צו עסן און צו טרינקען, און ער האט זיך דארט ליידער אנגעזעטיגט מיט אלע איסורים פון נבילות און טריפות אד"ג. ביז צום סוף איז ער געווארן איבערגערעדט דורכ'ן גוי, און ער האט באשלאסן זיך צו שמד'ן צו דעם קריסטליכן גלויבונג רח"ל.

ווען ס'איז דערוואוסט געווארן צו זיין טאטן אויבן אין הימל וואס זיין זוהן האט רח"ל באשלאסן צו טון, האט ער געמאכט א גרויסע רעש אין הימל אויף דעם נייעם רב, אז דורך דעם וואס ער האט נישט איינגעהאלטן זיין תנאי, און ער האט צוגענומען דאס עסן פון די מויל פון זיין משפחה, איז זיין זוהן אצינד צוגעקומען צו אזא נידריגע שטאפל רח"ל. און דער געשטארבענע רב האט אויפגעפאדערט דעם בית דין של מעלה אז זיי זאלן איבערדרייען דעם געשעפט, און זיין זוהן זאל זיך צוריק קערן צו די ריכטיגע וועג, און דער נייע רב זאל זיך שמד'ן. דער בית דין של מעלה האט אנגענומען זיינע רייד, און זיי האבן ארויסגעגעבן א פסק דין אז דער שטן האט רשות צו גיין און אים איבעררעדן זיך צו שמד'ן.

פלולצינג איז געווארן א גרויסע רעש אין הימל און ס'איז געהערט געווארן אן אויסרופונג וואס רופט אויס: "מאכטס פלאץ פאר דוד המלך ע"ה!" דוד המלך איז אנגעקומען מיט א גרויסע געשריי, און ער האט גע'טענה'ט פאר'ן בית דין של מעלה: "דער נייער רב איז דאך פון אייביג אהן געווארנט צו עסן סעודת מלוה מלכה וואס ווערט אנגערופן 'סעודת דוד המלך', דערפאר וועט דאס זיין פאר מיר א גרויסע שאנדע און חרפה אויב מיינס א מענטש וואס עסט שטענדיג מיין סעודה וועט זיך שמד'ן און ער וועט פארלירן זיין וועלט און איין רגע. אמת טאקע אז דער רב האט זיך פארזינדיגט מיט זייער א הארבע עבירה, זאל דער בית דין של מעלה אים געבן אן אנדערע שטראף אויף זיין זינד".

די בית דין של מעלה האט געענטפערט אויף די טענה פון דוד המלך, און זיי האבן ארויסגעגעבן א פסק אז די גזירה וואס איז ארויס אויפ'ן רב קען מען שוין נישט צוריק דרייען, ווייל ער איז שוין איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פונעם שטן, און ער האט אים שוין איבערגערעדט. נאר אויב ער וועט יעצט נאכאמאל עסן סעודת מלוה מלכה דאן וועט מען מבטל זיין פון אים די גזירה, און די שטן וועט זיך אפלאזן פון אים.

און דערפאר - האט הרה"ק דער בעש"ט זי"ע אויסגעפירט - האב איך געשיקט דעם ארענדער מיט א שטיקל חלה פאר'ן רב, און ער האט אים געגעבן וואסער זיך צו וואשן צו א סעודה, און ער האט אויך געמאכט א ברכה המוציא, און דורך דעם האט ער נאכאמאל מקיים געווען די הלכה צו עסן סעודתא דדוד מלכא משיחא, און די גזירה איז בטל געווארן פון אים, און ער האט זיך צוריק געקערט צום זינען, און ער האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון".

הרה"ק מהוסיאטין זי"ע האט אויסגעפירט די מעשה, און ער האט געזאגט: אויך די זוהן פון דער פריערדיגע רב האט חרטה געהאט אויף זיינע מעשים, און ער האט זיך צוריק געקערט צו זיין מאמע, און ער האט תשובה געטון.

און דאן האט הרה"ק מהוסיאטין זיך געקערט צו די פרוי וואס איז געשטאנען פאר אים, און ער האט איר געזאגט: "איך זאג דיר צו, אז אויך צו דיין זוהן וועט נישט פאסירן קיין שום שלעכטס, און ער וועט בלייבן אן ערליכער איד". אזוי איז טאקע געווען אז איר זוהן האט זיך צוריק געקערט אהיים, און ער איז געבליבן א געטרייער ערליכער איד א ירא ה'. (נר ישראל ח"ו עמ' תס"ט)

כל הזכויות שמורות * להערות והארות נא לפנות אל הרב אליעזר זאב קליין: 917-474-5119

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תולדות תשפ"ג** **גליון 674 [שנה י"ד]**

**פארוואס רופט מען זיי לֵיצָנֵי הַדּוֹר און נישט רִשְׁעֵי הַדּוֹר?**

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק: (כה יט) זאגט רש"י לפי שהיו לֵיצָנֵי הַדּוֹר אומרים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה, שטעלט זיך די שאלה אז עס וואלט געדארפט שטיין רִשְׁעֵי הַדּוֹר און נישט לֵיצָנֵי הַדּוֹר? ענטפערט דער הייליגער חיד"א, אז לֵיצָנֵי הַדּוֹר מיינט מען חכמים וואס האבן גערעדט דעם אמת אבער מיט א ווערטל, א לשון מליצה, און ווייל רש"י ברענגט אויף וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה (בראשית כא א) פארוואס שטייט די פרשה פון פקידת שרה נאנט צו וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אֶל הָאֱלֹקִים? - ללמדך שכל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה,- און ווייל אברהם האט מתפלל געווען פאר אֲבִימֶלֶךְ, איז אברהם געהאלפן געווארן פריערט, קומט אויס אז די לֵיצָנֵי הַדּוֹר האבן געזאגט דעם אמת, אז "מֵאֲבִימֶלֶךְ", דורך אברהם'ס תפילה פאר אֲבִימֶלֶךְ, נִתְעַבְּרָה שָׂרָה, אבער די הַמּוֹן עַם האבן אפגעטייטש כפשוטו אז יצחק שטאמט פון אֲבִימֶלֶךְ, דעריבער האט מען געמוזט מאכן אז יצחק זאל אויסזען פונקט ווי אברהם כדי אלע זאלן וויסן אז יצחק איז דער זון פון אברהם און נישט פון אבימלך. (נחל קדומים להחיד"א מאביו הר"ר ישעיה זלה"ה און פון ספר טירת כסף זון פון כנסת הגדולה)

**א שיינע פשט אויף אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק וכו'**

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה': (כה כא) זאגט רש"י וַיֵּעָתֶר לוֹ: לוֹ וְלֹא לָהּ? **אין דומה תפילת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע** לפיכך לוֹ וְלֹא לָהּ: לכאורה וואס מיינט עס זענען נישט גלייך די תפילות פון צדיקים, ווען די תפילות זענען ביידע גלייך, נאר עס וואלט געדארפט שטיין **אינו דומה צדיק בן צדיק לצדיק בן רשע**, ווייל דער חילוק איז נאר וועגן זייערע מדריגות, אבער נישט זייערע תפילות? אויך פארוואס נאר לוֹ צו אים און נישט צו איר? נאר דער ענין איז אז א צדיק בן צדיק איז מתפלל אין זיין זכות און אויך אין די זכות פון זיינע אבות, משא"כ א צדיק בן רשע מוז תולה זיינע די תפילות נאר אין זיין זכות. און די גמ' (ברכות דף י ע"ב) שרייבט, דער וואס איז תולה זיינע תפילות אין זיין זכות ענטפערט מען אים אין זכות פון אנדערע אזוי ווי ביי חזקיהו, און דער וואס איז תולה זיינע תפילות אין זכות פון אנדערע, ענטפערט מען אים אין זיין זכות אזוי ווי ביי משה רבינו עיי"ש בגמ'. דאס מיינט די תפילות זייערע זענען נישט גלייך. ממילא איז שוין גוט וַיֵּעָתֶר לוֹ, לוֹ וְלֹא לָהּ, דער "לוֹ" מיינט אין זיין זכות, ווייל יצחק האט מתפלל געווען אין זכות אבותיו, האט מען אים געענטפערט אין זיין זכות, משא"כ רבקה האט געמוזט מתפלל זיין אין איר זכות האט מען איר געענטפערט אין זכות פון אנדערע, דאס מיינט וְלֹא לָהּ, ונחמד הוא. (באר בשדה – ר' מאיר בנימין דאנון – ירושלים תר"ו)

**דרוש נחמד פארוואס ויעתר לו ה' און נישט צו איר?**

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ:: (כ"ה כ"א) עס איז מיר געווען שווער דריי דיוקים אין פסוק, איינס פארוואס שטייט וַיֶּעְתַּר לַה', עס איז זעלבסט שטענדיג אז יצחק האט מתפלל געווען צום אויבערשטן, האט געדארפט שטיין וַיֶּעְתַּר יִצְחָק? צווייטנ'ס פארוואס איז געווען וַיֵּעָתֶר לוֹ? און דאס וואס רש"י שרייבט אז אינו דומה תפילת צדיק בן צדיק לתפילת צדיק בן רשע, איז שווער וועגן וואס דארף מען פארשעמען רבקה אין די תורה? נאך איז שווער פארוואס דארף שטיין וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ: ווען עס שטייט כִּי עֲקָרָה הִוא און וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' פארשטייט זיך אז זי איז געהאלפן געווארן און וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ, וועגן די תפילה פון יצחק? נאר בעזה"י האב איך געזען א פשט אין (ספר אזור אליהו לערמאן אב"ד וויסקיט ווארשא תרמ"ה) און מיט דעם וועט מען בעזה"י קענען פארענטפערן די אלע דיוקים, עס שטייט אין גמ' (סנהדרין דף מ"ו ע"א) **אמר רבי מאיר בשעה שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי**, און עס שטייט (ישעי' ס"ג ט) בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר, ווען א מענטש איז בצער איז די שכינה אויך בצער, דעריבער ווען א צדיק איז מתפלל פאר זיך, איז ער מתפלל אז דער אויבערשטער זאל נישט האבן קיין צער פון דעם, און אויף אזא תפילה איז נישטא קיין קיטרוגים אפצוהאלטן די תפילה, און עס ווערט אנגענומען, יעצט רבקה האט דאך געהאט צער וועגן קינדער האט דאך דער אויבערשטער אויך געהאט צער פון דעם, דעריבער האט יצחק מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל נישט האבן קיין צער, דאס מיינט וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה', פארן אויבערשטן'ס וועגן, לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ, צוליב די צער פון זיין ווייב, האט דער אויבערשטער אויך געהאט צער, און פאר דעם האט יצחק מתפלל געווען, דעריבער שטייט וַיֵּעָתֶר לוֹ ה', איז שוין אויך גוט דער ענין פארוואס וַיֵּעָתֶר "לוֹ" ה', איז דאס נישט צו פארשעמען רבקה, נאר צו מגלה זיין אז ווען מען בעט זאל בעטן אויפן צער פון די שכינה, און נישט אייגענע צער, און די תפילה ווערט אנגענומען, לויט דעם איז פארשטענדיג וואס מיר זאגן אין שמונה עשרה וּגְאָלֵנוּ גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה לְמַעַן שְׁמֶךָ, פארוואס דארף מען זאגן לְמַעַן שְׁמֶךָ, ווען בעיקר איז די תפילה אויף די גאולה? נאר לויט פריערט איז גוט, ווייל דער עיקר וואס מיר בעטן פאר די גאולה, איז לְמַעַן שְׁמֶךָ, וועגן צער פון די שכינה, ווייל וועגן דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א. (שמח זבולון תשפ"ב)

**פארוואס האט יעקב געמוזט יעצט אפקויפן די בכורה?**

וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד וַיָּבֹא עֵשָׂו מִן הַשָּׂדֶה וְהוּא עָיֵף: וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל יַעֲקֹב הַלְעִיטֵנִי נָא מִן הָאָדֹם הָאָדֹם הַזֶּה כִּי עָיֵף אָנֹכִי עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ אֱדוֹם: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב מִכְרָה כַיּוֹם אֶת בְּכֹרָתְךָ לִי: (כה כט- לד) פארוואס האט יעקב געוואלט אפקויפן די בכורה פונקט יעצט ווען עשו בעט אים פון די נזיד, וואס איז די שייכות? נאר עס שטייט אין רמב"ן אויפן פסוק עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַע אַבְרָהָם בְּקֹלִי אז דעם טאג וואס יעקב האט געקאכט די נזיד איז געווען ערב פסח, ממילא די אבות האבן מקיים געווען די תורה, און די הלכה איז (או"ח סי' ת"ע) אז בְּכוֹרִים דארפן פַאַסטְן ערב פסח, און אז יעקב זעט אז עשו וויל עסן דעם נזיד, מוז מען אפקויפן פון אים די בכורה ווייל אזוי וועט ער מעגן עסן ערב פסח, ווייל ער וועט שוין נישט קיין בכור, און יעקב האט געוואוסט אויב ער וועט געבן פאר עשו די נזיד, וואס איז א בכור, וועט יעקב עובר זיין אויפן לאו פון וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל, דעריבער האט ער געזוכט דוקא יעצט –ערב פסח– אפצוקויפן די בכורה פון עשו. (שיח יצחק– ר' יצחק ווייס אב"ד ווערבוי)

**געענטפערט א פליאה אין ספר אורח לחיים**

אין די היינטיגע דרוקן פון ספר הק' אורח לחיים פון הרה"ק ר' אברהם חיים מזלאטשוב זצוק"ל שטייט אזא פשט אין היינטיגן פרשה, וז"ל וידו

אוחזת בעקב עשו ע"ד שפי' רש"י ז"ל וכיה עקב תשמעון את המשפטים, אם המצוות שאדם דש בעקביו תשמעון וכו' וכן כאן וידו אוחזת בעקב עשו כלומר העבירות שהיה עשו דש בעקביו ולא היה אצלו שום נדנוד עבירה, יעקב אחז בהם ושמרם מאוד מאוד לעשותם עכ"ל. וואס לויט די גירסא איז נישטא קיין פשט ווייל עס קומט אויס אז יעקב האט געטאן די עבירות וואס עשו האט נישט געטאן ווייל ושמרם מאוד מאוד לעשותם, זיי צו טאן! און די נייע דרוקן האט מען מעתיק געווען די גירסא ווי עס שטייט אין פריערדיגן דרוק. אבער בס"ד האב אין באקומען א צילום פון דעם ערשטן דרוק וואס דארטן שטייט ושמרם מאוד מאוד "מלעשותם"! איז יעצט שוין גוט דעם פשט אז יעקב האט זיך שטארק געהיט זיי נישט צו טאן.

## מדור העובדות

### דער הייליגער מאור עינים פון טשערנאביל האט באופן פלא ווייך געמאכט א קארגער גביר

דער הייליגער צדיק ר' נחום מטשרנאביל זצוק"ל דער מאור עינים פלעגט ארום פארן זען צו מתקן זיין אלע זאכן וואס עס פעלט אוים אין אידישקייט און האט געשאפט געלט פאר די נצרכים און פאר פדיון שבויים. איינמאל איז דער מאור עינים געווען אין די שטאט פאדאליא ווען דעמאלטס איז געווען א אסיפה פון די ראשי הקהלה און דער צדיק איז געגאנגען צו די אסיפה וואס די רעדע איז געווען אז מען דארף בויען א מקוה טהרה אין שטאט און די אידן אין שטאט זענען געווען ארעמעלייט.

האט דער מאור עינים געפרעגט צו עס איז נישטא קיין עושר אין שטאט וואס קען זיי העלפן? האבן זיי געענטפערט אז עס איז דא א גביר וואס ער וואלט געקענט געבן די גאנצע געלט אבער ער איז א קארגער און האט א פארשטיינערטע הארץ צו געבן אפילו א קלייניקייט פאר צדקה! האט דער רבי געפרעגט וואו ער וואוינט און געזאגט איך וועל אים ווייך מאכן אז ער וועט באצאלן פאר בויען די מקוה. די ראשי הקהל האבן געזאגט אז עס איז א ברכה לבטלה אבער דער רבי האלט זיך ביי זיינם.

דער רבי געזעגנט זיך פון זיי און פארט אוועק. אין די נאנסטע שטאט האט דער רבי זיך אנגעטאן מיט נגידישע קליידער און געדונגען א שיינע קארעטע און הייסט דעם בעל עגלה צוריק פארן קיין פאדאליא און דארטן ביים פאלאץ פון דעם גביר הייסט ער אפשטעלן דעם וואגן. דער גביר האט געזען אזא בכבוד'יגע וואגן שטעלט זיך אפ, איז ער ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם חשובער גאסט און ווען ער קומט אן צום וואגן און זעהט א שיינעם איד מיט א הדרת פנים, נעמט ער אים אויף מיט גרוים כבוד, אבער ווען ער האט אים געפרעגט ווער ער איז, און געהערט דער נאמען, איז אים שלעכט געווארן ווייל ער האט געוואוסט אז דער רבי וויל געלט פון אים, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט און האט נישט געפאסט אוועק צו שיקן. דער רבי האט אים געזאגט אז באמת קען ער איינשטיין ביי אסאך מענטשן דא אין שטאט נאר ער וויל איינשטיין ביי אים.

פון איין זייט איז ער געווען קארג אבער פון די אנדערע זייט האט ער געפילט א כבוד צו האבן אזא צדיק ביי אים אין שטוב. בליץ שנעל איז דערוואוסט געווארן אז דער הייליגער צדיק איז אין שטאט האבן זיך צונאם גענומען א גרויסער עולם חסידים אינדרויסן פון שטוב. דער רבי האט געהייסן דעם גביר מודיע זיין דעם עולם אז יעצט קען מען נישט אריינקומען. דער רבי האט געזאגט פארן גביר ער וויל זיך זעצן לערנען פאר א שעה, און ער וויל אז דער גביר זאל בלייבן מיט אים אין צימער. דער גביר הויבט אן צו קוועלן, אזא כבוד, און ווען דער רבי נעמט זיך לערנען מיט א ברען און א זיסקייט רוקט זיך דער גביר נענטער צום רבין און קוקט אויפן הדרת פנים פון רבין וואס שוועבט אין די העכערע עולמות און נעמט נישט אראפ די אויגן פון אים. דער גביר הויבט אן צו פארשטיין אז דער איד איז גאר הויך.

ענדע פון די שעה איז דער רבי צוריק געקומען צו זיך און זאגט פארן גביר אז ער וויל דאווענען מעריב ביי אים אין שטוב און מען זאל אריינלאזן דעם עולם וואס ווארט דאווענען. דער גביר האט געפילט אזא דערהויבנקייט אז אזא צדיק וועט דאווענען ביי אים אין שטוב. די שמועה אז דער רבי גייט דארטן דאווענען האט זיך שנעל צושפרייט אז די ראשי הקהל זענען אויך געלאפן צו זעהן וואס דער רבי האט דא פארפראוועט!

דער רבי שטעלט זיך דאווענען און געהייסן דעם גביר זאל שטיין לעבן אים. דער עולם האט שוין געענדיגט שמו"ע, אבער דער צדיק און דער גביר האבן נאך געדאווענט און מען ווארט כמעט א שעה אבער ביי דעם שמונה עשרה איז זיס געווארן יעדן ווארט און דער גביר שפירט אזוי ווי עס איז יעצט נעילה פון יום כיפור און ער נעמט זיך אריינטראכטן אין די אלע ווערטער פון שמונה עשרה. און ווען ער איז אנגעקומען צו די ברכה מלך אוהב צדקה ומשפט און ער פילט אזא התעוררות, ער קען נישט גיין ווייטער! און נעמט זיך וויינען און טראכט דער אויבערשטער האט ליב צדקה און ער האט אין זיין לעבן אנטלאפן פון געבן צדקה. אוי! ער האלט נישט אוים און בעט דעם אויבערשטן זאל אים מוחל זיין, דער רבי האט געענדיגט דאווענען און דער גביר איז נאך געווען איינגעזונקען אין זיין דאווענען. דער רבי האט געהייסן ווארטן ביז דער גביר לאזט אוים. נאכן דאווענען פרעגט דער מאור עינים צו ער קען רעדן פריוואט מיטן גביר, וואס האט געפילט א זכיה און האט מסכים געווען.

זיי זענען געווען פארשלאסן א שיק צייט און די ראשי הקהילה האבן געווארט צו דערגיין וואס וועט דא פארקומען, און אויך דער גאנצער עולם ווארט זיך צו געזעגענען, ווען די טיר האט זיך געעפנט האט מען געזען א צופרידענער גביר גייט ארוים מיטן באגלייטונג פון רבין, וואס האט געבענטשט דעם עולם און איז געפארן אין זיין וועג. אויף צו מארגן'ס רופט דער גביר די ראשי הקהילה צו קומען צו אים, און זיי האבן אים געפרעגט וואס איז פארגעגאנגען מיט אים און דעם רבין? האט ער דערציילט אז פון ווען דער רבי איז געקומען האט ער געפילט אז זיין הארץ ווערט ווייכער, און ביים דאווענען האט זיך זיין הארץ געעפנט, און איך האט פארשטאנען אז דאס איז אלעם דער כח פון רבין מיר ווייך צו מאכן, און ווען מיר זענען געזעצן אליין האט איך געפרעגט דעם רבין וועגן וואס א צוועק איז ער געקומען? און דער רבי ענטפערט אז מען דארף בויען א מקוה אין שטאט. און דער רבי שרייבט מיר א צעטל אז אויב איך נעם זיך אונטער צו בויען א מקוה און דאס אויסהאלטן, גיט ער מיר זיין חלק אין עולם הבא און חתמ'ט, דער גביר האט צוגעזאגט דאס צו טאן.

יעצט נעמט ער ארוים דעם צעטל און ווייזט דאס צו די ראשי הקהילה וואס האבן געוויינט פון שמחה און שטארק באדאנקט דעם גביר פאר זיין צוזאגן. די מקוה איז שנעל געווארן פארטיג און דער גביר וואס האט זיך נישט באוויזן אין שול יארן איז געקומען טעגליך און ער איז געווארן א אפענע און ברייטן הארץ פאר יעדן נצרך. דער רבי האט באוויזן א מופת אריינברענגען א תשובה געפיל און צו ברעכן א איד'ס שטייפקייט מיט אן א ווארט מוסר.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן-*
תשובות בית הילל קאלאמייא דפוס ראשון שייך להגאון ר' יעקב יצחק רודרמאן בעל עבודת הלוי $300 הישר והטוב ליסקא דפוס ראשון $700 ג' כרכים חומש היכל הברכה בראשית שמות חסרים דברים שלם $5000 כתב ידו של הגאון ר' יהונתן אייבישיץ, שו"ת חת"ם סופר דפוס ראשון זייער זעלטן $1000, שו"ת משיב דבר נצי"ב פול מיט הגהות $800 תהלים דגל והודיה זיטאמיר חסר שערים הראשונים אבל תהלים ומעמדות והתפילה שלם $13500 ספר ויקהל משה דפו"ר תנ"ט קבלה זייער זעלטן $700 שטר פון באבא סאלי לשמירה והצלחה $5000 שומר אמונים הקדמון ווילנא תרמ"ב חתימות בעל כלי חמדה $600, ספר צבי לצדיק שייך להגה"צ בעל חלקת יהושע ובנו הגה"ק ר' דוד מתתיהו $1500 ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, בריוו פון טאלנא רבי $500 2 ספרי לבוש עם חתימת הרה"ק מקראסנא $1000, רב אלפס עם חתימת הרה"צ ר' ברוך בענדיט ל"ש $800 בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' ברוך בער, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהגאון מקאוונא, מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט,
**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:45 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com**
**or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.CO***

# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

פרשת תולדות תשפ"ג לפ"ק

## סֵדֶר הַבְדָּלָה

### טרינקן די וואסער וואס מען שווענקט דעם בעכער

**עס** איז א מִצְוָה נאך הַבְדָּלָה אויסצושווענקן דעם בעכער מיט וואסער און טרינקן די שִׁירַיִם פון הַבְדָּלָה וויין מיט די וואסער וואס איז שִׁיּוּרֵי מִצְוָה וועלכע די חֲכָמִים זאגן אז דאס האט מערערע סְגוּלוֹת, דאס האלט צוריק אסאך שטראף. אויך צוליב דאס צייגט א ליבשאפט צו די מִצְוָה פון הַבְדָּלָה. **פרקי דרבי אליעזר פ"כ, טור סי' רצ"ט בשם רבי עמרם גאון**

### וואונטשן נאך הַבְדָּלָה

**הגה"ק** מִצַּאנְז זי"ע פלעגט יעדע וואָך נאך הַבְדָּלָה זאגן דעם לָשׁוֹן: א גוטע וואָך, א געזונטע וואָך, א מַזָּל'דיגע וואָך, א וואָך מיט יְשׁוּעוֹת, א וואָך מיט רְפוּאוֹת, א וואָך מיט א סאַך גֶעלְט.

### וְיִתֶּן לְךָ - סְגוּלָה לַפַּרְנָסָה

**הרה"ק** רַבִּי מענדעלע מרימנוב זי"ע, האט געזאגט: דער מענטש וואס זאגט נישט וְיִתֶּן-לְךָ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ווייס איך נישט פון וואנען ער נעמט פַּרְנָסָה א גאנצע וואָך. **עטרת מנחם אות קצ"א**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ מרוזין זי"ע האט געזאגט: איך ווייס נישט פון וואנעט א איד האט שֶׁפַע א גאנצע וואָך אויב ער זאגט נישט דְּרוֹר יִקְרָא ביי שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת, און וְיִתֶּן-לְךָ מוֹצָאֵי שַׁבָּת, איי מען זעהט דאך אידן וואס זיי זאגן נישט און זיי האבן שֶׁפַע, אָך און ווי צו אַזַא שֶׁפַע אז זיי ווייסן נישט פון וואנט עס קומט.

**כתבי חסידים הראשונים רוזין ח"א עמ' י"ט, עי' דברי יחזקאל החדש עמ' ע"ז כעי"ז**

**הרה"ק** רַבִּי דָוִד ווייסליצער זָצ"ל האט געזאגט אז מען זאל זאגן וְיִתֶּן-לְךָ צוזאמען מיט נאך איינעם.

**סגולות הבעש"ט ותלמידיו מע' פרנסה אות מ"ט**

**נאך** א טַעַם קען מען זאגן, לויט ווי דער בְּנֵי יִשָּׂשכָר ברענגט אין זיין סֵפֶר אַגְרָא דְפִרְקָא [אות רנ"ט], אז בִּשְׁעַת ווען מען לייענט די תּוֹכֵחָה זאל מען מַקְפִּיד זיין נישט צו שטיין קעגן איבער דעם סֵפֶר תּוֹרָה, ווייל דאס קען חַס וְשָׁלוֹם שעדיגן. איז דאך געוויס אז ווען מען לייענט גוטע זאכן וועט די בְּרָכָה חַל זיין אויף דעם צווייטן. דעריבער זאלן צְוֵויי מענטשן זאגן אינאיינעם וְיִתֶּן לְךָ ווייל איינער וועט זיצן קעגן איבער דעם צווייטן, אדער נעבן אים, וועט קענען יעדן איינעם'ס בְּרָכָה חַל זיין אויפ'ן צווייטן. **אגרא דצבי שם**

### צוזאמען לייגן דעם טַלִּית

**דער** מהרי"ל האט געהאט א באזונדערן טַלִּית אויף שַׁבָּת, און ער האט דאס צוזאמען געלייגט יעדן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, ער האט געזאגט דעם טַעַם כדי מען זאל זיין באשעפטיגט אין א מִצְוָה, תֵּיכֶף מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. **מנהגי מהרי"ל, שבת, מג"א סי' ש'**

**טייל** פירן זיך צוזאמען לייגן דעם טַלִּית אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ תֵּיכֶף נאכן דאווענען די שטילע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נאכדעם וואס זיי האבן שוין געזאגט 'אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ', אנדערע פירן זיך אז בִּשְׁעַת מען זאגט 'וִיהִי נוֹעַם' כדי צו צייגן אז ביז יעצט האט מען נישט געטארט טוהן קיין מְלָאכָה, אנדערע פירן זיך אז תֵּיכֶף ווען זיי קומען אהיים פון בֵּית הַמִּדְרָשׁ נאך פאר הַבְדָּלָה לייגן זיי צוזאם דעם טַלִּית, ווייל זיי ווילן נישט טוהן קיין מְלָאכָה בִּשְׁעַת מען זאגט 'וַיְהִי נוֹעַם'.

**מקור חיים סי' רצ"ט ס"י, כף החיים, סי' ל"א אות י"ז, עי' ליקוטי מהרי"ח**

# סֵדֶר הַבְדָּלָה

**דער** מִנְהָג איז אז מען לייגט צוזאם דעם טַלִית הערשט נאך הַבְדָּלָה. **סידור דרך החיים**

**מען** דארף שטארק אכטונג געבן תֵּיכֶף מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוזאם לייגן דעם שַׁבָּת'דיגן טַלִית, ווייל אויב איז דאס נישט געווארן צוזאמען געלייגט מוֹצָאֵי שַׁבָּת איז דאס א סַכָּנָה ווייל די קְלִיפּוֹת כאפן זיך אן אין דעם טַלִית. **מנחת שבת, שיורי המנחה סי' צ"ו סק"ה, ישועות ישראל, מדרש תלפיות**

## סְגוּלָה פאר די ווייב זאל לאנג לעבן

**עס** איז דא מענטשן וואס זאגן דער מאַן וואס ווייל אז זיין ווייב זאל לאנג לעבן מוז ער שטארק אכטונג געבן גראָד מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוזאמען לייגן דעם טַלִית, ווייל זי האט אים געשיקט דעם טַלִית פאר זיין חֲתוּנָה, דעריבער מוז דער מאַן צייגן אז ער גיבט אכטונג אויף דעם טַלִית און ער וואַרט נישט חָלִילָה אויף אן אנדערע טַלִית וואס אן אנדערע ווייב זאל אים דארפן שיקן חַס וְשָׁלוֹם.

**עי' טעמי ומנהגים עמ' ת"ה בשם תולדות מנחם**

## חֲשִׁיבוּת פון לערנען תּוֹרָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת

**מוֹצָאֵי** שַׁבָּת דארף יעדער מענטש זיך דערוועקן צו יִרְאַת שָׁמַיִם, ער דארף וויסן אז יעצט עפנען זיך אלע טירן פון גֵיהִנֹּם ווי אלע נְשָׁמוֹת פון די רְשָׁעִים גייען צוריק אויף זייער פלאץ אין גֵיהִנֹּם ווי מען מִשְׁפָּט זיי אויף זייער שווערן מִשְׁפָּט, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זאל אונז אלע ראטעווען פון דעם גרויסן שטראף, דעריבער דארף יעדער איד וואס לעבט זיך אַלֵיין זארגן אויף זיין אייגענעם נְשָׁמָה ער זאל געראוועט ווערן דערפון, און ער זאל לערנען תּוֹרָה יעדע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אז זיין נְשָׁמָה זאל חָלִילָה נישט זיין צווישן די וואס ווערן גע'מִשְׁפָּט אין גֵיהִנֹּם.

**בנין עולם פ' ט"ז, בשם ספר זה השלחן ח"ב סי' רצ"ג**

**דער** וואס לערנט תּוֹרָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת קען זיך קוֹנֶה זיין א שְׁלֵימוּת פון די קְדוּשַּׁת שַׁבָּת אויף די קומענדיגע וואָך. **חוסן ישועות, על קצשו"ע ס"ס צ"ו**

## עסן מְזוֹנוֹת

**טֵייל** מענטשן פירן זיך צו פארזיכן א שטיקל מְזוֹנוֹת איידער זיי עסן סְעוּדַת מְלַוֵּה מַלְכָּה, ווייל דאס איז א סְגוּלָה אויף שִׂמְחָה אויף די קומענדיגע וואָך. **שמעתי**

## סעודת מלוה מלכה

## טרינקן וואסער מוֹצָאֵי שַׁבָּת

**פרויען** פירן זיך אנצושעפן וואסער פון א קוואל תֵּיכֶף מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דער טַעַם איז ווייל מיר טרעפן אין חֲזַ"ל אז די 'בְּאֵרָהּ שֶׁל מִרְיָם' די קוואל פון מִרְיָם הַנְּבִיאָה וואס געפונט זיך אין דעם יָם פון טְבֶרְיָה גייט יעדן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַרום די וועלט צו אלע קוואלן, און דער קראנקער מענטש וואס וועט טרינקן פון די וואסער וועט ער זיכער תֵּיכֶף אויסגעהיילט ווערן. דער רַמָ"א זאגט אבער איך האב קיינמאל נישט געזען מענטשן זאלן זיך אזוי פירן. **בית יוסף בשם הכלבו, רמ"א סי' רצ"ט ס"י**

## טרינקן ווארעמס

**די** גְּמָרָא [שבת קי"ט:], זאגט אז טרינקן אדער זיך וואשן אין ווארעמס מוֹצָאֵי שַׁבָּת איז א סְגוּלָה אויף רְפוּאוֹת, זאגט דער מַהַרְשָׁ"א אז די גְּמָרָא מיינט אז מען זאל מְכַבֵּד זיין די סְעוּדָה פון מְלַוֵּה מַלְכָּה מיט א זאך וואס איז פְּרִישׁ געקאכט געווארן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. **מהרש"א שבת קי"ט: ד"ה פת חמה**

**ביי** די סְעוּדָה פון מְלַוֵּה מַלְכָּה זאל מען אויך טרינקן ווארעמס, ווייל דער ביין 'נִסְכָּא' האט פון קיין שום זאך נישט הֲנָאָה נאר בלויז פון די סְעוּדָה, דאס איז דער ביין וואס תְּחִיַּית הַמֵּתִים וועט זיך פון אים אנהייבן, שטארק זיך פון טרינקן, קען זיין אז דאס איז דער עִנְיַן אז מען הייבט אן די וואָך מיט טרינקן וויין פון הַבְדָּלָה ווייל דער ביין שטאקרט זיך פון וויין. **אשל אברהם תנינא, סי' ש'**

**מוֹצָאֵי** שַׁבָּת ווען עס קומט די צייט און די נְשָׁמָה יְתֵירָה וויל ארויסגיין פון דעם מענטש, לאזט נישט דער גוּף זיך שיידן פון די נְשָׁמָה יְתֵירָה, ער גוט אים נישט קיין רְשׁוּת זיך אפצוטיילן פון אים, דעריבער האבן די חֲזַ"ל באפוילן מען גיסן אין דעם גוּף ווארעמס כדי צו דערשרעקן דעם גוּף, דעמאלס וועט דער גוּף לאזן די נְשָׁמָה יְתֵירָה גיין איר וועג.

**אמרי דעת עמ' ט'**




אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### די פארבינדונג פונעם יום המיתה מיט דאס אויפהערן זען • יצחק אבינו בעט דעם באשעפער זאל געבן יסורים • עטליכע סיבות פארוואס יצחק איז געווארן בלינד

***וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וַיִּקְרָא אֶת עֵשָׂו בְּנוֹ הַגָּדֹל וַיֹּאמֶר אֵלָיו בְּנִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּנִי. וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי* (כז א-ב)**: פון די ווערטער אין פסוק זעט זיך אויס, אז נאר נאכדעם וואס יצחק אבינו איז אלט געווארן, און '**ותכהין עיניו מראת**' ער האט מער נישט געקענט זען מיט די אויגן, האט ער אנגעהויבן צו קלערן און זיך זארגן איבער זיין 'יום המיתה', און צוליב דעם האט ער געלאזט רופן זיין זון עשו, און אים געוואלט בענטשן. דארף מען פארשטיין וואס איז די פארבינדונג פון אויפהערן זען צו דער יום המיתה?

**נאך** דארף מען פארשטיין די ווערטער וואס שטייט ווייטער אין פסוק (ג - ד), '***וְעַתָּה' שָׂא נָא כֵלֶיךָ תֶּלְיְךָ וְקַשְׁתֶּךָ וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִי צָיִד וגו', בַּעֲבוּר תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי בְּטֶרֶם אָמוּת***. עס איז משמע פונעם פסוק, אז יצחק זאגט פאר עשו: 'וויבאלד איך קען שוין מער זען, דעריבער וויל איך דיר בענטשן'.

**דארף** מען פארשטיין וואס איז די פארבינדונג מיט דאס פאַקט אז יצחק קען שוין מער נישט זען, מיט דעם אז יצחק אבינו זאל יעצט וועלן בענטשן עשו?

**עס** ווערט געברענגט אין 'מדרש' (ילקוט רמז ק"ה), יצחק אבינו האט געבעטן דער באשעפער זאל אים געבן יסורים. ווייל דורכדעם וואס א מענטש ליידט יסורים אויף די וועלט, טוט דאס אפהיטן דער מענטש פון די מדת הדין וואס קומט נאך וואס מען גייט אוועק פון די וועלט, (עיי"ש).

**אויך** געפונען מיר אין 'מדרש' (בראשית רבה ס"ה, ה'), עטליכע טעמים פארוואס יצחק איז בלינד געווארן אויף די עלטער. **א'**. וויבאלד ער האט זיך גע'חנפ'עט צו עשו הרשע. **ב'**. וויבאלד ער האט אויפגעצויגן א קינד א רשע (עשו). **ג'**. וויבאלד ער האט ארויפגעקוקט אויף די שכינה בשעת די עקידה. **ד'**. דאס איז געקומען פון די טרערן וואס די מלאכי השרת האבן געוויינט בשעת די עקידה. (ועיי"ש עוד).

**קומט** אויס לויט דעם, אז עס פארהאן פארשידענע טעמים וואס יצחק האט געקענט טראכטן פארוואס ער איז בלינד געווארן.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן די אויבנדערמאנטע פסוקים, יצחק אבינו האט געקלערט צו זיך, אויב וואלט איך בלינד געווארן איידער איך בין אלט געווארן, דאן וואלט איך געדארפט טראכטן פארוואס דאס פאסירט צו מיר, און איך וואלט געקענט זאגן אז דאס קומט מעגליך אלץ עונש צוליב דעם וואס עשו איז נישט ערליך וכו', און דעריבער (מחמת ספק) קומט זיך נישט פאר עשו מען זאל אים בענטשן און איז נישט ראוי צו באקומען די ברכות.

**אבער** יעצט - קלערט יצחק אבינו ווייטער - וואס דאס איז געקומען נאר נאכדעם וואס איך בין אלט געווארן, מוז זיין אז דאס איז נאר געקומען צוליב דעם וואס איך האב געבעטן ביים באשעפער ער זאל מיר געבן יסורים, (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם אויבנדערמאנטע מדרש), וואס דאס קומט צו אוועקנעמען די מדת הדין וואס קומט ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט.

**ממילא** - זאגט יצחק אבינו - דינט דאס מיר פאר א סימן אז איך דארף שוין חושש זיין אויפן יום המיתה, וויבאלד די יסורים וואס איך האב געבעטן קומט פארן יום המיתה.

**און** דאס איז אויך א ראי' אז עס קומט נישט ווענן די שלעכטע מעשים פון עשו, (ווייל אויב יא וואלט דאס געדארפט קומען פריער). דעריבער האט ער גלייך געלאזט רופן עשו און אים געזאגט, '**ועתה שא נא כליך וגו' בעבור תברכך נפשי בטרם אמות**', די יסורים וואס איז האב יעצט באקומען איז א צייכן אז מיין יום המיתה טוט זיך דערנענטערן, און גלייכצייטיג איז דאס א ראי' אז דו ביזט דער פאסיגער צו באקומען די ברכות. (פרשתינו אות ז')

### יתן ויחזור ויתן • אפילו אויב מען פארלירט די ברכות וועט מען עס נאכאמאל באקומען

***וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ* (כז, כח)**: רש"י אויפן ארט (ויתן לך) ברענגט אראפ פון 'מדרש' (בראשית רבה סו, ג), ***וְיִתֶּן לְךָ* - יתן ויחזור ויתן**. דער אויבערשטער וועט געבן, און נאכאַמאָל געבן.

**דארף** מען פארשטיין פארוואס דארף דער אויבערשטער געבן אפאָר מאל, פארוואס זאל נישט אלעס געגעבן ווערן אויף איינמאל?

**מען** קען דאס פארענטפערן, אויב וואלט געשטאנען נאר 'ויתן' וואס דאס מיינט אלעס אויף איינמאל, וואלט מען געזאגט אז אויב כלל ישראל וועט ח"ו זינדיגן און טון עבירות וועלן זיי דערלייגן אלע ברכות, און אפילו אויב דער אויבערשטער וועט זיי שפעטער מוחל זיין, וועלן זיי אבער נישט צוריק באקומען די אלע ברכות וואס זיי האבן געהאט.

**אזוי** ווי מיר געפונען ביי עשו וואס האט פארלירן די בכורה וויבאלד ער האט דאס מבזה געווען, און האט דאס נישט צוריק באקומען אפילו נאכדעם וואס ער האט חרטה געהאט אויף די מכירה.

**וועגן** דעם שטייט '**יתן ויחזור ויתן**', דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל, אפילו אויב מען וועט אמאל פארלירן די ברכות, וועט אבער זיין 'ויחזור ויתן', מען וועט עס נאכאַמאָל באקומען נאכדעם וואס מען וועט תשובה טון. (פרשתינו אות ט"ו)




• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים

'קול זרע שמשון'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה ולהצלחה
אפרים מנחם מנדל בן רבקה * דינה בת לאה
חיה דיזל בת דינה
לישועה גדולה והצלחה ולהתבשר בשורות טובות בקרוב

**- אין קורצן פון פריער -**
**רב ח. ל. ו. ציט זיך אריבער פון ביתר קיין ירושלים, אבער איז נישט מצליח צו קויפן א פאסיגע דירה, נאך עטליכע יאר פון זוכן א דירה, פאנגט ער אן זיך צו משתתף זיין ביי די וועכענטליכע שיעור אין זרע שמשון, און נאך א קורצע צייט טרעפט ער פונקט די פאסיגע דירה, אבער דערנאך האב זיך אנגעהויבן שוועריקייטן מיט די באנק וואס וויל נישט ארויסגעבן א מארגעדז"ש, און הרב ח. האט מורא אז ער וועט פארלירן די דירה.**

## א ברכה משולשת (ב')

**הרב** ח. פארציילט ווייטער:

**וויבאלד** איך האב געוואוסט ווער עס איז געווען דער 'מתחיל במצוה', דאס איז געווען די הייליגע כח פון דער זרע שמשון וואס האט מיר באגלייט, און בזכות דער גרויסער צדיק האב דער אויבערשטער געהאלפן און איך האב געטראפן די דירה. דעריבער, ווען עס איז געקומען צו די וועכענטליכע שיעור דאנערשטאג נאכט, האב איך מתפלל געווען צום באשעפער, און געבעטן אז בזכות דער זרע שמשון און זיין הבטחה, זאל איך קענען ווייטער פאראויס גיין מיטן קויפן די הויז אין א מזל'דיגע שעה.

**די** קומענדיגע וואך, דאנערשטאג אינדערפרי - אינעם טאג פונעם שיעור - האב איך באקומען די פרייליכע בשורה אז די באנק האט באשטעטיגט מיין מארגעדז"ש, און זיי האבן זיך פלוצלונג אויפגעהערט צו שטעלן אויף די אלע זאכן און דאקומענטן וואס זיי האבן פארלאנגט מיט בלויז א וואך צוריק, און זענען דעמאלטס נישט געווען גרייט בשום אופן צו פארקוקן אויף גארנישט, און יעצט איז דאס בס"ד באשטעטיגט געווארן, און איך האב געקויפט די דירה בשעה טובה ומוצלחת.

**אבער** די מעשה ענדיגט זיך נישט דא.

**די** דירה וואס איך האב געקויפט איז געווען פארדינגען פאר א געוויסע מענטש, און נאכדעם וואס איך האב עס אפגעקויפט, און איך האב אים מודיע געווען אז ער וועט דארפן ארויסגיין פון די דירה, האט יענער נישט געהאלטן ביים ארויסגיין.

**איך**, צוזאמען מיט דער מוכר, האבן פראבירט אויף פארשידענע וועגן אז יענער זאל ארויסגיין פון די דירה, אבער יענער האט בשום אופן נישט געהאלטן ביים אפלאזן די דירה, און מען האט מיר נאך אויך געזאגט אז עס איז אפילו מסוכן זיך צו גיין שלאגן מיט יענעם.

**על** פי דרך הטבע האב איך נישט געהאט קיין שום וועג ווי אזוי זיך צו עצה געבן דערמיט, אבער וויבאלד עס איז נישט דער ערשטער מאל וואס עס מאכט זיך א פראבלעם מיט מיין דירה, און דער הייליגער זרע שמשון - וועלכע איז געווען דער שדכן פאר די דירה - האט מיר שוין איינמאל געהאלפן צו קענען קויפן די דירה, זיין זכות וועט מיר זיכער ביישטיין יעצט, 'אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה', און מען וועט זיך בס"ד אויך קענען א עצה געבן מיט די יעצטיגע פראבלעם.

**און** אזוי איך טאקע געווען, ביי די וועכענטליכע שיעור, האב איך געבעטן צום דריטן מאל, אז דער אויבערשטער זאל מיר העלפן בזכות דער גרויסער צדיק וקדוש, אז איך זאל זיך קענען ארייןציען אין מיין דירה, און עס זאל זיך נישט מאכן קיין אפהאלט.

**און** ווידערמאל האט עס פאסירט!

**די** קומענדיגע וואך דאנערשטאג אינעם טאג פונעם שיעור, באקום איך א טעלעפאון קאל פונעם מוכר, און ער פארציילט מיר אז היינט אינדערפרי איז אים איינגעפאלן א געדאנק, און ער האט באשטעלט א 'מאווינג קאמפעני' וואס זאל קומען צו די דירה, און ווען די טראק איז אנגעקומען צו די דירה, האט ער יענעם געמאלדן אז די ארבעטארער וועלן ארויפקומען און אים העלפן צאמפאקן די דירה.

**און** וואונדער איבער וואונדער, יענער האט גוט פארשטאנען וואס מען וויל פון אים, און ער האט זיך נישט אנטקעגן געשטעלט, און האט זיך מסדר געווען א צווייטע דירה. די ארבעטארער האבן אים פארפאקט די גאנצע דירה, און אין בלויז עטליכע שעה איז יענער געווען אינדרויסן פון די דירה.

**הרב** ח. ל. ו. ני"ו, פארענדיגט זיין מעשה - וואס האט זיך פארצויגן פאר עטליכע חדשים - אנגעהויבן פון טרעפן א דירה, דערנאך מיטן מסדר זיין די מארגעדז"ש, און דערנאך מיטן זוכה זיין צום דריטן מאל מיט א ברכה משולשת, צו קענען אריינגיין אין דירה. וואס דורכאויס די גאנצע צייט האט ער זוכה געווען צו זען ווי די גרויסע זכות פונעם הייליגן זרע שמשון איז אים בייגעשטאנען, צו געהאלפן ווערן מיט א 'בית מלא טוב', און זוכה געווען צו א ישועה איין מאל נאכן צווייטן בזכות דער גרויסער צדיק און זיין הייליגע הבטחה, זי"ע.

---

**מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר**
**רבנו שמשון חיים נחמני זלה"ה**
**בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו**

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברור המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדען
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120

בס"ד ע"י
מכון הליכות החיים
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

חיי שרה - תולדות | שנת תשפ"ג לפ"ק | גליון תכ"ג

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד
העומד לימיננו במסירות נאמנה לזכות את הרבים

**מוה"ר אברהם הערש זילבער הי"ו**

**לזכות את הרבים בדבר ה' זו הלכה**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו לראות דורות ישרים ומבורכים
מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא, ויזכה להמשיך בפעולותיו המבורכות
להגדיל תורה ולהאדירה מתוך הרחבת הדעת

## ברכי נפשי || הלכות ברכות (ד)

### א ברכה קעגן אַן אויפגעדעקטן טפח אדער האר פון א פרוי

**א]** מען טאר נישט מאכן קיין שום ברכה קעגן אן אויפגעדעקטן טפח ד.ה. אויפגעדעקטע פלעצער פון א פרוי, אפילו פון א גויטע. דערפאר, ווען מען געפינט זיך אין עיראפארט אדער אין א דאקטער'ס אפיס א.ד.ג., און מען דארף זאגן א ברכה, זאל מען לכתחילה זיך ווענקדרייען, און לכל הפחות פארשטעלן די אויגן מיט א סידור א.ד.ג., אדער זאל מען פארמאכן די אויגן.[1]

**ב]** אזוי אויך טאר מען נישט מאכן קיין ברכה ווען עס זענען דא אידישע פרויען מיט אויפגעדעקטע האר, און ביי דעם העלפט אויב מען פארמאכט די אויגן. מען מעג אבער מאכן ברכות קעגן אויפגעדעקטע האר פון גויטעס, וויבאלד עס איז נישט דער סדר עס צוצודעקן.

**ג]** א פרוי מעג מאכן א ברכה קעגן אן אנדערע פרוי'ס האר וואס איז נישט אנגעטון ווי מען דארף.[2]

### מאכן א ברכה בשעת א פרוי זינגט

**ד]** אויך טאר מען נישט מאכן קיין ברכה בשעת מען הערט דאס געזאנג פון א פרוי, אפילו פון א פרוי וואס מען מעג הערן איר געזאנג, ווי א מאמע אדער טאכטער א.ד.ג., ווייל בשעת'ן זאגן א דבר שבקדושה איז דאס אסור.[3]

### מאכן א ברכה ווען ס'איז דא א נישט גוטן ריח

**ה]** אזוי אויך טאר מען נישט מאכן קיין ברכה ווען עס איז דא א שלעכטער ריח, אזוי ווי עס איז די הלכה בשעת'ן דאווענען און לערנען.[4] דערפאר, אויב עס איז דא א קינד אין שטוב וואס עס שפירט זיך פון אים א שלעכטער ריח, טאר מען נישט מאכן דארט קיין שום ברכה. אויב מען שפירט אבער נישט, מעג מען זאגן א ברכה, ווייל וויבאלד דאס קינד איז אנגעטון הייסט עס צוגעדעקט.

**ו]** דאס זעלבע אויב דער בגד וואס דאס קינד טראגט איז נאס געווארן פון מי רגלים, טאר מען נישט מאכן א ברכה קעגן דעם, און אזוי אויך אויב מען האט גענומען א קינד אויפ'ן שויס, און מען איז נאס געווארן, טאר מען נישט מאכן קיין ברכה.[5] עס העלפט אבער אויב מען טרעפט ארויף א פאר טראפנס וואסער.[6]

### ווען מ'וויל יוצא זיין פון אן אנדערן

**ז]** ווי שוין דערמאנט אין פריערדיגן גליון, גייען אן די הלכות אויך ווען מען וויל יוצא זיין א ברכה פון א צווייטן, אז אויב מען שטייט אויף א מקום פון ערוה אדער צואה קען מען נישט יוצא זיין, אפילו אויב דער וואס מאכט די ברכה איז אויף א ריינעם פלאץ.[7]

### צודעקן דעם קאפ בשעת'ן מאכן א ברכה

**ח]** מען טאר נישט מאכן קיין ברכה אן א קאפל אויפ'ן קאפ, אפילו אויב מען איז געהעריג אנגעטון. דערפאר,

## אויף וואס איז דאס שלעגעריי?

עס איז באוואוסט וואס די גמרא דערציילט אין מסכת חולין (נח:), אז רב פפא האט געזאגט צו אביי אז עס איז געווען א "מאסקיטא" וואס זי האט נישט געלעבט צו איר מאן פאר זיבן יאר, האבנדיג א טענה צו אים אז ער האט געטראפן א דיקליכן מענטש פון וועמען מען האט גרינג געקענט צאפן בלוט, און ער האט זיך גוט אנגעזעטיגט פון יענעם און האט איר גארנישט דערציילט דערפון.

די גמרא פרעגט דערויף, אז עס קען דאך נישט זיין, ווייל די סארט מאסקיטא קען נישט לעבן אפילו קיין טאג, און ווי איז דאס מעגליך אז זיי האבן זיבן יאר געפירט א מחלוקת צווישן זיך? ענטפערט די גמרא, אז אוודאי לעבט די פליג טאקע אפילו נישט קיין טאג, נאר דאס וואס עס שטייט אז זיי האבן נישט גערעדט צווישן זיך זיבן יאר מיינט, אז לויט די קורצע צייט וואס זי לעבט און די צייט וואס זיי האבן וועקגעגעבן דערפון צו פירן א מחלוקת, איז דאס געווען ווי זיבן יאר נישט רעדן.

די בעלי מוסר זענען מסביר, אז עס ליגט א טיפן מוסר השכל דערין פאר אונז מענטשן. מיר לעבן דאך אויך נישט אויף אייביג. מיר זענען אראפגעקומען דא אויף דער וועלט ארייננצוכאפן מצוות און מעשים טובים, אבער דער יצר הרע פארגינט אונז נישט און שיקט אונז כסדר אונטער נישטיגע זאכן זיך אנצוכאפן דערין אז עס זאל ווערן א מחלוקת, און אין הימל וואו מחלוקת איז די ערגסטע זאך, און פארקערט, שלום איז די חשוב'סטע זאך, האבן מיר אזא פנים און ווי די מאסקיטא וואס גיט אוועק אזויפיל פון איר צייט אויף נארישע זאכן.

עס דערציילט ר' י.ס.: א איד איז צוגעקומען צו מיר לעצטנס און זיך אויסגערעדט, אז זיין חבר מאכט חתונה און האט אים נישט געשיקט קיין איינלאדונג. עס גלוסט זיך אים נישט צו גיין צו דער חתונה, און בכלל האט ער א שווער הארץ אויפ'ן חבר. וואס איז פשט, אז ער האט פארזען אים צו שיקן א חתונה-בריוול?

האב איך אים געזאגט, איך וועל דיר דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט ביי מיר. ווי א מלמד שוין אסאך יארן פאר אינגלעך אינעם יאר פאר דער בר מצוה, פאר איך מיט זיי אויף די זומער-וואקן אין קעמפ. אויסער'ן אריינברענגען א הנאה אין די קינדער בגשמיות וברוחניות, גיט זיך מיר איין אין אט-די וואכן אויפצוטון אסאך מער מיט זיי. עס איז

1. כמבואר בסי' ע"ה ס"ו דלכתחילה יש להחזיר גופו ופניו ובשעה"ד יש להקל בעצימת עינים או ליתן ספר כנגד עיניו.
2. כמבואר בסי' ע"ה ס"א דדעת הרא"ש להחמיר בזה דטפח מגולה הוא גם לאשה אחרת אבל האחרונים מסכימים עם הרשב"א דשרי עיין מ"ב ח'.
3. כמבואר בס"ג ובנו"כ שם.
4. כמבואר במ"ב סי' קפ"ה דאסור מה"ת לברך שום ברכה נגד צואה דכתיב והיה מחניך קדוש דהיינו שכל דבר קדושה אסור במקום שאינו נקי.
5. אם הוא לח כ"כ שאם אוחז שם יכול ללחלח דבר אחר.
6. דכיון שאין בעין רק רטוב הרבה א"צ רביעית לבטלו ומהני ללחלחו במים, ובשבת שאסור ליתן מים ע"ג יכול לרחוץ ידיו ולנגבם במקום הנרטב ולאח"כ יטול ידיו עוה"פ כמבואר בסי' ש"ב ס"י.
7. דאף באופנים שהרהור מותר דכיון שומע כעונה הוא כמו שהשומע אומר הברכה.
8. כמבואר בסי' צ"א ס"ד, ואם אחד מניח ידו על ראשו מהני אפי' בידו לבד דנחשב כיסוי לאדם אחר.
9. בין אם בירך

אויב מען איז אויפגעשטאנען אינמיטן נאכט און מ'דארף מאכן אשר יצר א.ד.ג., און מען טרעפט נישט דעם קאפל און מען האט נישט דעם הוט, זאל מען ליגן א האנטוך אדער בגד אויפ'ן קאפ, אדער זאל מען לייגן די האנט מיט'ן ארבל אויפ'ן קאפ, און אזוי מאכן די ברכה, אבער די האנט אליין איז נישט גענוג[8]. בדיעבד, אויב מען האט געמאכט א ברכה און דער קאפ איז געווען אויפגעדעקט, האט מען יוצא געווען.[9]

### אנכאפן מיט דער רעכטער האנט

**ט]** בשעת'ן מאכן א ברכת הנהנין, דארף מען לכתחלה אנכאפן דעם מאכל אדער געטראנק מיט דער רעכטער האנט (א חוץ ווען מען מאכט "המוציא", וואס מען דארף אנכאפן דאס ברויט מיט ביידע הענט, ווייל די צען פינגערס זענען מרמז אויף די צען מצוות וואס מען איז מקיים ביי ברויט). אויב ס'איז א מאכל אדער געטראנק וואס עס איז נישט דער סדר אנצוכאפן מיט דער האנט, זאל מען אנכאפן דעם לעפל אדער גאפל אד"ג.

**י]** דערפאר, ווען מען מאכט די ברכה אויף די בשמים מוצאי שבת ביי הבדלה, דארף מען אראפלייגן דעם כוס און אנכאפן די בשמים מיט דער רעכטער האנט.

**יא]** אזוי אויך ווען מען מאכט ברכות המצוות, ווי לולב, טלית ותפילין, קביעת מזוזה, הדלקת הנרות, א.ד.ג., דארף מען עס אנכאפן מיט דער רעכטער האנט.[10]

**יב]** א געלינקטער, זענען דא וואס האלטן אז ער זאל אנכאפן די מצוה-זאך אין דער לינקער האנט, וואס דאס איז זיין רעכטע האנט, אבער אנדערע פוסקים האלטן אז ער זאל עס אנכאפן מיט דער רעכטער האנט אזוי ווי יעדער, און אזוי איז דער מנהג.[11]

### נישט אנכאפן מיט הענטשקעס

**יג]** מען זאל נישט אנכאפן די מצוה-זאך אדער מאכל מיט הענטשקעס ווען מען מאכט די ברכה, צוליב כבוד הברכה.

### ווען דער וואס איז מוציא האט געמאכט א טעות

**יד]** אויב איינער האט געוואלט יוצא זיין פון איינעם א ברכה און יענער האט זיך טועה געווען און געזאגט א ברכה וואס מען איז יוצא נאר בדיעבד (צ.ב.ש. אויב ער האט געמאכט 'האדמה' אויף א פרוכט וואס מ'דארף מאכן 'העץ'), קען ער מאכן די ברכה אליין.[12]

ואח"כ הבחין שראשו היה מגולה ובין אם ידע וכמבואר בפרימ"ג בפתיחה ובערוה"ש.

10. כמבואר בסי' ר"ו ס"ד ובמ"ב דטעם האחיזה כדי שיכוון לבו על מה שהוא מברך, ולענין ברכת הנהנין, והא דצריך לאחוז בימינו משום חשיבות.

11. דדעת המ"א וברע"א דאזלינן בתר ימין דידיה, ובכה"ח אות ל' דע"פ קבלה צריך לאוחזו בימין דעלמא וכש"כ עמא דבר.

12. כמבואר בפרימ"ג דיכול לומר לתקוני שדרתיך ולא לעוותי.

לערנערס שרייבן...

עתה ידעתי!

פילע הלכות וואס מיר דערוויסן זיך דורכן לערנען 3 הלכות אויף למעשה ביי יעדער שבת-סעודה



### שמירת שבת כהלכה - יסוד פון דער גאנצער תורה

מיר זעען אין די פסוקים (ירמי' יז, כא-כז) אז ירמיהו הנביא האט מחמיר געווען אין מצות שבת, און ער האט קלאר געזאגט אז כאטש עס איז ארויס א גזירה אין הימל אז ירושלים זאל חרוב ווערן, אבער אויב אידן וועלן ווידער אנהייבן היטן שבת ווי עס דארף צו זיין, וועלן זיי בלייבן אין ירושלים און נישט פארטריבן ווערן.

כאטש עס זענען געווען אויך אנדערע עבירות, און אפילו דער חטא פון עבודה זרה ר"ל, איז אבער געקומען די ווארענונג פון דעם נביא אויף שמירת שבת, וואס איז אן עיקר גדול אין אמונה אין אויבערשטן, אין חידוש העולם און אמונה באותות ובמופתים און אין דעם איז געוואנדן קיום כל התורה. און ווער עס היט שבת באמונה ישרה, וועט נישט שנעל זינדיגן אין אנדערע מצוות. אויך האבן חז"ל געזאגט (שבת קיח) אז יעדער וואס היט שבת כהלכה, אפילו ער איז עובד עבודה זרה ווי דור אנוש, איז מען אים מוחל, ווי עס שטייט "אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שומר שבת מחללו" - "מחול לו", אלע עבירות ווערן פארגעבן אין זכות פון שמירת שבת כדת וכדין. די ערשטע מצוה וואס אידן זענען באפוילן געווארן פאר מתן תורה, איז געווען שבת.

מיר זעען ווי גרויס עס איז שמירת שבת, אז דער נביא איז תולה דעם חורבן ירושלים אין שמירת שבת. ויהי רצון, אז בזכות שמירת שבת כהלכה זאלן מיר שוין אויסגעלייזט ווערן און זוכה זיין צו בנין בית שלישי השתא בעגלא ובזמן קריב. (רד"ק)

"זמירות שלחן השבת" אנטהאלט רוב שכיח'דיגע הלכות שבת לויט דער היינטיגער מציאות, קורץ, קלאר און מסודר צו קענען לערנען מיט דער משפחה ביי די שבת סעודות!

כאפט אייך מיט, מיט די טויזנטער אידן וועלכע זענען קובע צו לערנען הלכה למעשה אין "זמירות שלחן השבת" יעדע שבת-סעודה, אינאיינעם מיט זייער משפחה!
צו באשטעלן מערערע דערפון - ביטע רופט 845-659-1547

דא אין זיי א געוויסע פריוויליגקייט און לייכטקייט, און איך שפיר דאן א באזונדערע סייעתא דשמיא.

אין איינע פון די יארן, די לעצטע וואך וואס איך האב געדארפט פארברענגען מיט די קינדער אין קעמפ, האב איך ווי אן אקטיוויטעט זיי אלע געגעבן, אז היות זיי גרייטן זיך אלע שוין אט-אט בעזה"י צו דער בר מצוה, ווייל איך קומען זיך מיטפרייען מיט זיי און זיי ווינטשן מזל טוב. איך האב זיי געגעבן א ליידיגן ענוועלאפ, ארויפגעשריבן מיין אדרעס און שוין ארויפגעלייגט א סטעמפ אויך, און איך האב געבעטן זיי זאלן אלע געדענקען ארייניצוליגן א געדרוקטע אדער געשריבענע איינלאדונג צו זייער בר מצוה, און איך וועל בעז"ה זיך שטארק משתדל זיין צו קומען צו זייער שמחה. און זיי האבן טאקע אזוי געטון.

אבער נישט אלע פון זיי. איין בחור האט מיר נישט געגעבן. ארופן צו זיין בר מצוה, און איך מוז זאגן אז ווען איך האב געהערט אז ער האט בר מצוה געהאט, האט עס מיר געשטערט, ווייל דער איינער איז געווען א קינד וואס איך האב דאס מערסטע אריינגעלייגט אין אים, ממש בלב ונפש, אויף אן אופן וואס איך קען גארנישט דערציילן. איך האב איינגעהאלטן די געפילן אין מיר, און ווען איך האב געטראפן אים מיט זיין טאטן, האב איך זיי ווארעם אנגעוואונטשן. דער טאטע האט מיר געזאגט, אז מען האט שטארק געווארט אז איך זאל קומען. איך האב גארנישט געענטפערט אז איך האב געווארט אויף דער איינלאדונג און עס איז קיינמאל נישט אנגעקומען, נאר איך האב געזאגט, אז אם ירצה ה', ביי אנדערע שמחות און געלעגנהייטן האף איך זיך צו באטייליגן.

עס זענען אריבער צוויי יאר פון דער שמחה, און איין טאג - דאס איז געווען אין די ערב-פסח טעג - רופט אן צו מיר א מגיד שיעור אין ישיבה און זאגט אז ער דארף זיך אנטשולדיגן פאר מיר. וואס האט פאסירט? דערציילט ער מיר, אז ער האט היינט פסח'דיג געמאכט זיין גמרא, און ער טרעפט דארט אן איינלאדונג וואס א געוועזענער תלמיד מיינער האט אים געהאט איבערגעגעבן פאר זיין בר מצוה. ער געדענקט, זאגט ער מיר, אז ער איז געשטאנען אויף דער גאס ווען א בחור'ל איז ווארשיינליך צוגעקומען און אים געגעבן די הזמנה אז ער זאל עס מיר איבערגעבן. אן אנדערער בחור, זיינער א תלמיד, איז פונקט דאן צוגעקומען און אים אויפגעהאלטן, און דערנאך בין איך שוין נישט דארט געווען, האט ער עס אריינגעלייגט אין א גמרא, און דערמיט האט זיך עס געענדיגט. יעצט האט ער דאס געטראפן ליגן אין דער גמרא...

ער האט מיר צוגעשיקט דאס איינלאדונג-בריוול, אין וועלכן דער בר-מצוה בחור האט געהאט צוגעשריבן גאר-ווארעמע ווערטער. דאס איז מיר געווען א לעקציע דן צו זיין א צווייטן לכף זכות. סיי איך האב געקענט זיין באליידיגט אז ער האט

**הפצת הגליון נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
העומד לימיננו במסירות נאמנה לזכות את הרבים
מוה"ר **יחזקאל שרגא** ברי"י **לונגער** הי"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט

יהי רצון שיזכה לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

**מכתב מהגאון הגדול מגדולי הפוסקים הרה"ג ר' ישראל דוד הארפענעס שליט"א,**
**אב"ד ישראל והזמנים, ומח"ס שו"ת נשמת השבת, ויברך דוד, ועוד.**

# די ברכה אויף ׳מזונות׳ ראלס און ברויטן - תשפ"ג

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט, ובראשם ידידי הגאון רבי הערשל ראזענפעלד שליט"א דמשלחן גבוה קזכי לזכות הרבים ופסקיו מתקבלין בבי מדרשא.

עס איז געשטאנען לעצטנס אינעם גליון די הלכות פון ברכות הנהנין. מאכן ברכות כהלכתן איז פון די וויכטיגסטע יסודות, ווי חז"ל זאגן, אז פאר מען מאכט די ברכה געהערט אלעס צום רבוש"ע און מען טאר נישט קיין הנאה האבן פונעם עסן, און ערשט נאכ׳ן מאכן א ברכה גיט דער רבוש"ע איבער צו אונז דאס עסן פון זיין רשות. ווען מען מאכט ברכות הנהנין ווי עס דארף צו זיין, ברענגט דאס אראפ די שפע פאר דער גאנצער בריאה.

<u>**היוקר יאמיר**</u>

מיר לעבן יעצט אין א צייט פון "היוקר יאמיר". מען הערט כסדר פון טייערע אידן וואס ארבעטן שווער על המחי׳ ועל הכלכלה פון צופרי ביז ביינאכט און קענען פשוט נישט דעקן די טעגליכע הוצאות. מיר אליין האבן געהערט פון אסאך אידן וואס זענען מקיים "יצא אדם לפעלו" און ארבעטן בנאמנות צו פארדינען כדי מחייתם, און ווען עס קומט יום טוב - ווער רעדט נאך אין א צייט פון חתונה מאכן - דארף מען פשוט צוזאמענשטעלן געלט אז זיי זאלן קענען אנגיין.

עס איז א צייט זיך מתבונן צו זיין אין א פרט וואס איז שטארק נוגע צו ברכות הנהנין, וואס ממש רבים נכשלים בה בלא יודעים, און דאס איז בנוגע מצות נטילת ידים און ברכת המזון. דאס זענעןביידע מצוות וואס ברענגען די שפע, ווי חז"ל זאגן אז אויב מען איז מזלזל אין נטילת ידים ברענגט דאס עניות, חס ושלום. אויך איז ידוע אז די מצוה פון ברכת המזון עפנט אויף דעם שער המזון און ברענגט אראפ א השפעה פאר דער גאנצער וועלט.

אט-די צוויי מצוות, וואס זענען פול מיט גוטע סגולות, נישט נאר אויף פרנסה בהרחבה, נאר אויף בני חיי ומזוני, זענען ליידער גאר וואקלדיג ביי כלל ישראל, מחמת חסרון ידיעה, דורכדעם וואס עס איז געווארן די געוואוינהייט צו עסן א.ג. "מזונות ברויט", "ראָלס" און "סענדוויטשעס", און ס׳קומען ארויס דערפון גרויסע מכשולות אינעם הארבן חיוב פון "נטילת ידים", און אין דער מצות עשה דאורייתא פון "ברכת המזון", ווי ס׳וועט בעז"ה ערקלערט ווערן; און אומווילנדיג כאפט מען זיך נישט אז עס פעלט די צוויי שליסלען פאר אונזער השפעה.

איך וויל אויסניצן דעם כח הרבים און סייעתא דשמיא וואס באגלייט דעם גליון און אויסשמועסן עטליכע שאלות וואס מענטשן פרעגן אן כסדר בנוגע די הלכות, אויף וואספארא סארט ברויט מען דארף זיך וואשן און בענטשן געהעריג, און וויפיל מען דארף עסן צו ווערן מחוייב צו בענטשן. און אז אידן וועלן זיך מחזק זיין, וועט בעז"ה אראפקומען א השפעה פאר יעדן איינעם.

## ברויט וואס ווערט כהיום פארקויפט דאס מערסטע

דאס ברויט וואס פארקויפט זיך היינט דאס מערסטע, און אזוי אויך זעמל (ראלס) דא ביי אונז אין חוץ לארץ, איז אנגענומען ביים המון עם, אז מען מאכט דערויף "בורא מיני מזונות", און אז די נאך-ברכה דערויף איז "על המחי'".

ווען מען קוקט אריין אין דער הלכה און אין די פוסקים, שטעלט זיך ארויס מיט א פשטות אז **די ריכטיגע ברכה אויף די אלע "מזונות ברויט" ראלס איז "המוציא", אפילו ווען מען עסט נאר ממש א קליין ביסל דערפון, און אויב מען עסט א כביצה דארף מען זיך וואשן דערויף און מאכן "על נטילת ידים"** (אזוי ווי ביים עסן חלה א.ד.ג.) **און בענטשן ברכת המזון.** און דאס איז אפילו ביי די בעקערייען וואס לייגן אריין אינעם טייג צוויי-דריטל מי-פירות, צי מער אפילו, און עס איז עס נאך אלץ "המוציא" גמור, פונקט ווי געהעריגע ברויט. (און דאס אלעס האט גארנישט צו טון מיט די הלכות פון "קביעות סעודה", וואס איז נוגע נאר ביי א זאך וואס איז "מזונות", ווי "פת הבאה בכיסנין", צ.ב.ש. מזונות-קיכלעך, לעקעך, אד"ג.)

## פארוואס זענען אלע א.ג. "מזונות"-זאכן באמת "המוציא"

אז מען זאל פארשטיין פארוואס עס איז "המוציא", אפילו ווען מען לייגט אריין מי פירות, דארף מען וויסן דעם יסוד וואס דער "בית יוסף" (או"ח סי' קסח, אות ז) שרייבט, אז דאס וואס מען דארף נישט בענטשן ברכת המזון אויף "פת הבאה בכיסנין", איז ווייל מען האט נישט מחייב געווען זיך צו וואשן און בענטשן, נאר אויף אזעלכע ברויט וואס דער סדר איז אז מען איז קובע סעודה דערויף. דער "שולחן ערוך הרב" (או"ח קסח, ח) איז עס מסביר מער, אז "מען האט נישט מחייב געווען נטילת ידים און ברכת 'המוציא' (וואס מען האט מתקן געווען אויף ברויט אלס חשיבות), נאר אויף ברויט וואס איז געמאכט 'אונטערצולעגנען דאס הארץ', אבער נישט אויף 'פת הבא בכיסנין', **וואס עס איז נישט דער דרך העולם קובע סעודה צו זיין דערויף**". און אזוי זעט מען אין די פוסקים דעם יסוד, אז אפילו ברויט וואס עס ליגט דערין מי פירות וכו', אבער אויב דער מציאות איז אז אויף דעם סארט ברויט איז מען קובע סעודה, האט עס א הלכה לגמרי ווי "המוציא", לגבי "על נטילת ידים", ברכת "המוציא" און ברכת המזון.

## וואס דער חיד"א שרייבט לגבי ׳מצה עשירה׳

נאך מער זעט מען אינעם חיד"א, וואס ער שרייבט ("מורה באצבע" סי' ז', אות רטו), אז פסח וואס מען עסט "מצה עשירה" (וואס באשטייט כל-כולו פון מי פירות), וויבאלד דאס איז פסח דער געהעריגער לחם וואס א מענטש עסט און עס איז דער סדר אין די ימי הפסח צו קובע סעודה זיין דערויף, זאל ער נישט עסן דערפון **אפילו א קליינעם שיעור** אן זיך וואשן און בענטשן דערויף, (כאטש א גאנץ יאר איז נישט דער סדר קובע סעודה צו זיין דערויף).

## דער מציאות אין שנת תשפ"ג

נאכדעם וואס מען ווייסט שוין די הלכה לויט׳ן שולחן ערוך און די פוסקים, איז לאמיר זען וואס עס איז דער מציאות היינט, תשפ"ג. דער פאקט איז, ווי יעדער ווייסט, אז רוב רובם פון די מענטשן וואשן זיך נישט משבת לשבת. זיי בלייבן דאך אבער נישט הונגעריג, איז וואס דען טוען זיי? זיי עסן טעגליך, צומאל עטליכע מאל א טאג, "מזונות ברויט", ראָלס. עס איז א פאקט, אז דאס ברויט וואס גייט דאס מערסטע אין די געשעפטן און די בעקערייען דורכאויס אלע זעקס טעג פון דער וואך, איז דאס "מזונות ברויט". דאס איז אויך וואס גייט אין די פלעצער וואו מען עסט פרישטאג, לאנטש און נאכטמאל; רעסטוראנטן א.ד.ג. באנוצן זיך בדרך-כלל נישט מיט קיין "המוציא". דער המון עם זוכט בדרך-כלל נישט אינמיטן וואך קיין "המוציא".

אלע געשעפטן וואס פארקויפן ברויט - "מזונות" און "המוציא" - וועלן מודה זיין, אז דער "המוציא" גייט אסאך שוואכער ווי די "מזונות". א קינד, וואס די מאמע שיקט אים קויפן ברויט (אין שטיבער וואו מ׳מאכט "בורא מיני מזונות" אויף "מזונות ברויט"), ווייסט זיך נישט טועה צו זיין און קויפן "המוציא" אנשטאט "מזונות", ווייל ער וועט דארפן צוריקגיין אין געשעפט עס אויפטוישן.

די שענסטע מסיבות היינט (ווען די פראגראם איז נישט דווקא זיך צו וואשן און בענטשן) ווערן געפראוועט אויף אט-דעם ברויט. ביי פרויען-פארטיס, צום ביישפיל, וואו מען זיצט צוזאמען אפילו עטליכע שעה, און אזוי אויך ווען חברים, שותפים א.ד.ג. זעצן זיך צוזאמען איבערצושמועסן א ביזנעס-ענין א.ד.ג., און מען סערווירט דארט א פארשפייז און א נאכשפייז כסעודת שלמה בשעתו, איז דאס ברויט אדער ראלס וואס מען גיט דארט בדרך-כלל "מזונות ברויט".

עס האט געזאגט א איד וואס פירט אן א בעקעריי, אז די איינציגע גרעסערע באשטעלונגען פון "המוציא"-בולקעס א.ד.ג. אינמיטן וואך, זענען פאר א יארצייט-סעודה (און אזוי אויך פאר די מוסדות התורה וואו די קינדער ווערן אויפגעפאדערט זיך צו וואשן און בענטשן), אדער סעודות ברית און שבע ברכות, (וואס דאן וויל מען בענטשן בזימון וכו'). און אפילו ביי שבע-ברכות'ן און סעודות ברית איז שוין נישט קיין זעלטענעם ערשיינונג אז מען זאל באשטעלן "מזונות" פאר פרויען. דאס איז דער פאקטישער מציאות כהיום, ווען רובא דרובא מענטשן זוכן צו אויסמיידן נטילת ידים און ברכת המזון אין די וואכן-טעג.

ממילא, וויבאלד דאס איז דער מין ברויט וואס עס איז דער סדר קובע סעודה צו זיין דערויף, קומט אויס מיט א פשטות אז די הלכה איז, אז סיי "מזונות ברויט" און "סיי מזונות ראלס" זענען באמת "המוציא" (וואס מען דארף זיך וואשן דערויף און בענטשן) אפילו אויב מען עסט נאר אביסל דערפון.

## דעת הגדולים והפוסקים

היות דאס איז א חידוש ביי מענטשן - נישט דווקא מצד ההלכה, נאר פשוט ווייל עס איז אנדערש ווי דער געוועגליכער הנהגה - וואס ווייסן נישט דערפון, און זיי מאכן די ברכה "מזונות", פארפעלנדיג נטילת ידים און ברכת המזון, ווען מיר צוברענגען די ווערטער פונעם פוסק הדור, הגאון הגדול בעל "שבט הלוי" זצ"ל אין לעצטן חלק פון זיינע תשובות (שבט הלוי חלק י"א סי' מ"ז), וואס ער שרייבט דארט צווישן אנדערן:

*"...די דאזיגע 'מזונות'-ברויטן ווערן געגעסן היינט צו-טאגס דורך צענדליגער טויזנטער מענטשן צופרי און ביינאכט, מיט פלייש און ירקות און אלע צוגעהערן פון א סעודה, פונקט ווי עס איז דער דרך מיט 'המוציא'-ברויט, און די כוונה דערפון איז איין זאך, צו שפארן נטילת ידים און ברכת המזון, ווען ביי אזא סארט ברויט, וואס דער דרך העולם איז אז מען איז קובע סעודה דערויף,* ***איז מען מחוייב מן הדין צו מאכן 'המוציא' אפילו אויב מען עסט נאר אביסל. און עס איז נישטא קיין גרעסערער זלזול אין מצות נטילת ידים און ברכת המזון ווי דאס..."***

*ער איז ממשיך דארט: "איך האב דאס אליין געזען מיט די אויגן, אז מען זעצט זיך צו גרויסע סעודות אָן נטילת ידים און 'המוציא'. מען עסט דארט אזעלכע ברויט, וואס ווען נישט דאס צעטל דערויף אז עס איז 'מזונות', דערקענט מען כמעט נישט אז עס איז 'מזונות', און די גאנצע כוונה איז נאר כדי אז די מאסן זאלן זיך קענען פטר'ן פון נטילת ידים און 'המוציא', בעת מען באנוצט זיך דערמיט אנשטאט ברויט ממש ...* ***אויך איז עס נישט גענוג זיס****, כאטש מען לייגט אריין דערין אסאך מי פירות ...* ***דאס הארץ ווייסט באמת, אז די אלע תחבולות וועלן נישט טוישן גארנישט פונעם אמת פון דער הלכה****, און מען מאכט א געוואלדיגן מכשול פאר'ן רבים צושטעלנדיג אזעלכע ברויט". ע"כ פון די ווערטער פון הגאון הגדול דער בעל שבט הלוי זצ"ל אינעם לעצטן חלק פון זיינע תשובות סי' מ"ז.

אזוי ווערט געברענגט אויך אינעם ספר "ארחות רבינו" פונעם "קהלות יעקב" זצ"ל: "אויף א פלאץ וואס די חלות וואס מען באקט דארט זענען (אפילו גאר זיס, אבער אויב איז דער דרך אז מען עסט עס בתורת לחם, איז די הלכה ווי לחם ממש, אז מען מאכט דערויף 'המוציא', **אפילו אויב מען עסט נאר אביסל און אָן קיין קביעות סעודה**". ע"כ.

איז דאך א כל-שכן היינטיגע צייטן, ווען עס איז נאך מער דער דרך העולם ווי ווען אמאל, קובע סעודה צו זיין דערויף (און עס איז נישט אזוי זיס), דארף מען אוודאי מאכן דערויף "המוציא" אפילו אויף א קליין ביסל, און בענטשן ברכת המזון ווען מ'עסט א כזית - און דאס וואס מ'מאכט "מזונות" אויף די א.ג. "מזונות ברויט", קומט עס לענ"ד פון א חסרון ידיעה אינעם מציאות, וויפיל דאס "מזונות ברויט" האט איבערגענומען דאס "המוציא"-ברויט.

## סך הכל לענ"ד להלכה למעשה

**סך-הכל וואס ס'קומט אונז אויס למעשה:** דאס "מזונות ברויט", ראלס, א.א.וו., וואס מען פארקויפט אין די געשעפטן - ווייס-מעל, אדער "האָל וויט" - איז לפי דעת גדולי הפוסקים בזמננו, באמת נישט קיין "מזונות", נאר "המוציא" ממש, וויבאלד די בעקערייען מאכן עס געשמאק, אז עס זאל זיך עסן געשמאק ווי א ברויט, נישט ווי קיין נאש, אדער ווי שטיקל לעקעך, א.ד.ג., און דערפאר איז געווארן דער דרך העולם אז מען איז קובע סעודה געהעריג דערויף; און מען דארף זיך וואשן דערויף און מאכן "על נטילת ידים" (ווען מען עסט א כביצה), ברכת "המוציא" (אפילו אויף א קליין שטיקל), און בענטשן ברכת המזון (אויף א כזית).

נאכמער: ווען איינער גיט אכטונג טאקע צו עסן דאס ברויט כהלכה מיט "נטילת ידים" און "ברכת המזון", איז לענ"ד נישטא קיין הידור אז ער זאל ענדערש מאכן "המוציא" אויף א געהעריג שטיקל חלה (וואס האט בכלל נישט קיין מי פירות אין זיך), וויילביידע זענען פונקט אזוי "המוציא", און עס איז נישטא צווישן זיי קיין חילוק.

מיר האבן געשריבן א תשובה דערויף באריכות פאר די וואס ווילן דורכטון דעם ענין, און מיר האבן געברענגט דערצו פילצאליגע מראי מקומות. (מען קען ארויסנעמען אונזער תשובה אויפ'ן פאקס-נומער **845-560-0200** און מען קען אונז אריינשיקן אויפ'ן פאקס הערות אויף דעם בריוו.)

## א ווארט פאר די וואס נטילת ידים וברכת המזון קומט זיי אן שווער

צום שלוס: עס זענען דא אסאך - בפרט פרויען וואס איילן זיך צו דער ארבעט, אדער זענען פארנומען מיט די קינדער - וואס טענה'ן אז זיי זעען זיך נישט ארום מיט קיין צייט זיך צו וואשן צו "המוציא" און בענטשן ברכת המזון יעדן טאג.

עס איז באוואוסט פונעם הייליגן בארדיטשוב'ער זי"ע, אז ער האט געזען א אינגערמאן אפכאפן דאס דאוונען און האט אים געפרעגט וואו ער לויפט, האט דער אינגערמאן געזאגט אז ער לויפט מאכן פרנסה. האט דער הייליגער בארדיטשוב'ער אים געפרעגט, "ווער זאגט דיר, אז דו לויפסט צו דיין פרנסה, אפשר לויפסטו אוועק דערפון?..."

הנוגע לענינינו, ווען מ'עסט ברויט וואס מ'דארף דערויף ע"פ הלכה זיך וואשן און בענטשן, און מ'טוט נישט אזוי, לויפט מען אוועק פונעם שפע - און פארקערט ווען מ'גיבט אכטונג זיך צו וואשן כהלכה און בענטשן, די פאר מינוט א טאג צו בענטשן איז וואס ברענגט די שפע פאר'ן טאג. עס איז א ברכה צו פארדינען געלט; א ברכה אז דאס געלט זאל האבן אין זיך א סימן ברכה.

## די מערסט-קראנטע סגולה

די נשים צדקניות זאלן זיך אויך מתבונן זיין דערין: וואלט זי ווען געהערט פון א חבר'טע וואס האט מצליח געווען מיט די קינדער ווייל זי האט געטון די און די סגולה, וואלט זי זיך צוגעכאפט נאכצוטון די סגולה און עס דערציילט ווייטער פאר אנדערע, נישט קיין חילוק ווי מקורות'דיג עס איז די סגולה; און אויב וואלט עס גענומען צייט, וואלט מען געטראפן צייט אויך אויף דעם, וויסנדיג די פארדינסטן וואס עס ברענגט.

איז דאך א כל-שכן וכל-שכן אט-די הייליגע מצוות פון נטילת ידים, וואס עס ברענגט אריכות ימים און עשירות, און ברכת המזון, וואס ברענגט הצלחה מיט די קינדער, עשירות, א לעבן אָן ווייטאגן. עס איז דא די הבטחה פונעם "ספר החינוך", אז דער וואס בענטשט מיט כוונה איז פארזיכערט אז עס וועט אים קיינמאל נישט פעלן קיין פרנסה. צי לוינט זיך נישט אוועקצוגעבן דערפאר די דאזיגע פאר מינוט?

## זיך אויסבעטן ביי די "הרחמנ'ס"

דער "חזון איש" זצ"ל שרייבט אויף א פלאץ, אז ביים סוף פון ברכת המזון בעט מען אסאך "הרחמנ'ס". ווי קומט דאס אלץ אריין בשעת'ן בענטשן? נאר, זאגט דער חזון איש, מען האט נאר-וואס מקיים געווען אזא געוואלדיגע מצות עשה מן התורה פון ברכת המזון - ניצט מען אויס די געלעגנהייט מתפלל צו זיין צום רבוש"ע און זיך אויסבעטן אלע בקשות.

אז אידן זענען זיך מחזק אין דער הייליגער מצוה פון נטילת ידים און ברכת המזון, זאל מען טאקע אויסניצן דעם שעת הכושר און זיך אויסבעטן יעדן טאג בשעת'ן בענטשן אלע בקשות, בני חיי ומזוני רויחי, ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.

ידידכם, ישראל דוד הארפענעס
אב"ד ישראל והזמנים

* מאמר זה מעובד מתוך מכתב ארוך בלשון הקודש ששלח לנו הרב הגאון שליט"א וע"פ בקשתו תרגמנו את המכתב באידיש בלשון קצרה בלי המראי מקומות בכדי שיהא מובן לכל לומדי הגליון.

# מורא מקדש | הלכות תפילה וכבוד בית המדרש


## מדור "מורא מקדש" נתנדב

לכבודו של ידידנו הדגול **מוה"ר אברהם שלמה ראזנפעלד הי"ו** יו"ר מכון "הליכות החיים"
לרגל השמחה במעונו באירוסי **בתו הכלה החשובה** תחי' למז"ט - עב"ג החתן המצויין כמר **משה** ני"ו
בן מוה"ר **חנניא יו"ט ליפא קליין** הי"ו, יו"ר מערכת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים

אשרי חלקו דזכי ליה משמיא, אשר על ידו מתעוררים רבבות מאחב"י על קדושת בית המדרש,
בגליונות "הליכות החיים" - וגם בגליונות "נקדישך" היו"ל על ידינו, אשר ידיו רב לו בעצה ותושיה

זכותו הקדוש של התוספות יום טוב זי"ע יעמוד בעדו שיתקיים בו: **וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת בָּנִים חַיִּים וְקַיָּמִים וִיגַדְּלֵם לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה**
**וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים וְיַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֵינוּ תָּמִיד בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים וְנֹאמַר אָמֵן**
המברכים בהוקרה: **הנהלת "קרן תוספות יום טוב"**


## עניני תפילת שמונה עשרה (א)

מען דאוונט דריי מאל א טאג תפלת שמונה עשרה, קעגן די קרבנות וואס מען האט מקריב געווען טעגליך אין בית המקדש. תפלת שחרית און מנחה זענען קעגן דעם תמיד של שחר און תמיד של בין הערבים, און תפלת מעריב איז קעגן די אברים און "פדרים" פון די קרבנות וואס מען האט געקענט פארברענען אויפ'ן מזבח א גאנצע נאכט (נאכ'ן שפריצן דאס בלוט פאר עס איז געווארן נאכט).

### תפלה איז נאך מער ווי א קרבן

דער "רבינו יונה" אין אבות שרייבט: "השי"ת האט אויסגעוועלט אידן פון די אנדערע פעלקער, ארץ ישראל פון אלע לענדער, און ציון פון ירושלים, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קלב) "כִּי בָחַר ה' בְּצִיּוֹן אִוָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ", און פון אלעם האט ער אויסגעוועלט דאס בית המקדש, צוליב דער עבודה, וואס עס שטייט ביי דעם "רצון", ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא א) "לִרְצֹנוֹ לִפְנֵי ה'".

קומט אויס, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב דער עבודה, וואס דאס האבן מיר פארלוירן ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב אונזערע זינד, און די עבודה איז בטל געווארן. און די תפלה יעצט, ווען דאס בית המקדש איז חרוב, איז אנשטאט דער עבודה אין בית המקדש, ווי חז"ל זאגן, "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם" - דאס איז תפלה וואס איז אן "עבודה שבלב".

און דאס זאגט דער פסוק (תהלים נא), "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח". דוד המלך האט געזאגט פאר'ן רבוש"ע נאכ'ן חטא פון בת שבע, "כִּי לֹא תַחְפֹּץ זֶבַח וְאֶתֵּנָה עוֹלָה לֹא תִרְצֶה" - רבוש"ע! איך קען דאך נישט ברענגען פאר דיר קיין קרבן וואס זאל מכפר זיין אויף דער עבירה, וויבאלד עס איז געווען במזיד. דערפאר בעט איך, "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח", עפן מיינע ליפן, אז איך זאל קענען דאוונען פאר דיר, וואס דאס איז אנשטאט קרבנות, און אזוי וועט דער חטא פארגעבן ווערן.

### די אבות האבן מתקן געווען די תפלות

די אבות האבן מתקן געווען די תפלות. תפלת שחרית האט אברהם אבינו מתקן געווען, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית יט, כז), "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר עָמַד שָׁם" - "עמידה" מיינט תפלה. תפלת מנחה האט יצחק אבינו מתקן געווען, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כד, סג), "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה" - "שיחה" מיינט תפלה. תפלת מעריב האט יעקב אבינו מתקן געווען, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כח, יא), "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" - "פגיעה" איז א לשון פון תפלה.

### דער לשון "תפלה"

דער "אבודרהם" ברענגט, אז דערפאר ווערט עס אנגערופן "תפלה", פונעם לשון וואס שטייט (ישעי' כח, ז) "פָּקוּ פְּלִילִיָּה" וואס דער ענין דערפון איז דין און משפט, און דער טעם איז ווייל דער וואס איז מתפלל בעט ביים אויבערשטן אז ער זאל נישט קוקן אויף די שלעכטע מעשים וואס ער האט געטון, נאר טראץ דעם זאל ער אים משפט'ן מיט רחמנות, ווי דער נביא זאגט (ירמיה י, כד) "יַסְּרֵנִי ה' אַךְ בְּמִשְׁפָּט אַל בְּאַפְּךָ פֶּן תַּמְעִטֵנִי".

### "שמונה עשרה" צוליב אכצן ברכות

דערפאר הייסט די תפלה "שמונה עשרה", וויבאלד עס באשטייט פון אכצן ברכות, וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען. שפעטער איז צוגעלייגט געווארן אויך די ברכה "ולמלשינים", אין די צייטן פון רבן גמליאל, ווען עס האבן זיך פארמערט די מינים וואס האבן פרובירט צורעדן אידישע קינדער זיך אוועקצוקערן פונעם אויבערשטן. רבן גמליאל און זיין בית דין האבן איינגעזען אז דאס - צו מבטל זיין די מינין ואפיקורסים - איז דאס וויכטיגסטע געברויך פון מענטשן, נאך מער ווי אלע אנדערע באדערפענישן אויף וועלכע מען בעט אין שמונה עשרה, און זיי האבן דעמאלט מתקן געווען די ברכה, וואס איז א בקשה אז די מינים זאלן פארלוירן גיין און נישט קענען שטערן אידן זיך צו פירן אויפ'ן וועג פון דער תורה הקדושה.

### שמונה עשרה אין א פשוט'ע שפראך

די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען שמונה עשרה אין א פשוט'ע שפראך וואס איז גרינג צו פארשטיין פאר יעדן, כדי די מחשבות זאלן נישט צעמישט ווערן בשעת'ן דאוונען, און כדי אז אלע אידן זאלן זיך פילן גלייך דערין, סיי קלוגע און סיי נישט קלוגע. (רבינו בחיי)

מיך נישט איינגעלאדן, און סיי דער בחור וואלט געקענט זיין פונקט אזוי באליידיגט אז ער האט מיר ספעציעל געשיקט אן איינלאדונג און אזוי שיין צוגעשריבן און איז ספעציעל געקומען צו מיין ישיבה עס מיר איבערגעבן, און פונקט צו זיין בר מצוה האב איך זיך נישט מטריח געווען צו קומען כאטש ער איז געווען אזוי נאענט צו מיר...

זאג איך פאר דעם איד וואס איז געקומען זיך אויסרעדן צו מיר וועגן דעם חתונה-בריוול: ווילסט זוכה זיין משמח צו זיין חתן-כלה און מחותנים-ידידים? גיי, כאפ אריין די גרויסע זכותים, און לאז זיך נישט פון קיין נארישע "פאליטישע" מחשבות. יא געשיקט, נישט געשיקט - עס קען גאר מעגליך זיין אז ער האט דיר געשיקט, און אז נישט - אפשר איז ער געווען טרוד און האט פארגעסן. דאס איז איינמאל זיכער, אז ער וועט זיך פרייען דיר צו זען. דער רבוש"ע וועט זיך פרייען אז דו ביסט משמח א איד, און דו וועסט זוכה זיין צו אלע השפעות טובות.

### די שוואגערס האבן זיך פארגליכן

הגאון ר' מרדכי שיפף שליט"א דערציילט: איך האב געהערט פון א איד וואס איז געווען אין מירון אין יאר תשפ"א, ווען עס איז געווען די שרעקליכע טראגעדיע מיט די פינף-און-פערציג אידן וואס זענען אומגעקומען אין דעם גרויסן געדרענג וואס האט זיך געשאפן אויף דעם הייליגן פלאץ. ער אליין איז אויך געשטאנען דארט און האט נישט געקענט כאפן דעם אטעם. ער האט שוין געזאגט "שמע ישראל", "אשמנו" און "על חטא", גרייטנדיג זיך אויף זיינע לעצטע מינוטן, ווען בחסדי ה' איז ער ניצול געווארן, זייענדיג שוין א שפאן אוועק פון ערגסטן, ה"י. ער האט געפילט אז ער האט צוריק באקומען זיין לעבן במתנה און הייבט אן פון יעצט אן א לעבן פונדאסניי.

דער איד האט געהאט א סכסוך מיט זיינעם א שוואגער פון ארץ ישראל, און שוין פיר יאר וואס זיי האבן ממש נישט גערעדט. יעצט, נאך זייענדיג אין ארץ ישראל, האט ער אים אנגערופן און געבעטן אז ער וויל זיך אויסגלייכן מיט אים, און דער שוואגער האט מסכים געווען זיך טרעפן מיט אים. די מעשה איז געווען, אז דער שוואגער פון ארץ ישראל, אן איש מוצלח, האט חתונה געמאכט א קינד, און וועלנדיג אז די קרובים זאלן קומען זיך מיטפרייען, האט ער איינגעלאדנט דעם שוואגער און געזאגט אז ער צאלט אויס א טיקעט פאר אים און זיינע בני-בית און שטעלט זיי צו אכסניא, אז זיי זאלן קומען זיך באטייליגן ביי זיין שמחה.

דער שוואגער פון חוץ לארץ האט זיך צוגעכאפט דערצו און איז געקומען צו דער חתונה. פארשטייט זיך, אז ער איז שוין דארט געווען, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט ארומצופארן צו די

פארשידענע מקומות אין ארץ ישראל, און עס איז אויסגעקומען אז צו דער חתונה איז ער אנגעקומען שפעט. זאגט אים יעצט דער שוואגער פון ארץ ישראל, אז די זאך האט אים בשעתו שטארק פארדראסן. דא רופט ער אים צו דער חתונה און צאלט אים אויס אלע הוצאות, און דא קומט ער אזוי שפעט צו דער חתונה, ווען אלע פון דער משפחה זענען שוין לאנג דארט געווען, און ער, דער בעל שמחה, און זיין פרוי האבן געהאט דאס געפיל, אז אנשטאט מכיר טוב זיין, פריידט ער זיך פשוט נישט מיט ביי דער שמחה.

דער שוואגער פון חוץ לארץ, דער ניצול פון מירון, האט אויסגעהערט זיין טענה און זיך אנטשולדיגט פאר אים, און דאן האט ער זיך אנגערופן צו אים און געזאגט: יעצט, אז מיר רעדן זיך צוזאמען, קענסטו דאך הערן מיין זייט אויך. איך בין געקומען זיך פרייען מיט דיר בלב שלם און איך האב ארויסגעקוקט צו קענען מיטהאלטן די שמחה, נאר יענעם טאג, היות מיר זענען געקומען נאר אויף א קורצע צייט, און די חתונה איז דאך ערשט געווען ביינאכט, האבן מיר געוואלט ארומפארן אביסל, און מיר האבן אויסגערעכנט צו קענען זיין צוריק ביים קבלת פנים און אנטיילנעמען אין דער גאנצער שמחה ווי עס פאסט זיך און ווי מיר האבן אזוי שטארק געוואלט. עס האט זיך אבער פונקט געמאכט א גרויסע טראפיק וואס האט פארלענגערט דעם וועג מיט עטליכע שעה'ן, און צו אונזער גרויס עגמת נפש האבן מיר פארשפעטיגט צו דער חתונה. וואס האבן מיר דען געקענט טון?

די צוויי שוואגערס האבן זיך איבערגעבעטן און שלום געמאכט צווישן זיך.

* * *

טייערע אידן! עס איז א שאד צוווארטן אויף ספעציעלע געלעגנהייטן. אז איינער האט א שווער הארץ אויף א חבר אדער קרוב, איד כדאי צו גיין, רופן, אדער שיקן א שליח, תיכף און זיך דורכרעדן. צומאל איז דאס עגמת נפש א פשוט'ער טעות, און אפילו אויב עס איז בארעכטיגט, איז אויך ריכטיג מוחל צו זיין. דער רבוש"ע איז דאך אונז אויך מוחל אפילו אויף שווערע חטאים ר"ל, און ער וויל אז מיר זאלן זיך פירן דאס זעלבע.

פון דער אנדערער זייט, אויב איינער איז חושש אדער ווייסט גאר, אז א צווייטער איז געטשעפעט געווארן דורך אים, איז א חיוב על-פי הלכה צו גיין אים מפייס זיין, און נישט נאר יום כיפור, נאר אלעמאל. און בזכות פון מרבה זיין שלום בעולם, וועלן מיר זוכה זיין צו "לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה אלא השלום" און געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני און אלע גוטע ברכות און השפעות טובות.

# ממונם של ישראל || שו"ת בין אדם לחבירו

## גליון זה נתנדב

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד

**מוה"ר אליעזר בידערמאן הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה** תחי' למז"ט

עב"ג החתן המהולל כמר **אברהם הכהן** נ"י ב"ר **דוד ישעי' פישער** הי"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו לראות דורות ישרים ומבורכים מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא,
ויזכה להמשיך בפעולותיו המבורכות להגדיל תורה ולהאדירה מתוך הרחבת הדעת

## קדימת בר-מצרא כשלא ירוויח בזה

לכבוד מערכת הליכות החיים הנכבדה, ברצוני להציע שאלה זו שנוגעת לי, ונא להשיב לי כדת מה לעשות.

**שאלה: לעת כזאת הנני מתגורר בבנין שיש בו שתי דירות, דירה אחת היא שלי ויש בה שבעה חדרים, והשני' היא דירה בת חמשה חדרים בלבד ושייכת לראובן, וכעת ברצוני למכור הדירה הגדולה שלי, והנה שכני ראובן הנ"ל רוצה לקנות את הדירה שלי כדי לעבור לגור בה, ואז למכור דירה שלו שקטנה יותר, אך מבלעדו, יש לי גם אנשים אחרים המוכנים לקנות את הדירה שלי.**

**ושאלתי היא, האם יש כאן דין של 'בר מצרא'[1] להעדיף למכור לראובן הגר בסמיכות לדירה הנמכרת, או דכיון שראובן אינו רוצה לקנותה לעצמו אין בו משום בר מצרא, ואין לו יתרון משאר הקונים?**

**תשובה:** נראה דאין כאן משום דין בר מצרא למכור לראובן, שהרי אין בדעתו של ראובן להישאר בדירתו של עכשיו, דעיקר טעם תקנת בר מצרא הוא דנוח לו לראובן שיהא לו כל שדותיו במקום אחד, וגם לדעת לרמ"א וסייעתו[2] כי בבתים שייך ג"כ דין 'בר מצרא', הרי הוא ג"כ מן הטעם שע"י שקונה עוד בית סמוך לביתו יוכל להשתמש בהם ביחד או שיוכל לחברן להשתמש בהן כאחד וכדו'[3], וכיון שראובן ימכור דירתו, לא הרי ממילא לא יהיו לו ב' דירות סמוכות.

### בקונה הדירה להרווחה

ואף באופן שראובן כן יישאר בדירתו, ורוצה לקנות דירת שמעון להשכירה וכדו', ג"כ אין לו דין קדימה, כי מבואר בפוסקים דכל דין בר מצרא הוא רק בקונה להשתמשות שלו עצמו, אבל אם הוא קונה רק להרווחה כדי למכרו או להשכירו, ואיש אחר רוצה לקנותו כדי לדור בה הוא עצמו, אין צריך להעדיף הבר מצרא (אלא כמבואר להלן)[4].

### בר מצרא במשכיר דירתו

וככל הדברים האלה הוא ג"כ בדין השכרת הדירה, כגון שאם רוצה שמעון להשכיר את הדירה הגדולה שלו, ורבים רוצים לשוכרה, וגם ראובן השוכר הדר עכשיו בדירת בת ה' החדרים רוצה לשוכרה, אזי הדין כנ"ל, שאם ראובן רוצה להישאר בדירתו רק להוסיף לשכור גם הדירה השני' לצורכו, יש לו דין קדימה מכח בר מצרא, כי גם בקנין לשכירות בלבד, נוהג דין בר מצרא כי שכירות הוה כממכר ליומא[5]. אבל אם בדעתו לצאת מדירתו של עכשיו, ולגור רק בדירה הגדולה אין בזה משום דינא דבר מצרא.

### כשאינם מצרנים מי קודם

ואחרי שנתבאר כי בכהאי גוונא שלא ידור בשתי הדירות, לא שייך דין בר מצרא, נוהגים בו דיני קדימה לכתחילה, שיש עליו להקדים את שכינו הקרוב שהוא רגיל עמו. ואם יש תלמיד חכם בין המבקשים את הדירה, צריך לכתחילה להקדימו, אמנם בדיעבד שהשכירו כבר לאחר אין יכולים השכן או הת"ח לסלקו[6], ולמעשה ישאל שאלה.

1. פירוש: משום 'ועשית הישר והטוב' (דברים ו, יח) תיקנו חכמים להקדים למכור למי ששדה שלו הוא סמוך לשדה הנמכר, כי טוב לו לאדם כאשר כל נכסיו סמוכין זה לזה, ולא שיהיו חלוקין חלק כאן וחלק במקום אחר (ב"מ דף קח, ע"ש כל הסוגיא). 2. חו"מ סי' קע"ה סעי' נ"ג. 3. סמ"ע שם ס"ק צ"ח, בסו"ד: והטעם דהחומה שבין הבתים יכולין לפתחו ושיכנס מזה לזה. ומטעם זה, אם הדירות הן מחולקות בג' קומות, שאי אפשר לחברן כי הקומה האמצעית מפסקת, יש צדדים שאין בו משום דינא דבר מצרא, ויעשה שאלת חכם. 4. כ"כ בשו"ת שואל ומשיב (מהדו"ת ח"א סי' פ"ג) בנידון דומה, וז"ל: 'והנה לפי הטעם שתקנו בר מצרא משום שנוח לו יותר שיהי' לו חלק בזה ויוכל להרחיב גבולו, וכל שמכר ללוי חלקו, שוב מה בכך שהי' מצרן, מ"מ הטעם ל"ש בזה, ובלא"ה כיון דהלוקח הוא קנה מה"ת וחז"ל עשו תקנה משום ועשית הישר והטוב וא"כ הו"ל ספק בתקנה וכל ספק בתקנה מוקמינן אדינא וכו', וע"כ לפע"ד ברור דבכה"ג לא שייך תקנת בן המיצר'. וכ"ה בזה, דכיון שרוצה לקנות דירה זה רק משום שבדעתו למכור את דירתו שהוא סמוך לאותו דירה אין שייך בזה דינא דבר מצרא כיון שלא שייך הטעם שכל שדותיו יהיו סמוכין לו. **אמנם כתב בפתחי חשן (הל' שותפות ומצרנות פי"א) דבאופן שרוצה הבר מצרא למכור את דירתו הקודמת לאחד מבניו, ויהא לו הנאה מזה שדירת בנו הוא סמוך לדירתו, אפשר דיש לו קדימה, כיון שלמעשה יש לו מזה הנאה של ההשתמשות הסמוכה. ועי' בספר החדש החשוב 'פסקי המשפט' (סי' קעה אות י') שמציין דעת כמה פוסקים שהסכימו כן.** 5. כמבואר בסמ"ע (קעה, סוס"ק יג, וס"ק טז) דשכירות ומשכנתא אחד הוא. וכ"כ בטו"ז (לסעי' נט) דגם בשכירות יש דינא דמצרנות, דהיינו שהשוכר שיושב בה הוא מצרן נגד השני שבא לשכור. אך כתב בקצוה"ח (סק"ג) דנראה דהיינו דוקא אם אין בני בית של ראשון מרובין מן השני, אבל אם בני ביתו מרובין משל השני לא שייך בזה דין מצרן, כיון דאפילו השוכר אינו רשאי להשכיר למי שבני ביתו מרובין כמבואר בסימן שט"ז ס"א ולא הוי בזה שלוחו (=שברגיל אומרים שגם אם קדם זר ושכר הוה כשלוחו של בר מצרא), וגם לא שייך בזה ועשית הישר והטוב כיון דהבעלים אומרים אין אנו נוחין להשכיר לזה שבני ביתו מרובין, וקפידא גדולה בדבר זה, עכ"ד. 6. שו"ע חו"מ סי' קעה סעי' נ': כל הרוצה למכור קרקע, ובאו שנים, כל אחד מהם אומר: אני אקח בדמים אלו, ואין אחד מהם בעל המצר, אם היה האחד מיושבי העיר והאחד משכני השדה, שכן העיר קודם. שכן ותלמיד חכם, תלמיד חכם קודם. קרוב ות"ח, ת"ח קודם. שכן וקרוב, שכן קודם. קדם אחד מהן וקנה, זכה, ואין חבירו שראוי לקדם לו יכול לסלקו, הואיל ואין אחד מהם בעל המצר. וברמ"א: י"א דלא מקרי שכן אלא אם הוא חבירו הרגיל עמו, אבל מה שדר אצלו אינו כלום. ויש מי שחולק. ע"כ.

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170

בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תולדות
כ' כסלו תשפ"ג
די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:04 | סוז"ת א' | 9:11 |
| סוזק"ש ב' | 8:49 | סוז"ת ב' | 9:41 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ו

## טיב הפרשה

# די לימוד לדורות – תפילה און נאכדעם השתדלות

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר אז ווען די קינדער פון רבקה אמנו האבן זיך ארומגעקריגט אין איר, איז זי אריבערגעגאנגען אין שול און האט דורש געווען ביים באשעפער צו הערן וואס איז געשען מיט איר.

ווי אונזערע הייליגע חכמים לערנען אונז איז יעדער מעשה וואס עס האט פאסירט ביי די אבות הק' א סימן לבנים. עס איז א לימוד פאר אונז ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן און וועגן דעם איז וויכטיג אז מען זאל מדייק זיין אין יעדער פרט, וואס די תורה הק' דערציילט אונז, איבער די אבות.

און אויך די נקודה אז רבקה אמנו האט דורש געווען ביים באשעפער, ווען זי האט געהאט א שוועריגקייט איז א לימוד פאר די שפעטערדיגע דורות.

די טבע איז, ביי רוב מענטשן, ווען עס כאפט זיי אן א שטארקע שוואכקייט און זיי האבן מורא אז עס רעדט זיך דא וועגן אן ערנסטע קרענק, כאפן זיי הענט און פוס און לויפן זיך אונטערצוזוכן ביי א דאקטאר. נאר ווען דער דאקטאר וועט זאגן אז אלעס איז אין ארדענונג וועלן זיי ווערן רואיג און צוריקגיין צו זייער סדר היום.

אויב עס וועט זיין פארקערט. דער דאקטאר וועט זיי זאגן אז דער מצב איז זייער נישט גוט, אז זיי ליידן פון אן אומהיילבארע קרענק, נאר דאן וועלן זיי זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און זיך ווענדן צו אים פאר א ישועה.

דעמאלטס וועלן זיי זיך מוז'ן שטארקן אין אמונה, אז דער דאקטאר האט נישט דער לעצטער ווארט. אז ער באשטימט נישט צי ער זאל לעבן אדער נישט. אז דער לעבן און די טויט ליגט אין די הענט פון השי"ת. אין יענע טעג וועט ער אויך אנהייבן עוסק צו זיין אין תפילות און באזוכן ביי די צדיקי הדור און זיך מזכיר זיין, פאר א ישועה.

צו די אנערקענונג אז דער לעבן פון א מענטש ליגט נישט אין די נאטורליכע הענט וועט דער מענטש אנקומען נאר נאכדעם וואס די נאטורליכע וועלט קען אים שוין מער נישט העלפן. ווען ער וועט זען אז ער האט נישט קיין ישועה אויף די וועלט, וועט ער זיך ווענדן צו די העכערע וועלט, אבער פאר ער האט דערגרייכט אזא מצב, וועט ער נישט אנקומען צו אזא אנערקענונג.

ביי רבקה אמנו זען מיר פארקערט. ווען זי האט געשפירט אז עס טוט איר וויי איז זי נישט געגאנגען צו א דאקטאר. זי איז גלייך געגאנגען אין שול אריין ווי דער פסוק איז מעיד אויף איר, ותלך לדרוש את השם. ביי איר איז געווען א פשוט'ער זאך אז די לעזונג פאר די קרענק ליגט אין שול, נישט ביים דאקטאר.

און די נקודה לערנען מיר זיך ארויס פון רבקה אמנו. פון די מעשה אבות נעמען מיר א סימן לבנים, אז ווען א מענטש ליידט פון א ווייטאג אדער א קרענק ווענדט מען זיך צום בורא כל העולמים. מען איז זיך מתייחד מיט דעם בורא כל העולמים, מען מאכט א טיפער חשבון הנפש, וואס וויל השי"ת פון מיר. מען גיסט זיך אויס די הארץ צום אדון כל העולמים אז ער זאל אונז ראטעווען פון די צרה וצוקה, פון די נגע ומחלה. נאר נאכדעם וואס מען האט זיך אזוי געפירט, נעמט מען זיך צו די גשמיות'דיגע וועגן און מען הייבט אן עוסק צו זיין אין די השתדלות, מען הייבט אן דורש צו זיין ביי דאקטוירים, מען פראבירט אויס מעדיצין, ווען אויך

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### – ◆ גם ברוך יהיה ◆ –

עס האט מיר דערציילט א גבאי צדקה: עטליכע יאר צוריק, בין איך ארויסגעפארן צוזאמען מיט נאך א גבאי צדקה אין א שטעטל פון צפון ארץ ישראל, צו זאמלען געלט פאר די מצוה פון הכנסת כלה. אנקומענדיג ביי איינע פון די הייזער, זענען מיר געבליבן ממש ערשטוינט פון די ארימקייט וואס מיר האבן געזען. דאס הויז האט אויסגעזען אלט און נאכגעלאזט, די קינדער אנגעטון אין צוריסענע און אפגעריבענע קליידער, אויף די ערד איז געלעגן א קעסטל גרינצייג, וואס האט אויסגעזען ווי עס איז נארוואס אנגעקומען פון א צדקה ארגאניזאציע, און ארום דעם האבן זיך געדרייט קעצעלעך און קיין שטער...

פאר א מינוט האבן מיר חרטה געהאט פארן אריינגיין אין דעם הויז. נעבעך, האבן מיר געטראכט, נישט גענוג דעם שרעקליכן מצב אין וועלכער ער געפינט זיך, קומען מיר נאך אים גיסן זאלץ אויף די וואונדן? אבער מפני כבודו האבן מיר באשלאסן צו בלייבן. ווען דער בעל הבית האט געהערט פארוואס מיר זענען געקומען, האט זיין געזיכט ממש אויפגעלאכטן, און ער האט גענומען זאגן הויך: וואספארא השגחה, וואספארא השגחה! מיר זענען זיכער געווען אז ער האט אונז נישט גוט פארשטאנען, אז ער האט מסתמא געמיינט אז מיר זענען געקומען אים צו געבן געלט, אבער מיר האבן גלייך געזען אז מיר האבן א טעות געהאט. דער איד האט גערופן זיין ווייב און איר געבעטן די טשעק'ן וואס זי האט היינט בטעות אויסגעשריבן.

און אזוי האט ער אונז דערציילט:

היינט זענען מיר געגאנגען קויפן א נייע עלעקטרישע מאשין פאר אונזער היים (מיט באצאלונגען, תשלומים/פעימענטס). נאכן אויסשרייבן אלע טשעק'ן אין געשעפט, האט מען געזען אז בטעות האט מען געשריבן א נישט ריכטיגע סומע. מיר האבן געוואוסט אז מיר האבן א טעות געהאט פאר א סיבה, דערפאר האבן מיר נישט אוועקגעפארן די "בטעות'דיגע" טשעק'ן. יעצט פארשטיי איך שוין אויף וואס זיי זענען געווען באשטימט – האט ער אויסגעפירט מיט א שמחה – און אונז איבערגעגעבן דעם גאנצן פעקל טשעק'ן.

*

יצחק אבינו האט געוואלט בענטשן עשו, אבער ווען עשו איז אנגעקומען האט יצחק געזען אז יעקב האט שוין באקומען די ברכות. האט יצחק געזאגט 'גם ברוך יהיה', אויך ער זאל זיין געבענטשט. פארוואס האט ער אזוי געזאגט? פארוואס האט ער נישט חרטה געהאט פארן אים געבן די ברכות, ער האט דאך געזאגט צו עשו 'בא אחיך במרמה', און ער האט דאך געגלייבט אז עשו איז דער צדיק?

נאר, דא האבן מיר א געוואלדיגער שיעור אין אמונה. ווען יצחק אבינו האט געזען אז די ברכות זענען 'בטעות' געגעבן געווארן צו יעקב, האט ער גלייך פארשטאנען אז דאס איז דער רצון השם, און דערפאר האט ער גלייך געזאגט 'גם ברוך יהיה'.

מיר רעדן אזויפיל וועגן השגחה פרטית (אויך דא אין גליון, אינעם 'טיב ההשגחה'), דערמאנענדיג אז אלעס איז מאתו יתברך און אז אלעס איז לטובה, אבער אויך ווען די ברכות זענען בטעות געגעבן געווארן פאר א צווייטן? אויך ווען בטעות האב איך געשריבן צען נישט-ריכטיגע טשעק'ן, דעמאלטס פארשטיי איך אויך אז אלעס איז בהשגחה פרטית? דער ענטפער איז פארשטייט זיך אז יא, ווייל "אין אדם נוקף אצבע למטה אלא אם כן מכריזין עליו למעלה".

(עפ"י טיב התורה-תולדות)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דערביי פארגעסט ער נישט, אפילו אויף א רגע, אז ער איז אין די הענט פון דעם באשעפער און אז אלעס וואס ער טוט איז בלויז א פעולה פון השתדלות לשם השתדלות. ער קוקט אויס צו די הילף פון בורא כל העולמים און ער גלויבט אז ער וועט אים שיקן א רפואה.

אזוי פלעגט זיך פירן דער הייליגער חפץ חיים. ווען עס האט זיך געמאכט אז איינער פון די שטוב מענטשן זענען נישט געזונט געווארן איז ער נישט גלייך געלאפן צום דאקטאר. ערשט פלעגט ער זיך מתבודד זיין פאר א שטיק צייט אויפ'ן שטאק און נאכדעם איז ער געגאנגען צו א דאקטאר, אויב עס האט נאך אויסגעפעלט צו גיין.

אזוי פירט זיך א איד! א איד האט אמונה ובטחון. ער ווייסט ביי זיך אז השי"ת איז מיט אים שטענדיג. אז וואו ער גייט און וואו ער שטייט איז ער מיט אים. עס איז נישט דא קיין צופאל אויף די וועלט. דער אויבערשטער איז משגיח אויף אים בכל עת ובכל רגע. אין זיינע הענט געפונען זיך די נפשות פון די לעבעדיגע און פון די מתים און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן ווען עפעס פאסירט. דער באשעפער דארף זיין די ערשטע אדרעס פון יעדן איד.

מיט א שטיק צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון א איד א מעשה מכלי ראשון. דער איד האט דערציילט אז לעצטנס איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי א ניינציג יעריגער איד אין שטוב. דער איד איז געווען געזונט און שטארק. ער איז געגאנגען אויף זיינע צוויי פיס.

"איך בין געווען זייער נייגעריג צו וויסן ווי אזוי דער איד האט זוכה געווען צו אזא אריכות ימים? וואספארא זכות האט ער צו זיין אזוי געזונט און פריש, אין אזא הויכער עלטער"? דערציילט דער איד.

דער איד לייגט צו אז אויבנאויף האט ער אויסגעזען ווי א פשוט'ער איד, ער האט נישט אויסגעזען עפעס ספעציעל, מען זאל קענען אנהענגען אויף אים א ספעציעלער זכות.

ווען איך האב אים געפרעגט די שאלה האט ער געהאט פאר מיר א וואונדערליכע תשובה. ער האט דערציילט אז יעדער מאל ווען עס איז אונטערגעקומען א געזונטהייט פעלער פאר איינער פון די בני המשפחה, האט ער זיך ארייגעלייגט אין דעם אין די לענג און די ברייט, ער האט מברר געווען וועלכער דאקטאר איז גוט באהאוואנט אין דעם פעלד, ווער איז דער בעסטער דאקטאר אין דעם געביט און בעיקר, וויפיל נעמט ער צו באהאנדלען דעם פראבלעם.

און נאכ'ן הערן ווי גרויס עס איז די סומע וואס דער דאקטאר בעט פאר אזא קראנקייט האט ער אפגעשיידט די סומע אין די זייט און עס געגעבן פאר צדקה! נאכ'ן געבן צדקה האט ער זיך געשטעלט אין א זייט און מתפלל געווען א תפלה צום באשעפער. ער האט אים געזאגט, רבוש"ע, דו ביסט דאך דער רופא לכל בשר, דער גרעסטער דאקטאר אין די וועלט. איך האב יעצט אפגעשיידט א סומע געלט, לויט די סומע וואס עס וואלט ווען געדארפט צו קאסטן אזא באהאהנדלונג, איך בעט דיר הייל מיר אויס!

נאך דעם פלעגט ער זיך ווענדן צו א פשוט'ער דאקטאר וואס געבט זיך אפ מיט די קרענק, וואס קען אים אויסהיילן פאר אומזיסט, און ער פלעגט דערביי זען א ישועה.

"אזוי האב איך געפירט אלע מיינע יארן"! האט דער אלטער איד דערציילט און באטאנט אז ער האט זיך אזוי געפירט, אויך ווען עס האט זיך גערעדט פון ערנסטע און פארצווייגטע קרענק וואס וועט געווענליך פאדערן אז מען זאל דארפן אפערירן און אריבערגיין שווערע און קאמפלעצירטע באהאנדלונג.

איך האב געשטוינט פון וואונדער צו הערן וואס ער דערציילט! ווי ווייט עס גייט די תמימות פון א איד. ווי געזאגט האט דער איד געמאכט אינדרויסן אן איינפאכער איינדרוק, אבער ווען עס האט זיך געהאנדלט פון פון ערליכקייט און תמימות, האט ער זוכה געווען צו גרויסע און הויכע מדריגות. דער איד האט אויסגעפירט זיינס, אן קיין חכמות, אן קיין דריידעלעך.

אזוי ווייט זענען מיר פון דעם! ביי אונז, ליידער, ווען איינער האט א ווייטאג, לויפט ער גלייך צום דאקטאר. מיט שפאנונג ווארט ער צו הערן וואס דער דאקטאר גייט אים זאגן. ער האפט אז דער דאקטאר גייט אים בארואיגן. אויב עס גייט אבער פארקערט און דער דאקטאר האט נאר שווארץ געמאכט דעם בילד, אים געשיקט צו מאכן ברייטערע אונטערזוכונגען און ער לייגט נאך צו די ווערטער אז דער מצב איז אנגעצויגן, אז די מעדיצינישע וועלט האט נישט פאר אים קיין רפואה, דערמאנט ער זיך אז עס איז דא א בורא כל העולמים און ער ווענדט זיך צו אים.

זאל השי"ת העלפן אז די ווערטער וואס מיר רעדן דא זאל ברענגען א התעוררות ביי יעדן איד. מען זאל זיך דערוועקן און זיך מתדבק זיין אין מעשה אבותינו און אלעמאל ארויסקוקן צו השי"ת און קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער. עס זאל מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי אכי"ר.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### דורך די לייענערס

# א פריע אנמה איט א בלאט גמרא

פאר לאנגע יארן געב איך יעדן טאג איבער א דף היומי שיעור אין די לאקאלע שול וואו איך וואוין. ווי עס איז דער סדר פון שיעורים איז אמאל דא מער מענטשן און אמאל דא ווייניגער מענטשן.

עס איז געווען אין א זומערדיגע טאג. איך קום אריין אין שול איבערצוגעבן די שיעור און קיין איינער איז נישטא אין שול. וואס טוה איך יעצט? טראכטנדיג אזוי וואס איך קען טון, האב איך געגעבן א רוף אויס אין שול, אז מיר האלטן ביי דעם דף און מיר הייבן יעצט אן דער שיעור.

צו מיין וואונדער הייבט זיך אויף אן עלטערע איד פון דער צווייטער עק שול און ער זעצט זיך צו און הייבט אן מיטצוהאלטן די שיעור פון אנהייב ביז צום סוף. דער איד האט צוגעלייגט אן אויער און מיט א שטארקע אינטערעסע האט ער אויסגעהערט יעדן ווארט פון די שיעור, ווי ער האט נאר געווארט אויף דעם שיעור.

ווען דער שיעור איז אנגעקומען צום ענדע, האב איך זיך באדאנקט פאר דעם איד, אז ער האט מיר נישט געלאזט זיצן אליין, אז ער האט זיך צוגעזעצט צו די שיעור און מיר אויסגעהערט.

"דו דאנקסט מיר"? האט ער מיר אנגעקוקט מיט וואונדער.

"איך דארף דיר דאנקען". האט ער מיר געזאגט.

איך האב נישט פארשטאנען וואס דער איד מיינט און דער איד האט מיר אנגעהויבן צו דערציילן וואס ער מיינט דא מיט דעם.

"איך וואוין אין בני ברק און טאג טעגליך גיי איך צו א דף היומי שיעור נעבן מיין שטוב. ברוך השם אז איך פארפעל נישט קיין איין טאג פון דער שיעור. מיט צען טעג צוריק האב איך חתונה געמאכט מיין טאכטער און יענעם טאג, פון די חתונה, האב איך נישט געקענט קומען צום שיעור. עס האט מיר געפעלט איין דף גמרא. איך קען נישט אליין לערנען קיין גמרא, עס האט מיר זייער וויי געטון, אז ווען עס וועט קומען צום סיום, וועט מיר פעלן א בלאט גמרא. איך האב מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל מיר פאר מיינעטוועגן טרעפן איינער וואס זאל מיר משלים זיין דער דף גמרא וואס פעלט מיר".

און דער איד דערציילט ווייטער:

"היינט, בין איך מיט מיין ווייב, געקומען באזוכן מיין זון וואס וואוינט דא אין ביתר. איך האב זיך טועה געווען און געמיינט אז עס איז שוין געקומען צו גיין דער זמן פון מנחה און איך בין געגאנגען אין שול דאווענען מנחה. אנקומענדיג אין שול הער איך וואו דו רופסט אויס אז דו גייסט אנהייבן א בלאט גמרא. דו האסט אנגעהויבן די דף גמרא, וואס איך האב פארפעלט. יעצט פארשטייסטו שוין פארוואס איך קום דיר א יישר כח. דו ביסט געווען דער שליח וואס האט מיר משלים געווען די דף גמרא וואס עס האט מיר געפעלט ביז יעצט.

איך בין געווען זייער באגייסטערט צו הערן וואס דער איד דערציילט. יעצט האב איך אויך פארשטאנען פארוואס איך בין צוריקגעבליבן מיט די שיעורים. אינדערצייט וואס דער גאנצער וועלט האלט שוין אסאך ווייטער בין איך הינטערשטעליג מיט צען בלאט און עס גייט מיר נישט נאכצויאגן די אנדערע.

פון הימל האט מען עקסטער געפירט אזוי, אז איך זאל קענען זיין דער גוטער שליח משלים צו זיין פאר דעם איד די דף וואס עס פעלט אים.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה צ.ח]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

זאגט רש"י: "בארץ ההיא" - אפילו עס איז נישט געווען א גוטער ערד פאר די געוואוקסן, "בשנה ההיא" - אפילו עס איז געווען א הונגער־יאר. בארץ ההיא בשנה ההיא - פארוואס דארף שטייןביידע זאכן, דאס קומט זאגן אז עס איז געווען א שווערע פלאץ און אויך א שווערע יאר. ביז אהער פון רש"י.

ערקלערן די מפרשים (זע רבינו בחיי און נאך), אז דער פסוק ערקלערט זיך אליין, וויאזוי האט יצחק טאקע זוכה געווען צו געפינען הונדערט מאל אזויפיל כאטש די ערד איז געווען שווער און אויך איז עס געווען א שווערע יאר? - דאס איז וויבאלד "ויברכהו ה'", דערפאר וואס ער האט נישט אנגעהאנגען זיין ברכה נאר אינעם אויבערשטן אליין, און ארויפגעווארפן זיין גאנצן לאסט און זיין גאנצן פארזיכערונג נאר אינעם חסד פונעם אויבערשטן! נישט אין אזא ערד אדער אין אזא ספעציעלע פרוכטבארע שטח, נישט אין אזא יאר אדער אזא... אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים נה, כג): "השלך על ה' יהבך, והוא יכלכלך - לא יתן לעולם מוט לצדיק".

דער וואס לייגט זיין גאנצן פארזיכערונג נאר אינעם אויבערשטן אליין, טוען די דרכי הטבע נישט געוועלטיגן אין אים און ער ווערט זייער רייך און שטארק דערהויבן, דורך די ברכה וואס דער אויבערשטער בענטשט אים.

און אזוי שטייט אינעם הייליגן ספר שערי קדושה (ח"ב שער ד): עס איז נישטא עפעס וואס איז אזוי ווי בטחון, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ב, יב) 'אשרי כל חוסי בו'. ווייל ער גלייבט אז עס איז דא אויף דער וועלט א גאט וואס האט די מעגליכקייט און ער קוקט זיך אום אויף אים, און נאך א פסוק שטייט (ירמיה יז, ז) 'ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו'. און ער איז פארזיכערט אז עס וועט אים נישט פעלן זיינע שפייז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך'.

דאס איז אבער נאר בתנאי אז ער זאל אמת'דיג אזוי האלטן מיטן גאנצן הארץ, אן קיין שום ספיקות. און נאכמער, אז דורכדעם וואס ער פארזיכערט זיך אינעם אויבערשטן, וועט ער עוסק זיין בתורה און מצוות מיטן גאנצן הארץ, אן צו מהרהר זיין, ביז אהער שטייט אין שערי קדושה.

-> • <-

א טייערער איד האט מיר דערציילט די פאלגנדע מעשה. דער איד, וועלכער וואוינט אין איינע פון די גרויסע שטעט אין אמעריקע, איז א 'בעל־תשובה' וואס האט חתונה געהאט מיט אן אמעריקאנע גיורת, וואס איר טאטע (דער גוי) איז איינער פון די צען גרעסטע פילאנטראפן אין אמעריקע, וועמענ'ס פארמעגן ווערט געשאצט פאר צענדליגער ביליאנען דאלארן!

זייענדיג אזא ריזיגער עושר, פארברענגט ער זיין צייט מיט פארגעניגנס פון הבלי העולם הזה, אויף אזוי ווייט אז מענטשן פלעגן זאגן, אז די קלענסטע "שאפינג" (קניה, איינקויף) ביי זיין ווייב די גביר'טע, איז פאר די סומע פון איבער טויזנט דאלער...

די טייערע טאכטער, וועמענס נשמה איז אוודאי געקומען פון זייער א הויכן ארט, האט פאר'מיאוס'ט

# ויברכהו השם

## "ויזרע יצחק בארץ ההיא, וימצא בשנה ההיא מאה שערים, ויברכהו ה'. ויגדל האיש, וילך הלוך וגדל, עד כי גדל מאד" (כו, יב-יג)

און זיך געעקלט פון די פוסטע פארגעניגנס! דאס נאכיאגן די בהמי'שע הנאות, האט איר נישט צוגעשטעלט קיין שום אינהאלט און מיינונג אין לעבן... האט זי געזוכט און געפארשט נאכן תכלית אין לעבן, נאך עפעס אַן אינהאלט, עפעס וואס פילט אן דאס הארץ און מח מיט אינערליכקייט און דערהויבנקייט, און נישט פשוט'ע קערפערליכע לעבן, וואס איז נידעריג און פארשעמט.

אזוי האט זי געזוכט ביז זי האט בחסדי השי"ת געטראפן דעם הייליגן אידישן גלויבן, און האט זיך מגייר געווען כדת וכדין. זי האט אינגאנצן אפגעהאקט פון אירע עלטערן, כדי זיך אנצושליסן אינעם אויבערשטנ'ס עם הנבחר, זייענדיג מוותר די גאנצע רייכקייט און גלוסטיגקייטן פון איר טאטנ'ס הויז. - אויך אירע עלטערן פון זייער זייט, זענען שטארק פארשעמט געווארן דערפון און האבן גארנישט געוואלט האבן צו טון מיט איר, אזוי ווי זיי וואלטן איר קיינמאל נישט געקענט.

יעצט האט זי זיך געקענט אינגאנצן איבערגעבן פאר רוחניות, פאר תורה און תפילה, צו מקיים זיין די מצוות בקדושה אזוי ווי עס דארף צו זיין, און אנפילן איר הייליגע און לויטערע שאיפות.

ווען די צייט איז אנגעקומען און זי האט חתונה געהאט מיט דעם חשוב'ן בחור, אונזער בעל תשובה, האט זי נישט באקומען אפילו איין 'סענט' פון איר רייכער טאטע... ביי גוים איז נישט אנגענומען צו העלפן די קינדער ביים חתונה האבן, נאכדערצו ווען מען האט נישט מיט זיי קיין קשר. אזוי האט זי אנגעהויבן איר לעבן מיט איר נייעם חתן ממש מאפס ואין, און א דאנק די הארציגע נדבות פון אחינו בני ישראל האבן זיי אויפגעשטעלט זייער שטוב אין א קליינע באשיידענע דירה אין איינע פון די דרויסנדיגע געגענטער פון ניו יארק, זיך פרייענדיג מיט זייער רוחניות'דיגע פארמעגן, און מקיים זיין די תורה און מצוות בשמחה ובהידור!

ווען עטליכע יאר זענען שוין אריבער, און די קליינע וואוינונג איז פול געווארן מיט קליינע קינדערלעך, איז ביי זיי די פרנסה זייער שווער געווארן, אין וואס זיי האבן נאר פראבירט מאכן השתדלות, האבן זיי געהאט גרויסע ענטוישונגען און שווערע הפסדים.

אונזער בעל תשובה איז אבער נישט אריינגעפאלן אין עצבות חלילה, נאר זיך מער געשטארקט אין תורה והמצוות בשמחה. נאכן זיך דורכרעדן מיט איינער פון זיינע חברים, האט ער באקומען פון אים די עצה, זיך איינצוגעוואוינען צו לערנען דעם ספר "חובת הלבבות". ער איז טאקע געווארן צוגעקלעבט צו דעם הייליגן ספר מיטן גאנצן הארץ און נשמה! און

וויבאלד ער האט יעצט געהאט אן ענגשאפט אין פרנסה, האט אים דער חבר גע'עצה'ט אז ער זאל לערנען "שער הבטחון", וואו עס ווערט ערקלערט באריכות וויאזוי זיך צו פירן אין אלעס וואס איז נוגע צו בטחון און השתדלות. דער ספר איז טאקע נישט אראפגעגאנגען פון זיין טיש דורך די גאנצע תקופה.

דאס האט אים געוואלדיג מחזק געווען, און דערמיט האט ער אויך געקענט מחזק זיין זיין ווייב, נישט צו פארלירן דעם האפענונג און בטחון אינעם גרויסן באשעפער, וואס ער שפייזט יעדן איינעם, מקרני ראמים עד ביצי כינים. יעדן טאג ביים עסן נאכטמאל, פלעגט ער איבערלערנען מיט זיין ווייב, דאס וואס ער האט היינט געלערנט אין שער הבטחון, און די חידושים וואס איז אים נתחדש געוואָר דערביי!

אזוי האט דער פארפאלק דורכגעלעבט א לענגערע תקופה אין ארימקייט, זייענדיג גליקליך און רואיג מיט א געוואלדיגע פשטות, מקפיד געווען אויף קלה כבחמורה, און זיך געשטארקט די גאנצע צייט מיט א מורא'דיגע בטחון אינעם חסד ה'. ממש ווי די וועגן פון רבי עקיבא און זיין ווייב רחל (נדרים נ.). זייער שטארקייט און ערליכקייט שטייענדיג פעסט אינעם נסיון, אן זיך צו מתרעם זיין אדער אויפרעגן, האט געמאכט א געוואלדיגער רושם למעלה, איז נגזר געווארן פון הימל, אז זיי זאלן ארויסגיין מצרה לרווחה!

-> • <-

איין נאכט, איז אים איינגעפאלן די פאלגנדע געדאנק: האבנדיג אביסל ערפארונג אין מעקלעריי (תיווך/ריעלטי), האט ער געוואלט פראבירן זיין מזל אין דעם פעלד. ממחשבה למעשה, האט ער זיך געווענדן צו עטליכע פון זיינע באקאנטע וואס זענען עוסק אין דעם, און געוואלט הערן אויב זיי האבן אפשר א גוטע הצעה. איינער פון זיינע חברים האט אים פארגעשלאגן א 'געשעפט' וואס שטייט שוין עטליכע יאר אן קיין קונה...

דאס איז געווען א ריזיגע און טייערע געביידע, אין איינע פון די בעסערע געגנטער אין צענטער פון מאנהעטן, וואס איז ווערד געווען פערציג מיליאן דאלער ($40,000,000)! אדרבה! האט זיין חבר געזאגט, לאמיר זען ווי דו טויגסט אלס גוטער מעקלער, און דו ברענגסט א גוטן קונה פאר אזא גוטע געשעפט, און דו וועסט שיין באלוינט ווערן!

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, נאכן זוכן און נישט טרעפן קיין קלענערע און מער פשוט'ע געשעפט מיט וועלכע צו האנדלען, האט ער באשלאסן אז ער גייט פראבירן זיין מזל מיט דעם ריזיגן געשעפט (דיל). ער האט אריינגעשטעלט א קליין באשיידענע מודעה אין אן ארטיגן צייטונג, וואו ער האט פאָרגעשטעלט אביסל פרטים וועגן דער בנין, די אדרעס און די פרייז, און אז מען קען דארט אריינגיין גלייך נאכן באצאלן!

-> • <-

איינס פון די באליבטע אונטערהאלטונגען פון די רייכע סוחרים פון מאנהעטן, איז דאס גליטשן איבער די אייז... ובלע"ז - סְקִי. דאס טוען זיי אינעם

המשך אין עמוד ד' >|

ריזיגן סקי-ארט אין מאנהעטן. איינער פון די אפטע גליטשער אין ארט, א ריזיגער שווארצער מנושם'דיגער גוי, האט זיך באקוועם געמאכט אויפן בענקל, נאכן ענדיגן א לאנגע שווערע סקי, און אינמיטן טרינקען א פיינע קאלטע גלעזל משקה, איז זיינע אויגן געפאלן אויף א שטיקל פונעם טעגליכן צייטונג וואס האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד. זיין נייגער האט זיך אנגעצינדן, און ער האט עס אויפגעהויבן פון דער ערד, וועלנדיג זען וואס דארט שטייט... דא האבן זיינע אויגן באמערקט א קליינע מודעה אין זייט, איבער א גרויסע טייערע בנין וואס שטייט צום פארקויפן. די הצעה איז אים גוט געפאָלן! אין זיינע אויגן קען ער נאך גוט פארדינען דערפון, און ער האט גלייך געקלינגען דעם טעלעפאן-נומער וואס איז געשטאנען אויפן מודעה.

אונזער פרישער מעקלער, איז ערשטוינט געווארן פון די באלדיגע תוצאות פון זיין קליין מודעה'לע, און נאכן הערן מער פרטים פונעם גוי, איז קלאר געווארן אז דא רעדט זיך פון אן ערנסטער קונה, וועלכער איז גרייט אראפצולייגן דעם גאנצן סכום תיכף ומיד!

געציילטע טעג זענען פארביי, און דעם גרויסן געשעפט איז געקומען לידי גמר. אונזער פריינד האט פארדינט א ריזיגן סכום געלט אויפאמאל! באקומענדיג איינס און א האלב פראצענט, סיי פונעם מוכר און סיי פונעם קונה, מעקלעריי-געלט, וואס צוזאמען האט עס באטראפן נישט ווייניגער ווי $1,200,000 (מיליאן צוויי הונדערט טויזנט דאלער)!

דעם שיינעם סכום איז נאר געווען די "פתיחה" פון זיין ארבעט אינעם פעלד פון ריעלטי (מעקלעריי/תיווך), ווייל פון דעמאלטס און ווייטער האט זיך זייך מזל שטארק געהויבן, זייענדיג היינט-צו-טאג איינער פון די גרעסטע און די שטערקסטע מעקלער אין ניו יארק.

אין א קורצע צייט זענען זיי שטארק נתעשר געווארן מיט די ברכה פונעם אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (פד, ו) "אשרי אדם עוז לו בך"!

[מתוך שיחה פרטית י"ד מרחשון תשע"ג]

-> • <-

און נאך א מעשה איבער ריעלטי געשעפטן אינעם גרויסן אמעריקע...

די פאלגנדע מעשה וואס איז געשען מיט עטליכע יאר צוריק אין אמעריקע, טוט אויך ווייזן דעם שטארקן כח און ברכה וואס קומט מיט די מדה פון פולע בטחון אינעם אויבערשטן - און אויך איבערן גרויסן שפע וואס קומט דורכן בענטשן ברכת המזון געדולדיג און מיט כוונה!

די מעשה האב איך געהערט פון א באגלייבטער מענטש, א גרויסער בעל משפחה אין אמעריקע, וועמען עס איז זייער שווער געגאנגען מיט פרנסה, און בנוסף צו דעם איז זייער הויז געווען פאר'משכונ'ט אין אן ארטיגער באנק פארן מארטגעדזש (משכנתא).

נאכדעם וואס עטליכע חדשים זענען זיי נישט געשטאנען אין די חודש'ליכע צאלונגען פארן מארטגעדזש, האבן זיי אנגעהויבן באקומען סטראשונגען פונעם באנק, אז אויב זיי וועלן נישט צאלן דעם גאנצן חוב, וועט די דירה צוגענומען ווערן דורכן באנק! קיין סאך צייט איז נישט פארביי, ווען די שרעקליכע בריוו איז אנגעקומען! דאס איז געווען א גע'חתמ'טער בריוו פונעם פעדעראלער בית-משפט, וואו עס איז געשטאנען אז זיי מוזן ליידיג מאכן די דירה ביז נייניציג טעג ארום, אדער באצאלן דעם גאנצן חוב!

דער מענטש האט נישט געוואוסט וואס צו טון, קיין פרוטה צו באצאלן האט ער נישט געהאט, ער האט זיך אבער מחזק געווען צוזאמען מיט זיין משפחה, מיט שטארקע בטחון, און ער האט געבעטן זיין הויזגעזינד צו פארגיסן הייסע תפילות פארן כסא הכבוד.

זיך דורכרעדנדיג מיט איינער פון זיינע נאנטע ידידים, גאר אן ערליכער איד, האט ער אים צוגעצייכנט א קלארער פסק וואס ווערט גע'פסק'נט אין משנה ברורה (סי' קפ"ה ס"ק א) אין נאמען פונעם ב"ח (שם) בשם ספר החינוך (מצוה ת"ל) וועלכער שרייבט אז ער האט א קבלה פון זיינע רבי'ס, אז יעדער וואס געבט אכטונג אויף ברכת המזון, געפינט זיך ביי אים זיין שפייז זיין גאנצן לעבן בכבוד, און ווער עס איז מדקדק במצוות, זאל אכטונג געבן לכתחילה צו בענטשן אינעווייניג און נישט אויף אויסנווייניג, ביז אהער שטייט דארט אין משנה ברורה.

הערנדיג די ווערטער, האט דער מענטש באשלאסן אז ער און זיין משפחה גייען שוין אנהייבן מקיים זיין די הלכה בהידור! - די הבטחה פון רבי אהרן הלוי ז"ל, בעל החינוך, איז אונז מער ווערד ווי אלעס - האט ער געזאגט צו זיין משפחה. זיי האבן זיך אויך גלייך אנגעצינדן, און האבן זיך אונטערגענומען צו בענטשן בכוונה אינעווייניג אין סידור. כדי זיך נאכמער צו מחזק זיין, האט דער איד אנגעהויבן לערנען קביעות'דיג אינעם ספר החינוך, כדי מקשר צו זיין נפשו ונשמתו בנשמת רבינו בעל החינוך.

די ישועה האט טאקע נישט געשפעטיגט צו קומען...

-> • <-

שוין פון יארן פריער, האט דער איד פארמאגט א גרויסן שטח, אין איינע פון די פאָרשטעט פון "דענווער", דאס איז די הויפטשטאט פון "קאָלאָראַדאָ" [איינע פון די לענדער וואס שטעלן צוזאם די פאראייניגטע שטאַטן (ארצות הברית) פון אמעריקע]. דאס איז געווען א פוסטע שטח ביים ברעג שטאט... אזוי איז דער שטח געשטאנען ליידיג יארן לאנג, נישט קענענדיג ארויסנעמען דערפון קיין שום פארדינסט. וויפיל ער האט פראבירט, איז עס אים נישט געלונגען עס צו פארקויפן, נישט צו פארדינגען, אדער דארט צו פלאנצן... עס איז ממש געווען כאבן שאין לה הופכים, אויסער די קליינע סכום געלט וואס ער האט געדארפט באצאלן פון צייט צו צייט, פאר מעינטענענס (תחזוקה)...

קעגן אט דעם פוסטן ארט, איז געשטאנען די גרויסע געביידע פונעם דארטיגן פאליציי-סטאנציע, וואס האבן דווקא געוואלט האבן א רואיגע ארט, ווייט פונעם שטאטישן טומל, און ווייט פון דארט וואו מענטשן וואוינען. אין איינע פון די טעג, איז אנגענומען געווארן א החלטה ביי די הנהלה פון די פאליציי, אויפצושטעלן א ריזיגן בנין, וואס וועט דינען אזוי ווי א קוואטיר (דארמיטארי) פאר די פילע פאליצאנטן, וועלכע דארפן פון צייט צו צייט דינען עטליכע טעג נאכאנאנד, דארט וועלן זיי האבן שלאף-צימערן, א גרויסן עס-זאל און קאך, וואו די פאליציאנטן וועלן עסן זייערע מאלצייטן, אויך באלקאנען (פאָרטשעס) צו שעפן לופט, און אפילו ווינקלעך צו רייכערן... - זיי האבן געזוכט א שיינע און זייטיגע שטח, וואס זאל זיין סיי ווייט פון די שטאטישע טומל, און סיי נאנט צום פאליציי-סטאנציע, וואו די פאליציאנטן ארבעטן דורכן טאג.

זוכנדיג א פאסיגן ארט, האבן זיי געטראפן דעם אויבנדערמאנטן שטח וואס האט באלאנגט צו אונזער באקאנטן, וואס איז געווען קעגנאיבער דער פאליציי-סטאנציע, און האט פונקט געפאסט צו דאס וואס זיי האבן געזוכט. זיי האבן מברר געווען די פרטים פונעם בעל הבית, און ער האט באקומען אן אפיציעלער בריוו פונעם פאליציי, אז זיי ווילן קויפן פון אים דעם שטח פאר זייער א גוטן פרייז! ער האט זיך זעלבסטפארשטענדליך שטארק געפריידט דערצו. ביידע צדדים האבן גע'חתמ'עט, און ער האט באקומען אין האנט א ריזיגע סכום געלט אויפן ארט! וואס מיט א קליין טייל דערפון האט ער גלייך באצאלט דעם חוב פאר זייער מארטגעדזש, און מיט די איבעריגע געלט האט ער זיך יארן לאנג געשפייזט בריווח גדול, פונקט אזוי ווי די הבטחה פונעם ספר החינוך: "מזונותיו מצויות לו כל ימיו בכבוד"!

[נאך א מעשה ענדליך צו דעם, פון די גרויסע סגולה פון בענטשן ברכת המזון בכוונה, נאכן עס הערן פון איינער וואס איז געראטעוועט געווארן פון הונגער ביי די צווייטע וועלט-מלחמה, זע אין ספר "טיב הקהילה תשע"א" פרשת עקב].

[מתוך שיחה פרטית י"ד מרחשון תשע"ג]


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל צבי סייפר

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

# תולדות

**האמורים בפרשה - קוקן אויף דעם תכלית פון יעדער זאך**

'**ואלה** תולדות יצחק בן אברהם' (כה, יט). זאָגט רש"י: 'יעקב ועשו האמורים בפרשה'.

**האָבן** צדיקים געזאָגט, דאָס וואָרט 'בפרשה', איז אויך מרמז, אַז יעדער איד דאַרף וויסן, אַז ער שטייט כסדר אויף אַ 'פרשת דרכים', און ער האָט די בחירה, אויסצואוויילן די וועגן פון יעקב אבינו ע"ה, דעם גוטן וועג וואָס פירט צו עולם הבא, אָדער די שלעכטע וועגן פון עשו הרשע[א]. ער דאַרף מאַכן אַ 'הפרשה' - אַן אָפּשיידונג, אָפּצוטיילן צווישן לעכטיגקייט און פינצטערניש[ב], און גיין אויפ'ן וועגן פון דעם באַשעפער און זיין תורה[ג].

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כה-כו) 'ויקראו שמו עשו, ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו, ויקרא שמו יעקב', זאָגט דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (פרשתינו, אות א) אַז די נעמען

---

**א.** יעקב און עשו זענען דאָך געווען צווילינג, ווי מיר לייענען היינט אין דער פרשה (כה, כד) 'וימלאו ימיה ללדת, והנה תומים בבטנה'. זאָגט דער ריטב"א (סוף מסכת פסחים, ד"ה 'ואתן ליצחק'), אַ טעם פאַרוואָס יעקב און עשו זענען געווען צווילינג. עס זענען דאָ מענטשן וואָס זאָגן, איך בין נישט ביכולת צו לערנען און דאַווענען און דינען דעם אויבערשטען, ווייל איך בין דאָך נישט געבוירן ביי ערליכע און חשוב'ע עלטערן, אַזוי ווי יענער גאון אָדער צדיק. אַנדערע זאָגן, וואָס קען איך טוהן, איך בין נישט געבוירן געוואָרן אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט אַ גוטער מזל, אַזוי ווי דעמאָלס ווען יענער צדיק איז געבוירן, אָדער, אין דעם 'אָרט' וואו יענער צדיק איז געבוירן... וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז יעקב און עשו זאָלן זיין 'צווילינג', זיי זענען געבוירן געוואָרן ביי די זעלבע עלטערן, דער זעלבער טאַטע יצחק און די זעלבע מאמע רבקה, אין דעם זעלבן מזל, און אין זעלבן אָרט... פונדעסטוועגן, איז עשו געווען אַ רשע, און יעקב איז געווען 'איש תם, יושב אהלים'. פון דעם קענסטו זיך אַרויסלערנען, אַז נישט די 'נאַטור' איז גורם, נישט דאָס אָרט איז גורם, און נישט די עלטערן, נאָר דער רצון פון אַ מענטש, באַשטימט אויב ער זאָל זיין אַזוי ווי יעקב אבינו ע"ה, אָדער חלילה ווי זיין ברודער עשו...

**ב.** אין דעם הספד וואָס הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם גאון מהר"ם שיק זי"ע, האָט ער געזאָגט (געברענגט אין ספר 'נפש יהונתן', פ' וארא, ד"ה 'הירא'). וועגן עשו, זאָגט דער פסוק (פרשתינו כה, כז) 'ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים'. געוועגליך זאָגט דער פסוק אַ 'דבר והיפוכו' - אַ זאַך, און דאָס פאַרקערטע דערפון. מיט וואָס איז אַ פעלד-אַרבעטער ('איש שדה') פאַרקערט פון דעם 'איש תם יושב אהלים'?

האָט דער 'ייטב לב' געענטפערט, די גמרא זאָגט (חולין קטז:) אויפ'ן פסוק (שמות כב, ל) 'ובשר בשדה טריפה לא תאכלו', אַז די כוונה דערפון איז, פלייש וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן פון זיין מחיצה. דאָס הייסט, 'איש שדה' איז מרמז אויף איינעם וואָס האָט נישט קיין 'מחיצות'. ער האָט נישט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך גדרים און סייגים, כדי זיך אָפּצוהיטן פון אַן עבירה. אַזאַ איינער איז חלילה אינעם גדר פון 'טריפה'. דאַקעגן, יעקב אבינו ע"ה, ווערט אָנגערופן "יושב אהלים'. ער האָט זיך אַרומגענומען פון אַלע זיינע פיר זייטן מיט 'מחיצות', אַזוי ווי אַ פאַרמאַכטער געצעלט, און געמאַכט גדרים און סייגים כדי זיך צו דערווייטערן פון אַן עבירה. (דערמיט האָט דער סיגעטער רב זי"ע געוואָלט לויבן דעם חוסטער רב, דער מהר"ם שיק זי"ע, אַז ער איז אַלע יאָרן געגאַנגען אין די וועגן פון די אבות, און האָט געהאָלפן אָוועקשטעלן גדרים און סייגים, מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, און אָפּהיטן אידישע קינדער פון יעדער פירצה בחומת הדת).

דאָס איז דער חילוק צווישן יעקב און עשו. דער מענטש וואָס האָט אַ גדר און אַ סייג, איז ראוי גערעכנט צו ווערן צווישן די קינדער פון יעקב, און דאָס זעלבע פאַרקערט חלילה...

דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה 'כוכב מיעקב' טשעבין, האָט אַמאָל געדאַרפט האָבן אַ גרעסערן סכום געלט. האָט ער געבעטן איינע פון זיינע באַקאַנטע, ביי וועמען עס איז אין אַ מזל'דיגע שעה געבוירן געוואָרן אַ יונגל, ער זאָל איהם מכבד זיין מיט 'סנדקאות' ביים ברית, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט אַז פון סנדקאות ווערט מען רייך (רמ"א יו"ד סי' רסה, סי"א).

יעקב און עשו, זענען אַן אָנדײַטונג אויף דעם מהות און דעם חילוק צווישן זיי. יעקב ווערט אָנגערופן 'יעקב', צוליב 'וידו אוחזת בעקב', און 'עקב' איז פון לשון 'סוף'. בײַ יעדן נסיון, פלעגט יעקב קוקן אויף דעם סוף פון דער זאַך[ד]. בײַ יעדער זאַך פלעגט ער זיך מתבונן זיין אינעם תכלית דערין, צי עס וועט אַרויסקומען פון דעם

---

דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן. ער האָט טאַקע מכבד געווען רבי אברהם גניחובסקי מיט סנדקאות, און אין דער זעלבער וואָך האָט רבי אברהם באַקומען צוגעשיקט פון הימל, נישט ווייניגער ווי צען טויזנט דאָלאַר, וואָס איז געווען אַ גאָר גרויסער סכום בימים ההם.

ווען עס איז אַרויס אַ שמועה אין שטאָט, אַז רבי אברהם האָט אָנגענומען אַ סנדקאות, האָבן אַסאַך מענטשן אים אָנגעהויבן מכבד זיין מיט סנדקאות בײַים ברית פון זייערע קינדער, אַ זאַך וואָס רבי אברהם האָט נישט געקענט אָפּזאָגן. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אָבער געשפּירט מיט זיין גרויס עניוות, אַז ער איז נישט ראוי צו דעם כיבוד. האָט ער גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה, מער נישט צו נעמען אַ צייטונג אין האַנט. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז די צווייטע 'עשירות' איז גרעסער ווי דאָס ערשטע... דאָס הייסט, זיין גוטע קבלה נישט צו לייענען מער צייטונגען, איז מער 'ווערד' ווי טויזנטער דאָלאַרן...

אַוודאי איז דאָס גאָר אַ הויכע מדריגה, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר יעדן איינעם. מ'קען אָבער לערנען דערפון די חשיבות פון יעדן גדר און סייג וואָס דער מענטש שטעלט אַוועק פאַר זיך - יעדער איינער, לויט זיין דרגא...

**ג.** דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון חז"ל (שבת לא.) 'דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושא הוא, זיל גמור'. דער גרעסטער שונא פונעם מענטש, איז דאָך זיין יצר הרע (סוכה נב.). אויף דעם זאָגט די גמרא: 'דעלך סני' - דיין שונא (דער יצר הרע). 'לחברך לא תעביד' - זאָלסטו אים נישט מאַכן פאַר דיין 'חבר'... 'זו היא כל התורה כולה' - דאָס איז דער עיקר פון אַלע מצוות פון דער תורה, צו לערנען דעם מענטש ווי אַזוי זיך צו דערווייטערן פונעם יצר, און פון יעצט און ווייטער, 'זיל גמור', גיי אַרויס, און לערן זיך די תכסיסי מלחמה קעגן דעם יצר...

**ד.** מיר האָבן געהערט פון אַ חכם, יעקב'ס חלק איז דאָך עולם הבא. ער טראַכט שטענדיג אויף דעם וואָס עס וועט זיין 'להבא' - דער סוף און תכלית פון יעדער זאַך. עשו האָט אָבער גענומען 'עולם הזה' (תדב"א זוטא, פי"ט, וזוה"ק ח"א, קמג:). דאָס הייסט, אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען געוואָנדן נאָר צו דעם וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן בשעת מעשה, וואָס מ'קען אָנווייזן מיט'ן פינגער דערויף: 'זה' - דאָס איז עס, און מער נישט... אַזוי ווי אַ בהמה, וואָס זעהט נאָר דאָס וואָס שטייט פאַר איר יענע מינוט, אָן צו טראַכטן 'הפסד מצוה כנגד שכרה'.

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע שטעלט-פאַר אויף אַ זיסן אופן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן יעקב און עשו. נאָך דעם ווי די ברידער האָבן זיך איינגעטיילט מיט ביידע וועלט, איז אָנגעקומען דער הייליגער שבת, און עשו איז אַריינגעגאַנגען אין יעקב'ס געצעלט, און ער איז געווען ערשטוינט צו זעהן ווי יעקב זיצט מיט זיינע תלמידים, און פּראַוועט אַ טיש מיט פלייש און פיש, און אַלע מטעמים... האָט עשו זיך געוואָנדן צו יעקב מיט אַ טענה, זאָגנדיג: ברודער טייערער, דער גאַנצער 'עולם הזה' איז דאָך מיינער. ווי קומסטו צו געניסן פון תענוגי עולם הזה?!... האָט יעקב אים געענטפערט: היינט איז דאָך שבת, וואָס איז 'מעין עולם הבא', און מ'דאַרף זיך מתענג זיין מיט פיש און פלייש און אַלע אַנדערע מאכלים און מעדנים...

זונטאָג, איז עשו ווידער געגאַנגען צום געצעלט פון יעקב, און אָט זעהט ער ווידעראַמאָל, ווי יעקב זיצט און פּראַוועט מיט זיינע תלמידים, אַ סעודה כיד המלך... האָט עשו אים ווידער געפרעגט, 'וואָס איז היינט?', און יעקב האָט אים אויפגעקלערט, אַז היינט איז 'ראש חודש', ווען עס רוהט אויפ'ן מענטש אַן רוח גן עדן, און ס'איז אַ מצוה צו מאַכן אַ סעודה. איז עשו ווידער אַוועק פון דאָרט בפחי נפש.

דאָנערשטאָג, איז עשו נאָך אַמאָל געקומען, און ... ווידער זעהט ער ווי יעקב זיצט בראש פון אַן 'אסיפת מרעים', און מ'פּראַוועט אַ 'סעודת שלמה בשעתה'... האָט יעקב אים געזאָגט, היינט איז אַ 'יומא טבא לרבנן' - מיר פּראַוועט אַ יום טוב, ווייל מיר האָבן זוכה געווען אַדורכצולערנען די גאַנצע מסכתא בבא קמא, און מיר פייערן יעצט דעם סיום מסכתא... ער האָט אָנגעבאָטן פאַר עשו, אַז אויב ער וויל דווקא, קען ער זיך צוזעצן צו אַ נייעם שיעור אויף מסכתא בבא מציעא, וואָס מ'גרייט זיך אָנצוהייבן מאָרגן, און אַזוי וועסטו אויך זוכה זיין צו אַ 'סעודה', ביים

גוטס, אָדער שלעכטס, און נאָר לויט דעם האָט ער באַשלאָסן צי ער זאָל עס טוהן, אָדער נישט".

עשו, אָבער, 'כשמו כן הוא'. 'עשו' איז פון לשון 'עשיה'. ער האָט געטוהן אַ פעולה, אָן אַ התבוננות פריער אויב ער וועט עפּעס פאַרדינען דערפון, אָדער ער וועט שאָדן האָבן ברוחניות און אויך בגשמיות, נאָר ער האָט עס געטוהן אָן טראַכטן פריער, און וועגן דעם האָט ער אַזוי פיל געזינדיגט, און ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט אַ חשבון הנפש - 'חשבונו של עולם' - צו געדענקען 'לאן אתה הולך'. עשו האָט שטענדיג געלעבט מיט די סעקונדע און די תאווה, וואָס האָט געברענט אין איהם יענע רגע'.

---

סיום פון מסכתא בבא מציעא, הבא עלינו לטובה... האָט עשו זיך צוגעזעצט צומאָרגנס כדי מיטצולערנען מיט זיי מסכתא בבא מציעא, און באַלד אויפ'ן ערשטן עמוד, ביי די ערשטע סוגיא - 'שנים אוחזין בטלית', האָט עשו געזעהן דעם מצב... און ער האָט אַן אויפגערעגטער פאַרמאַכט די גמרא, און ער איז אַרויסגעלאָפן פון בית המדרש מיט דער נשמה אויפ'ן שפּיץ נאָז...

אַ פאַרטרויערטער און פול מיט צער און עגמת נפש, איז עשו אַריבערגעגאַנגען צו זיין פעטער ישמעאל, און איהם געפרעגט וואָס ער זאָל דאָ טוהן מיט זיין ברודער יעקב, וועלכער 'לאָזט זיך וואוילגיין' אויף דער וועלט, אויף זיין חשבון, 'צונעמענדיג' פון איהם זיין עולם הבא... האָט ישמעאל איהם געראַטן צו ווענדן זיך צו יעקב און ער זאָל איהם זאָגן, אַז ער שפּירט נישט קיין טעם און פאַרגעניגן פון גאַנצן עולם הזה וואָס ער האָט באַקומען אין זיין חלק, ווייסנדיג אַז דערנאָך וועט ער נישט האָבן אַ חלק אין עולם הבא. אַזוי אַז אויך 'עולם הזה', האָט ער נישט...

אַזוי האָט עשו געטוהן. ער איז געגאַנגען צו יעקב, און פאָרגעלייגט פאַר איהם זיינע טענות. האָט יעקב איהם געזאָגט: 'איך פאַרזיכער דיר, אַז דו וועסט האָבן אַ חלק אין עולם הבא'. איז עשו אַהיים געגאַנגען פריילך, און פון דאַן און ווייטער האָט ער זיך געלאָזט וואוילגיין אויף דער וועלט, געניסנדיג פון אַלע תאוות עולם הזה.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון עשו'ס פאַרלאָזן די וועלט, האָט ער פאַרלאַנגט מ'זאָל איהם אַריינלאָזן אין גן עדן, ווייל זיין ברודער יעקב האָט דאָך איהם צוגעזאָגט אַ חלק אין עולם הבא... האָבן די מלאכים געַ'טענה'ט, דער גאַנצער צוזאָג אויף עולם הבא וואָס יעקב האָט דיר געגעבן, איז דאָך נאָר געווען כדי דו זאָלסט לעבן רואיג אויף דער וועלט, אָבער יעצט, אַז דו האָסט טאַקע גענאָסן פון אַלע תאוות עולם הזה מיינענדיג אַז עס ערוואַרט דיך אויך עולם הבא, קומט דאָך דיר באמת גאָרנישט - דיין פלאַץ איז אין גיהנום...

**ה.** דאָס איז נאָך מער גילטיג לגבי דעם ענין פון דיבור - אַרויסזאָגן אַ וואָרט פון מויל. עס איז באַקאַנט דער מאמר החכם, איידער דו האָסט אַרויסגענומען דאָס וואָרט פון מויל, ביזטו דער באַלעבאָס אויפ'ן דיבור, אָבער נאָכ'ן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, איז ער דיין באַלעבאָס... פאַר כל הון דעלמא, וועסטו עס מער קיינמאָל נישט קענען צוריקברענגען (אפי' אויב דו וועסט אָנזאָגן מיט טויזנט אזהרות דעם מענטש וואָס האָט דיך געהערט רעדן, זאָלסטו נישט זאָגן, איך האָב אַזוי געזאָגט, ווער קען דיר פאַרזיכערן אַז ער וועט דיך פאָלגן און ער וועט עס פאַר קיינעם נישט דערציילן. עס טרעפט דאָך אָפט מאָל אַז אויך ער דערציילט פאַר אַ צווייטן, און ער זאָגט אָן פאַר יענעם, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן... וועגן דעם דאַרף מען גוט איבערטראַכטן יעדעס וואָרט איידער מ'זאָגט עס אַרויס פון מויל, ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (אגרת הרמב"ן), 'חשוב הדיבור קודם שתוציאנה מפיך' - דו זאָלסט גוט אַדורכטראַכטן דאָס וואָרט, איידער דו זאָגסט עס אַרויס פון מויל.

**ו.** אין דער היינטיגער פרשה (כה, ל) לייענען מיר: 'ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדום האדום הזה, על כן קרא שמו אדום'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ווערט ער אָנגערופן 'אדום', און נישט 'הלעיטני', אָדער 'נא'. איז דער תירוץ, דער מענטש ווערט אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פון זיין 'מהות', און דאָ, ווען עשו איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער גאָרנישט געזעהן פאַר זיינע אויגן נאָר 'אדום', 'אדום' - רויט, און רויט... ער האָט נישט געטראַכט אַפילו פאַר אַ סעקונדע, צי דאָס דאָזיגע 'רויטע' איז אַ מאכל פון מענטשן, אָדער אַ מאכל בהמה... ער האָט נישט אַריינגעקלערט צי ס'איז האַרט, אָדער ווייך... אויב עס שאַדט פאַר זיין געזונט אָדער נישט... ער האָט נאָר געזאָגט 'אדום, אדום'... וועגן דעם האָט מען איהם גערופן 'אדום', ווייל דאָס איז געווען דער גאַנצער מהות פון עשו - צו בעטן און פאַרלאַנגען אַלעס וואָס זיין האַרץ האָט געגליסט, נישט פרעגנדיג אויב ס'איז גוט אָדער נישט. פון אַזאַ פירונג, דאַרף יעדער איד זיך דערווייטערן, ווי ווייט נאָר מעגליך.

**אך טוב וחסד ירדפוני - אַלע 'רדיפות' זענען פאַר די טובה פון מענטש**

**דער** הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע זאָגט (קדושת לוי', פרשתינו, ד"ה 'אם תעשה'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, כט) 'אם תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך'. עס איז באַקאַנט וואָס דער 'בעל הטורים' זאָגט, אַז אבימלך האָט געוואָלט שלעכטס טוהן פאַר יצחק, און דער אויבערשטער האָט עס איבערגעדרייט צום גוטן, ווייל דער אויבערשטער דרייט איבער אַלע שלעכטע זאַכן צום גוטן, עיי"ש.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון אבימלך, 'אם תעשה עמנו רעה' - אויב דו וועסט אונז וועלן שלעכטס טוהן ח"ו, וועט עס זיכער איבערגעדרייט ווערן צום גוטן. אַ ראיה האָסטו, 'כאשר לא נגענוך' - מיר האָבן דיר געוואָלט שלעכטס טוהן, און דער אויבערשטער האָט עס איבערגעדרייט צום גוטן, און מיר האָבן מיט דיר געטוהן נאָר גוטס, און וויבאַלד די מדה פון דעם אויבערשטען איז דאָך צו טוהן גוטס, ממילא, אויב דו וועסט אונז וועלן שלעכטס טוהן, וועט עס אויך איבערגעדרייט ווערן צום גוטן. וועגן דעם בעטן מיר דיך שוין דו זאָלסט טוהן מיט אונז אַ טובה, ווייל סוף כל סוף, וועט דאָך סיי-ווי אַרויסקומען דערפון אַ טובה, עכ"ל ז.

די כוונה דערפון איז, לויט ווי דער 'בעל הטורים' שרייבט, אַז אין אָנהייב האָט אבימלך געוואָלט

**ז.** אָפט מאָל איז אַ מענטש 'פאַרשטעקט' אין זיין ווייטאָג און אין זיינע שאָדנס. דאַרף ער נאָר עפענען די אויגן צו קוקן אויף אַלע פאַסירונגען מיט אַ השקפה פון אמונה, און גלייבן אַז אַלעס איז פאַר דעם מענטשן'ס טובה.

אַ איד וואָס האָט מיטגעמאַכט אַלע שוידערליכקייטן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה וואו ער האָט געליטן אַסאַך אומבאַשרייבליכע יסורים רח"ל, האָט דערציילט, אַז ווען די רשעים ימ"ש האָבן געזעהן אַז די מלחמה דערגרייט שוין צו אַ סוף, און אַז ביז אַ קורצע צייט וועט די אַמעריקאַנער ארמיי זיי באַזיגן, האָבן זיי געוואָלט פאַרדעקן זייערע שוידערליכע פאַרברעכנס, אַז די וועלט זאָל זיי נישט אָנקוקן ווי אכזריות'דיגע מערדער, און זיי האָבן איינגעמאָלדן פאַר אַלע מענטשן וואָס האָבן געשמאַכטעט אין לאַגער, אַז יעדער איינער קען קומען, און מ'וועט איהם געבן ברויט צו די זעט (כדי צו פאַרשטיין פון וואָס עס האַנדלט זיך, האָט דער איד דערציילט, אַז אין יענע צייט, נאָך פינף יאָרליידן שרעקליכן הונגער ווען מ'האָט געגעסן קוים אַ קליין שטיקל טרוקן ברויט, און מ'האָט 'געזעטיגט' דעם דורשט מיט טרינקען שמוציג וואַסער, אויב מ'וואָלט דעמאָלס געפרעגט איינעם פון די אידן אין לאַגער, וואָס ער וויל ענדערש האָבן - אַ שטיקל ברויט, אָדער ער וויל אנשטאט דעם, זיך באַפרייען פון דעם שוידערליכן לאַגער, וואָלט יעדער אַוודאי אויסגעקליבן דאָס שטיקל ברויט...).

איז דער איד געגאַנגען און זיך געשטעלט עטליכע מאָל אין דער רייע, כדי צו באַקומען נאָך אַ שטיקל ברויט. נאָך דעם ווי ער האָט צוזאַמענגעזאַמלט עטליכע פאָרציעס, איז ער שטילערהייט געגאַנגען צו זיין באַראַק, און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין 'בעט', כדי צו שטילן דעם הונגער. אויפ'ן וועג האָבן אָבער עטליכע רוסישע אַרעסטאַנטן איהם געכאַפּט, און איהם געשאָלטן אַז ער איז אַ גנב. ער האָט זיך אָבער נישט וויסנדיג געמאַכט פון זייערע געשרייען, זאָגנדיג, אַז זיי זענען געפאַנגענע דאָ פּונקט אַזוי ווי ער, און אַז זיי זענען נישט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים. זיי האָבן איהם אָבער נישט אָפּגעלאָזט, און האָבן איהם דערלאַנגט אכזריות'דיגע קלעפּ און צוגערויבט זיין ברויט, נישט איבערלאָזנדיג פאַר איהם אַפילו אַ פּאָרצע צו זעטיגן זיין הונגער. אַזוי איז דער איד געלעגן אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיגטער, און מיט אַ צובראָכן האַרץ, האָט ער אַפילו נישט געקענט וויינען. פון גרויס צער, האָט ער אויסגעשריגן פון טיפן האַרצן: 'רבונו של עולם, אויב דו האָסט געוואָלט צונעמען פון מיר די נשמה, האָסטו דאָך געקענט אַזוי טוהן יעדע מינוט אין די לעצטע פינף יאָר וואָס איך האָב זיך געפונען דאָ אינעם לאַגער, און אַז דו האָסט נישט געטוהן אַזוי, איז משמע אַז דיין רצון איז געווען איך זאָל ווייטער לעבן. ווי אַזוי וועל איך יעצט שטאַרבן, נאָכ'ן אַדורכלעבן אַלע פייניגונגען און יסורים... מיט אט די געדאַנגען, איז ער איינגעשלאָפן אויף דער ערד.

אינדערפרי, ווען ער האָט געעפענט די אויגן, האָט ער געזעהן די זון-שטראַלן אַריינשיינען אינעם באַראַק. פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר זייער אויסלייזונג פון די נאַציסטישע מערדערישע לאַפּעס. ווייל אַלע יאָרן אין לאַגער, פלעגן די רשעים ימ"ש זיי אויפוועקן גאַר פרי פאַרטאָגס, און מ'האָט זיי באַלד אַריינגעטריבן אין לאַגער, וואו מ'האָט אָפּגעציילט אַלע אַרעסטאַנטן מיט שרעקליכע דערנידריגונגען. יעדער וואָס האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום 'אַפּעל' צו דער מינוט, איז געווען פאַראורטיילט צו...

הרג'ענען יצחק, נאָר ער האָט עס נישט באַוויזן צו טוהן. נאָר פאַרקערט, נישט נאָר וואָס דער אויבערשטער האָט גערעטעוועט יצחק פון אבימלך'ס הענט, נאָר אבימלך איז גאָר געווען געצוואונגען צו טוהן אַ טובה, און יצחק

---

יענעם טאָג, איז דער איד אויפגעשטאַנען פון זיין 'בעט', און אָט זעהט ער ווי אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן פון לאַגער, און אויך די רשעות'דיגע רוסישע געפאַנגענע, ליגן אויף דער ערד, און קיינער רירט זיך נישט. דאַן האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אַז די נאַציס ימ"ש האָבן נישט געזוכט צו טיילן ברויט צו זעטיגן די אַרעסטאַנטן פאַר זייער באַפרייאונג, נאָר זיי האָבן פשוט געצילט זיי אומצוברענגען דורך אַריינלייגן סם המות אין דעם טייג, און דאָס וואָס ער האָט נעכטן געמיינט אַז זיין וועלט איז חרוב געוואָרן מיט דעם וואָס מ'האָט ביי איהם אַוועקגענומען זיין פּאָרציע ברויט, און ער איז געווען זיכער אַז עס פּאַסירט מיט איהם עפּעס גאָר שלעכט, האָט ער יעצט איינגעזעהן די גרויסע טובה וואָס דער באַשעפער האָט גאָר געטוהן מיט איהם, און אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן בלויז פאַר די קלעפּ וואָס ער האָט געכאַפּט פון די רוסן.

ממילא, האָט דער מענטש נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן איבער זיין מצב. א-ל דעות ה', און אַלעס איז נאָר פאַר די טובה פונעם מענטש.

אַזוי זענען דאָ אַסאַך מעשיות פון מענטשן וואָס האָבן געזעהן אויג אויף אויג, די טובה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. אַמאָל זעהט מען עס ערשט יאָרן שפּעטער, און עס פּאַסירט אויך אַז מ'זעהט ערשט שפּעטער, לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווי די בעלי המעשה זענען שוין נישט אויף דער וועלט.

אַלענפאַלס, אפי' אויב דער מענטש זעהט נאָך נישט קלאָר די טובה פון די זאַך, דאַרף ער געדענקען אַז ער האָט אַ טאַטען אין הימל, 'הטוב ומטיב לרעים ולטובים'... 'אני ה' לא שניתי'. 'ישמח ישראל בעושיו, בני ציון יגילו במלכם', אין יעדן זמן.

אַ מורא'דיג וואָרט, האָט געזאָגט הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, ו-יא) ווען יצחק האָט זיך באַזעצט אין גרר אין לאַנד פלשתים, און די מענטשן פונעם לאַנד האָבן געפרעגט וועגן רבקה, האָט מען איר נישט גענומען אין אבימלך'ס פּאַלאַץ. דאַקעגן שרה אמינו, איז יאָ אַריינגענומען געוואָרן אין הויז פון פרעה (לעיל יב, טו), און צום הויז פון אבימלך (כ, ב). דער טעם איז, מיר געפינען אַז ווען אברהם און שרה זענען געקומען קיין מצרים, האָט אברהם מורא געהאַט אַז מ'וועט נעמען שרה צו פרעה, האָט ער געזאָגט, 'אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך וחיתה נפשי בגללך'. און אויך זאָגט דער פסוק (לעיל כ, יג) 'ואומר לה זה חסדך אשר תעשי עמדי, אל כל המקום אשר נבוא שמה, אמרי לי אחי הוא'. דאָס מיינט, אברהם אבינו ע"ה האָט געמאַכט "פּלענער", ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון די צרה, אָבער ביי יצחק, געפינען מיר נישט אַזאַ זאַך. עס ווערט נישט דערמאָנט אַז ער האָט פריער געזאָגט פאַר רבקה זי זאָל זאָגן אַז זי איז זיין שוועסטער, נאָר ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט טוהן וואָס ס'איז גוט אין זיינע אויגן, און ער וועט איהם פירן אויפ'ן גראַדן וועג. דעריבער האָט דער אויבערשטער איהם אָפּגעהיטן, און ער איז אינגאַנצן נישט 'צוגעקומען' צו אַזאַ מצב...

אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון אונזערע הייליגע אבות, און מיר טאָרן נישט זאָגן פשטים אין זייערע דרכים וואָס זענען געווען 'גבוה מעל גבוה'. עס קומט אָבער אונז לערנען, מ'זאָל נישט מאַכן פּלענער און טראַכטן טאָג און נאַכט 'עצות'. עצת ה' היא תקום, און 'יושב בשמים ישחק', דער אויבערשטער לאַכט אָפּ פון אַלע פּלענער. אדרבה, 'הולך בתום ישכון בטח'.

די ספרים זאָגן אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה האָט געברענגט 'מטעמים' און באַקומען די ברכות פון זיין פאָטער יצחק, איז עשו אַריינגעקומען און יצחק האָט איהם געפרעגט ווער ער איז, און ער האָט געענטפערט, 'אני בנך בכורך עשו', און דער פסוק דערציילט (כז, לג) 'ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד'. זאָגט רש"י, 'כתרגומו ותוה' - אַ לשון פון וואונדער. דאָס מיינט, יצחק האָט זיך זייער געוואונדערט. פרעגן די מפרשים ('שפתי חכמים'), פאַרוואָס האָט רש"י געטוישט דעם פשוט'ן משמעות פון פסוק אַז ער האָט געציטערט, אָדער פון לשון 'אויפטרייסלונג' (ווי דער 'תרגום יונתן' טייטשט)?

איז דער תירוץ, אַז יצחק אבינו ע"ה, מיט זיין גרויסע אמונה אין דעם אויבערשטען, ציטערט ער נישט, און ער זאָרגט זיך נישט פאַר קיין זאַך, נאָר פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. ממילא, מוז מען טייטשן 'ויחרד' פון לשון פאַרוואונדערונג, און נישט מיט'ן פשוט'ן פשט, אַז ער איז געוואָרן אויפגעציטערט...

האָט מצליח געווען הונדערט מאָל מער ווי פריער, און ער האָט געפונען אַסאַך וואַסער-ברונעמס. אויך זיינע שאָף און זיין געלט האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט, ווייל דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט צום גוטן אַלע שלעכטע געדאַנקען פון אבימלך. ווען אבימלך האָט געזעהן די וואונדערליכע זאַך, ווי דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט פאַר יצחק דאָס שלעכטע צום גוטן אויף אַ וואונדערליכן אופן, איז איהם קלאָר געוואָרן די זאַך אַזוי בפשטות, אַז דער אויבערשטער דרייט איבער דאָס שלעכטע צום גוטן, ביי אַלע באַשעפענישן וואָס גלייבן און פאַרזיכערן זיך אויף איהם. - אפילו פאַר גוים שונאי ישראל, וואָס האָבן ערשט אַ טאָג פריער געוואָלט הרג'ענען דעם צדיק הדור ח"ו... - ביז ער האָט אַליין געזאָגט פאַר יצחק אויף אַ זיכערן אופן, אַז ער קען איהם נישט טוהן שלעכטס.

מיר דאַרפן גלייבן דערין, אַז קיין מענטש קען מיט אונז נישט טוהן שלעכטס ח"ו, ווייל דער אויבערשטער וועט עס איבערדרייען לטובה ולברכה[ח].

ממילא, טאָר מען נישט פאַלן ביי זיך ווען מ'זעהט אַז מ'האָט פאַרשידענע ענגשאַפטן, נאָר מ'דאַרף זיך פרייען, פונקט ווי מ'פרייט זיך ווען מ'זעהט אַז אַ מענטש אַ בעל יכולת קומט גוטס צו טוהן מיט אונז ברוחניות אָדער בגשמיות, און נישט נאָר דאָס, נאָר די

---

**ח.** על דרך משל, 'יאָסעלע גולם' (וועלכער האָט געהאַט אַ ניצוץ פון 'יאָסעלע גולם' פון פּראַג), איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שול מיט אַ יאָמערליכן געוויין. מ'האָט איהם געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, און נאָך לאַנגע אויספרעגענישן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט יעצט פאַרלוירן צען מיליאָן דאָלאַר, אַלעס צוליב איין וואָרט פון יענעם און יענעם... ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיגט, האָט ער דערציילט, אַז אינדערפרי האָט ער געטראַכט ביי זיך, היינט וועל איך אַריינגיין אין באַנק, און פאָדערן פונעם באַנק-באַאַמטן ער זאָל מיר געבן צען מיליאָן דאָלאַר, און אַזוי וועל איך מיטאַמאָל רייך ווערן. ער האָט אַפילו שוין געטראַכט וואָס ער וועט טוהן מיט'ן געלט...

אַלזאָ, ער איז טאַקע אַריינגאַנגען אין באַנק, און פאַרלאַנגט פונעם באַאַמטן ער זאָל איהם זאָפאָרט דערלאַנגען צען מיליאָן דאָלאַר. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער באַאַמטער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, און געענטפערט, 'לא'...

אַלע צוהערער האָבן געשאָקלט מיט'ן קאָפּ, איבער דער נאַרישקייט פון 'יאָסעלע גולם', וועלכער פאַרשטייט נישט... ער האָט דאָך קיינמאָל נישט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן סכום, און ממילא, האָט ער עס נישט פאַרלוירן... נאָר ער האָט געהאַט אַ דמיון אין מח. 'כחלום יעוף', דער באַאַמטער האָט איהם בכלל נישט שאָדן געמאַכט, נאָר סך הכל, האָט ער אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין אַן אויפגעבלאָזענעם באַלאָן...

דער נמשל איז, אַזוי זעהען אויס די מענטשן וואָס האָבן 'חלומות', און טראַכטן פאַרשידענע געדאַנקען, און ווען די מחשבות ווערן נישט פאַרווירקליכט, נעמען זיי זיך קלאָגן און וויינען אויפ'ן 'שאָדן'... זיי פאַרגעסן, אַז באמת האָבן זיי דאָך קיינמאָל גאָרנישט פאַרמאָגט... נאָך מער פון דעם, אַפילו אויב ער האָט 'שאָדן געהאַט' געלט און זיין פאַרמעגן איז קלענער געוואָרן - איז עס נישט אַ שאָדן פון זיין געלט, ווייל אויך דאָס פאַרמעגן וואָס ער האָט אין זיין האַנט, איז נישט זיין אייגנטום, נאָר דער אויבערשטער האָט איינגעלייגט ביי איהם אַ 'פּקדון', און דער אויבערשטער האָט עס צוריקגענומען.

אַזוי זאָגט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל ('דרש משה', וישלח, ד"ה 'ויהי לי'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כז, כח) 'ויתן לך'. זאָגט רש"י, 'יתן ויחזור ויתן'. די כוונה איז נישט אַז דער אויבערשטער וועט איהם געבן גוטע השפעות צוביסלעך, צוביסלעך, און אַז וועגן דעם וועט ער איהם געבן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ווייל וואָס פאַר אַ חשיבות איז עס צו באַקומען שפע צוביסלעך. ס'איז דאָך מעגליך אַז ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש צו באַקומען אַלעס אויף איינמאָל.

נאָר די כוונה פון די ווערטער 'ויתן ויחזור ויתן'. עס גייט אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט איהם שוין געגעבן. ער זאָל אייביג אנערקענען אַז אַלעס איז אַ מתנה פון דעם אויבערשטען, וועלכער גיט איהם שטענדיג, יעדע מינוט. יעדע רגע וואָס די שפע געפינט זיך אין דער האַנט פונעם מענטש וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן, איז עס אַזוי ווי אַ נייע נתינה. ס'איז נישט גלייך צו אַ מתנה וואָס איינער גיט צו זיין חבר, וואָס נאָך דעם ווי ער האָט עס איהם געגעבן, איז עס אינגאַנצן אַרויס פון זיין האַנט, און אַריין אינגאַנצן אין די הענט פון דעם

טובה וואָס קומט אַרויס וועגן די רעה ווערט איבערגעדרייט, איז נאָך פילפאַכיג מער טובה, ווייל דאָס איז דאָך אַ טובה פונעם באַשעפער ברוך הוא וואָס ער איז דער בעל יכולת, און נישט פון די הענט פון אַ בשר ודם.

**פון** דער היינטיגער סדרה לערנען מיר אויך וועגן די טובה וואָס קומט אויפ'ן מענטש צוליב די רדיפות וואָס ער ליידט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (כז, כט) 'אורריך ארור, ומברכיך ברוך'. זאָגט רש"י, ביי די צדיקים 'אורריהם ומצעריהם קודמים למברכיהם' - זייערע שעלטער און די וואָס זענען גורם פאַר זיי צער, קומען פריער ווי די וואָס בענטשן זיי.

**פרעגט** דער 'דברי ישראל' (פרשתינו) וויבאַלד זיי זענען צדיקים, פאַרוואָס זענען דאָ מענטשן וואָס שעלטן זיי און זענען זיי מצער?

**ענטפערט** דער 'דברי ישראל', לויט די ווערטער וואָס זיין טאַטע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קט, כח) 'יקללו המה ואתה תברך'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דוד המלך ע"ה געבעטן אַז זיינע פיינט זאָלן איהם שעלטן ('יקללו המה')? לכאורה, וואָלט ער ענדערש געדאַרפט זאָגן, 'אם יקללו המה, אתה תברך'.

**איז** דער תירוץ אויף ביידע קשיות, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים כג, ו) 'אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי'. די רדיפות וואָס די צדיקים ליידן זענען נאָר אַ טובה און אַ חסד פאַר זיי, ווייל דאָס הייבט זיי אויף און ברענגט זיי אַ טובה. קומט אויס, אַז דאָס שעלטן - 'יקללו המה' - איז גורם 'ואתה תברך'. וועגן דעם האָט ער נישט געזאָגט 'אם יקללו', נאָר 'יקללו', ווייל דייקא די קללה וואָס די שונאים שעלטן איהם, ברענגט אויף איהם אַ ברכה.

**כריח שדה אשר ברכו ה' - זיין בשפלות איז אַ שעת הכושר פאַר אַלע ברכות**

**עס** איז באַקאַנט די קשיא פונעם ר"ן ז"ל ('דרשות הר"ן', דרוש ה') פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז יצחק זאָל וועלן בענטשן עשו און נישט יעקב, און יעקב האָט געדאַרפט אַרויסנאַרן די ברכות פון זיין טאַטן יצחק.

**זאָגט** דער גאון דער קאָזשיגלוב'ער רב זצ"ל ('ארץ צבי', שנת תרפ"ה, ד"ה 'בדרשות'), עס איז באַקאַנט אַז ענוה און שפלות הרוח, איז די שענסטע מדה, און די גמרא זאָגט (סוטה ה.) אַז דער אויבערשטער רוהט אויף דעם מענטש וואָס האַלט זיך קליין: 'אני את דכא'.

**ממילא** קומט אויס, אַז עס איז נישט דאַ אַ צייט וואָס איז מסוגל פאַר ברכות, אַזוי ווי די צייט ווען

---

מקבל. נאָר צו יעדע צייט - 'יחזור ויתן', עס איז אַזוי ווי אַ נייע נתינה, און ממילא, דאַרף מען אייביג דאַנקען דעם אויבערשטען דערפאַר, אַזוי ווי מ'האָט מתקן געווען צו זאָגן פונדאַסניי יעדן טאָג 'ברכות השחר', אויף די ענינים פון דעם גוף, אַזוי איז די ברכה וואָס מ'באַקומט פון הימל, דאַרף מען אנערקענען אַז מ'באַקומט יעדע רגע אַ נייע מתנה, און מ'דאַרף כסדר דאַנקען דעם אויבערשטען פונדאַסניי.

בעיקר דאַרף מען זיין בשמחה, ווי דער 'רבינו בחיי' שרייבט ('כד הקמח', ערך בטחון, ד"ה 'מענין [השני]'), אַז בטחון מיינט, דאָס האַרץ פון מענטש איז אַזוי שטאַרק מיט זיין בטחון, גלייך ווי דער אויבערשטער האָט איהם פאַרזיכערט.

לויט דעם, זאָגן די ספרים, מה דאָך עמיצער וואָס דער 'צדיק הדור' האָט איהם צוגעזאָגט, וואָס דאַן פרייט ער זיך אָן אַ סוף, איז דאָך אַוודאי געוויס ווען מ'האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, איז דאָס גלייך ווי דער אויבערשטער האָט איהם צוגעזאָגט אַ ישועה, דאַרף ער זיך דאָך אַוודאי פרייען און זיין לוסטיג...

וועגן די חשיבות פון דער מדה פון שמחה, זאָגט דער גאון רבי יעקב אהרן יאַנאָווסקי זצ"ל אב"ד אלכסנדר, אַ תלמיד פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשסיחא, אין זיין ספר 'בית יעקב' (פ' וירא, ד"ה 'וירא') בזה הלשון: אַן עצה פאַר יעדע זאַך צו קענען זיך האַלטן בשמחה, און אַזוי וועט אויפשפּראָצן פאַר איהם אַ ישועה, האָט זיין רבי, דער רבי ר' בונם זי"ע, איהם געזאָגט, ווען ער האָט פאַר איהם מזכיר געווען זיין זון וועלכער איז געווען אַ חולה מסוכן ל"ע, האָט דער רבי ר' בונם איהם געזאָגט אַז די איינציגע עצה דערפאַר איז צו זיין בשמחה. ער האָט געפאָלגט דעם רבין'ס עצה, און געגעבן געלט פאַר די חסידים צו מאַכן אַ סעודה צוזאַמען בשמחה און באהבת חברים. דאָס האָט געהאָלפן, און דאָס קינד איז בעזהי"ת אויסגעהיילט געוואָרן.

יעקב האָט געזעהן אַז יצחק האָט ליב עשו'ן מער ווי ער האָט איהם ליב, און אַז ער האַלט ביים געבן די ברכות פאַר עשו, און נישט פאַר איהם. יעקב האָט אויך געזעהן, אַז פון הימל האַלט מען נישט צוריק פון יצחק צו בענטשן עשו, און דעריבער איז יעקב געוואָרן גאָר שטאַרק צובראָכן ביי זיך, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס ערגער ווי עשו, ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פס"ה, יא-טו), אַז אין יענע צייט איז יעקב געווען 'אנוס וכפוף ובוכה, והי' לבו נמוס כשעוה' - געצוואונגען, און איינגעבויגן, און פאַרוויינט, און זיין האַרץ איז צעגאַנגען אַזוי ווי וואַקס. ער האָט דעמאָלס נישט געהאַט אַ 'ישות' און מציאות, און דאַן איז אַן אומפאַרגלייכבאַרער שעת הכושר צו באַקומען די ברכות.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר יעדן איינעם, לויט זיין אונטערטעניגקייט, ווי קליין ער האַלט זיך, אַזוי איז ער אַ כלי ראוי און מוכשר צו באַקומען די ברכות פון יעקב (וואָס זענען אַן אוצר פון טובה און ברכה ברוחניות ובגשמיות), ווייל 'מעשה אבות סימן לבנים', עכ"ל[ט].

**אַזוי** זאָגט דער 'כלי יקר' (בראשית מח, טז) אַ טעם פאַרוואָס יעקב אבינו ע"ה האָט מקדים געווען אפרים פאַר מנשה, וועלכער איז געווען דער בכור, און ער האָט געזאָגט (שם, פסוק יט) 'גם הוא יהיה לעם וגם הוא יגדל, ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו'.

**זאָגט** דער 'כלי יקר', 'אבל מכל מקום אחיו הקטן יגדל ממנו' - אָבער פונדעסטוועגן, וועט זיין יונגערער ברודער זיין גרעסער פון איהם, ווייל דער אויבערשטער טוט אויסוויילן די קליינע. יעדער מענטש וואָס האָט עפּעס אַ צד פון 'קטנות', טוט דער אויבערשטער איהם מער אויפהייבן, איהם צו פאַרוואַנדלען אין 'אלפי רבבה'.

**דאָס** האָט פּאַסירט מיט אַלע קינדער פון אברהם. ישמעאל איז געווען דער בכור פון אברהם, איז ער געוואָרן פסול, און יצחק איז אויסדערוויילט געוואָרן. עשו איז געווען דער בכור פון יצחק - איז עשו גע'פּסל'ט געוואָרן, און יעקב איז אויסגעקליבן געוואָרן. ראובן איז געווען יעקב'ס בכור - איז ראובן גע'פסל'ט געוואָרן, און יוסף איז אויסגעקליבן געוואָרן. מנשה איז געווען דער בכור פון יוסף - איז אפרים אויסדערוויילט געוואָרן.

**דער** 'כלי יקר' פירט אויס: 'ורמז זה הלא דבר הוא, והמשכילים יבינו', עכ"ל.

**אין** דעם ענין, זאָגט הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע ('תורת אמת', פרשתינו, ד"ה 'וירח את ריח'), אויפ'ן פסוק (כז, כז) ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'. ווען יעקב איז אַריינגעקומען צו זיין טאַטן יצחק, און ער איז דעמאָלס געווען אָנגעטוהן אין די קליידער פון עשו, איז יעקב געווען זייער צובראָכן ביי זיך, און צוליב דעם האָט יצחק געשפּירט אַ 'ריח טוב' - אַ גוטן ריח, וואָס קומט אַרויס פון יעקב'ס צובראָכן האַרץ. אויף דעם האָט יצחק געזאָגט, ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה'. פונקט אַזוי ווי מ'געפינט ביי בשמים, 'קוטמו ומריח בו', דאָס הייסט, אַז כאָטש בשמים האָבן אייביג אַ גוטן שמעק, אָבער ווען מ'טוט עס צערייבן, באַקומט עס נאָך אַ בעסערן ריח. דאָס זעלבע איז ביי יעדן איד. ווען זיין האַרץ איז צובראָכן, גייט אַרויס פון איהם אַ 'גוטער ריח', אויף אַ פיל בעסערן און שטאַרקערן אופן.

#### ולאום מלאום יאמץ - אונזער שלימות קומט פון עשו וואָס זוכט אונז צו שטערן

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח משה' (פרשתינו, ד"ה 'עוד נראה לפרש ... כי הנה שמעתי בחלום'), וואָס איז די טענה קעגן עשו אַז ער איז געווען אַ רשע? נאָך איידער ער

---

**ט.** הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע זאָגט (בפירושו לתהלים, לד ז), אויפ'ן פסוק 'זה עני קרא וה' שמע, ומכל צרותיו הושיעו'. דאַרף מען פאַרשטיין דאָס וואָרט 'זה'. ווען וועלכן אָרימאַן רעדט דאָ דער פסוק (בלשון נוכח), וואָס ער זאָגט 'זה'?

זאָגט דער 'ישמח משה', אַז דער פסוק קומט אונז זאָגן, פאַרוואָס דער אָרימאַן ווערט אָנגערופן 'עני', פון לשון 'עניה' (ענטפערן). דער אויבערשטער ענטפערט די בקשות און תפילות פון דעם אָרימאַן. דאָס זאָגט דוד המלך ע"ה, 'זה עני קרא' - דער טעם פאַרוואָס דער אָרימאַן ווערט אָנגערופן ('קרא') מיט'ן טיטול 'עני', איז דערפאַר ווייל 'וה' שמע' - דער אויבערשטער טוט צוהערן זיינע תפילות. 'ומכל צרותיו הושיעו' - ער טוט איהם אַרויסהעלפן פון אַלע זיינע צרות.

האָט געהאַט אַ יצר הרע [ווי רבי זאָגט (סנהדרין צא:) אַז דער יצר הרע קומט צום מענטש ווען ער ווערט געבוירן] האָט ער שוין געוואָלט אַרויסגיין דינען עבודה זרה? דאָס הייסט, אַז עשו איז בעצם באַשאַפן געוואָרן מיט שלעכטע נאַטורן. ממילא, וואָס איז די טענה אויף איהם, אַז ער זאָל אָנגערופן ווערן 'רשע'?

**ענטפערט** דער ישמח משה, אַז עשו איז טאַקע געבוירן געוואָרן מיט אַ שלעכטע נאַטור. דאַקעגן יעקב אבינו ע"ה, איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אומשאַצבאַרע געהויבענע קדושה, נאָר וויבאַלד זיי זענען געווען צווילינג, זענען זיי געווען אַביסל 'אויסגעמישט' איינער מיט'ן אַנדערן. וועגן דעם האָט יעקב אָנגעכאַפּט דעם פוס פון עשו הרשע, און אַזוי האָט זיך אָנגעקלעבט אין איהם אַביסל פון די רשעות פון עשו, און אויך אין עשו האָט זיך אָנגעקלעבט אַביסל פון די קדושה פון יעקב, און דאָס איז געווען זייער גאַנצע עבודה אויף דער וועלט: יעקב דאַרף אַרבעטן אָפּצוטוהן פון זיך די זוהמא פון עשו, און עשו דאַרף פאַרגרעסערן און פאַרמערן דעם חלק פון יעקב וואָס געפינט זיך אין איהם - ער אַליין זאָל זיך אויפהייבן און זיך איבעראַרבעטן צום גוטן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער אַליין איהם גערופן מיט'ן נאָמען 'יעקב', צוליב דעם וואָס 'וידו אוחזת בעקב עשו', ווייל זיין הויפּט חשיבות איז דאָס וואָס זיין האַנט האָט אָנגעכאַפּט די פּערשט פון עשו, ווייל ער האָט אַ שייכות מיט'ן שלעכטס אָבער ער שטאַרקט זיך דערויף, און נאָר פון דעם האָט דער אויבערשטער אַ נחת רוח, ע"כ.

**אַנדערע** זאָגן, אַז צוליב דעם טעם האָט יצחק געוואָלט בענטשן עשו'ן, ווייל זעהענדיג אַז עשו איז באַשאַפן געוואָרן און געבוירן געוואָרן מיט שלעכטע נאַטורן, האָט ער געזאָגט, אַז וויבאַלד עשו איז נישט שולדיג אין זיין מצב, וועט ער איהם בענטשן, מה שאין כן זיין ברודער יעקב, פאַרדינט נישט צו באַקומען שכר פאַר זיין עבודה, ווייל ער איז דאָך אַ 'צדיק מעיקרא', אַ צדיק גמור פונעם געבורט. פונקט אין יענע מינוט איז יעקב אַריינגעקומען צו יצחק, און ער האָט איהם געזאָגט: 'אנכי עשו בכורך' (כז, יט). וויסן זאָלסטו, טאַטע טייערער, אַז איך בין נישט אַזאַ 'צדיק גמור', אַזוי ווי דו מיינסט, ווייל עס האָט זיך אָנגעקלעבט אין מיר אַביסל פון עשו'ס רשעות, און איך דאַרף האָרעווען מיין גאַנץ לעבן, אָפּצורייניגן זיך פון די זוהמא פון עשו הרשע. ממילא, קומט מיר אויך אַ חלק אין דיינע ברכות.

**ווען** יצחק האָט געהערט די ווערטער פון יעקב, האָט ער איהם צוגערופן און ער האָט איהם געטאַפּט, און געזאָגט, 'הקול קול יעקב, והידים ידי עשו'. דיין קול איז טאַקע פון די קדושה, אָבער איך זעה אַז עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דיר פון די מידות פון עשו הרשע, דורך דעם וואָס דו האָסט אָנגעכאַפּט זיין פוס, וועגן דעם וועל איך דיך בענטשן מיט די ברכה 'ויתן לך'.

**לויט** דעם, קען מען אויך פאַרשטיין דאָס ענין ווען עשו הרשע איז צוריקגעקומען פון זיין פאַנג, האָט ער אויסגעשריגן (כז, לו) 'הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמיים'. ווען יצחק האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט, אויב יעקב האָט אויך אַ שייכות מיט 'ערמה' - פּאַפּעריי, צוליב די רשעות פון עשו וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט אין איהם, און יעקב דאַרף אַרבעטן שווער צו רייניגן זיך דערפון, אויב אַזוי, 'גם ברוך יהי' (שם לג).

**י.** ענליך זאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (ספר 'ליקוטי הרי"ם'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כז-כח) 'ויהי עשו איש יודע ציד וגו' ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו'. זאָגט רש"י, אַז עשו האָט געוואוסט ווי אַזוי צו 'פאַנגען' און אויספּאַפּען זיין טאַטן מיט'ן מויל, ווען ער האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי מ'גיט מעשר פון זאַלץ און שטרוי. האָט יצחק געמיינט אַז ער איז ערליך און וויל מקיים זיין מצוות, און צוליב דעם האָט ער איהם ליב געהאַט, ווייל ער האָט איהם 'געפאַנגען' דורך אויסנאַרן מיט זיין מויל.

דאַרף מען פאַרשטיין, אפילו אויב מ'זאָל זאָגן אַז עשו איז טאַקע 'ערליך' און 'פרום', און ער גיט מעשר פון זאַלץ און פון שטרוי, אָבער וואָס פאַר אַ חשיבות האָט עס, אַנטקעגן די געוואַלדיגע עבודה פון יעקב אבינו, 'יושב אהלים', וועלכער איז אינגאַנצן אַריינגעטוהן אין תורה און עבודת ה'. נאָר וואָס דען, יצחק אבינו האָט געמיינט, אַז יעקב איז אַן 'איש תם' - אַ 'בטלן', וואָס פאַרשטייט בכלל נישט צו פּאַפּעריי, און אויב אַזוי, איז עס דאָך נישט קיין רבותא אַז ער זיצט און לערנט אַ גאַנצן טאָג. די 'עבודה' פון עשו האָט אַ גרעסערע מעלה, אַז כאָטש ער איז אַ 'סוחר', אַן 'איש שדה', איז ער אַ מדקדק במצוות... און וועגן דעם האָט יצחק ליב געהאַט עשו'ן, מער ווי

**מ'דאַרף** וויסן, אַז די הויפּט-סיבה פאַרוואָס 'עשו' (דער צד הרע) איז באַשאַפן געוואָרן, איז געווען כדי עס זאָל זיין אַ זכות פאַר אידן ווען זיי שטאַרקן זיך איבער איהם.

**אַזוי** טייטשט דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע (מהר"י מבעלזא, פרשתינו, ד"ה 'ותלך'), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כה, כב-כג) 'ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי ותלך לדרוש את ה'. ויאמר ה' לה שני גוים בבטנך וגו', ולאום מלאום יאמץ'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס האָט דאָ פּאַסירט אַזוי שרעקליך, אַז צוליב דעם האָט רבקה זיך געדאַרפט צואיילן און גיין 'לדרוש את ה'', און וואָס האָט מען איר געענטפערט?

**ענטפערט** דער בעלזער רב זי"ע, רבקה האָט אוודאי געוואוסט, אַז זי וועט האָבן אַ זון אַ רשע, ווי די גמרא זאָגט (נדרים לא.) 'כי ביצחק ייקרא לך זרע - ולא כל יצחק'. נאָר אַ טייל פון יצחק'ס קינדער ווערן אָנגערופן זיינע קינדער, ווייל זיי וועלן זיך פירן ערליך. נאָר רבקה איז געקומען פרעגן, פאַרוואָס איז אויף איר טאַקע נגזר געוואָרן, אַז זי זאָל האָבן איין זון אַ רשע. ספּעציעל נאָך דעם ווי זי האָט געבעטן אויף קינדער, פאַרוואָס זאָל דאָס פּאַסירן מיט איר?

**'ויאמר** ה' לה, שני גויים בבטנך וגו' ולאום מלאום יאמץ'. דאָס הייסט, דייקא נאָך דעם ווי דער אויבערשטער האָט געהערט איר תפילה, האָט ער איר געגעבן אַ זון אַ צדיק, און פאַר זיין שלימות, האָט דער אויבערשטער איהם 'מזכה געווען', אַז צוזאַמען מיט איהם זאָל געבוירן ווערן אַ רשע, עשו, וועט וועט שטיין קעגן איהם דאָס גאַנצע לעבן, און ער וועט איהם כסדר אונטעררוקן פאַרשידענע 'מניעות', איהם צו שטערן פון תורה און עבודת השם, און פון יעדן דבר שבקדושה[יא]. אויך בגשמיות, אין ענינים פון עולם הזה, וועט עשו איהם נישט לאָזן צורוה. ווען יעקב וועט זיך שטאַרקן איבער איהם, וועט ער פון דאָרט אָנקומען צו אַ גוטן תכלית[יב]. אַזוי איז ערפילט געוואָרן רבקה'ס פאַרלאַנג אויפ'ן בעסטן אופן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, 'ולאום' - דיין ערליכער זון. 'מלאום' - דורך זיין ברודער דער רשע.

---

יעקב. אָבער ווען עס איז צום סוף קלאָר געוואָרן פאַר יצחק יעקב'ס 'געריבנקייט' ביים צונעמען די ברכות, האָט ער געזאָגט, יעצט אַז איך זעה אַז יעקב איז אַ גרעסערער 'פּאָפּער' ווי דו, און פונדעסטוועגן לערנט ער טאָג און נאַכט און ער דינט דעם אויבערשטען, אויב אַזוי, איז ער דאָך חשוב'ער פון עשו, 'גם ברוך יהיה'...

**יא.** איינער פון די נקיי הדעת האָט געזאָגט על דרך צחות, איך האָב אַ 'חברותא', ביי יעדן שיעור וואָס איך לערן. דער דאָזיגער 'חברותא' מיינער, איז אַ מורא'דיגער 'דייקן'. ער שטעלט זיך צו יעדן טאָג צו דער צייט ווען איך האָב נעכטן אָפּגעקלערט היינט זיך צו זעצן לערנען. ער פאַרשפּעטיגט קיינמאָל נישט, אַפילו מיט אַ סעקונדע... ער פעדערט זיך אַפילו צו קומען פאַר מיר, ווייל יעדעס מאָל ווען איך קום אין בית המדרש לערנען, זיצט ער שוין ביי מיין אָרט, און ער וואַרט אויף מיר.. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער איז אַ גרויסער בעל כשרון... ער האָט גאָר אַ שאַרפן קאָפּ... ווען מ'דאַרף, לערנט ער מיט מיר גאַנצע סוגיות 'על דרך הפלפול' - וואונדער איבער וואונדער... אויב איר ווילט וויסן ווער ס'איז דער דאָזיגער 'חברותא' מיינער - דאָס איז דער 'יצר הרע', בכבודו ובעצמו... ער שטייט אויף דער וואַך 'יומם ולילה לא ישבותו'...

**יב.** וויסן דאַרף מען, אַז דאָ רעדט מען נישט נאָר ברוחניות, נאָר דאָס גאַנצע חיות פון אַ מענטש אויף דער וועלט, קומט פון די שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער. דער גאַנצער חיות פון אַ מענטש איז נאָר פון דעם וואָס ער האָט קעגנערשאַפט און מלחמות, און אָן דעם, איז זיין לעבן נישט קיין לעבן. דער מענטש וואָס האָט שכל, גייט אַדורך אַלע שוועריגקייטן אין תורה און עבודת השם, און דורך דעם ווערט ער געראַטעוועט פון צו דאַרפן מיטמאַכן שוועריגקייטן בגשמיות.

אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פרשתינו, עה"פ 'ויתן לך האלקים'), צו יעקב, האָט יצחק געזאָגט, 'ויתן לך האלקים', און פאַר עשו, האָט ער געזאָגט 'משמני הארץ יהיה מושבך... ועל חרבך תחיה'.

זאָגט דער 'חתם סופר', ביי אידן, זאָגט דער פסוק (ויקרא כו, ו) 'ונתתי שלום בארץ וגו' וחרב לא תעבור בארצכם'. די כוונה פון פסוק איז, לויט ווי די משנה זאָגט (אבות פ"ד, מכ"ב) 'על כרחך אתה חי'. על דרך מליצה, זאָגן די ספרים, אַז דאָס חיות פון מענטש ('אתה חי') קומט פון דעם וואָס ער האָט אָן 'על כרחך' (דאגות און פראָבלעמען וואָס קומען אָן

'יאמץ' - וועט ער זיך אָנשטרענגען, און דערגרייכן זיינע הויכע מדריגות. דייקא דורך עשו, וועט יעקב זוכה זיין צו די מדריגה אָנגערופן צו ווערן 'בחיר שבאבות' (ב"ר פע"ו, א). אָן 'עשו', האָט דער אויבערשטער נישט קיין צורך אין יעקב'ס עבודה, ווייל מלאכים וואָס פאַרמאָגן נישט אַ יצר הרע, זענען דאָ גענוג אין הימל - צענדליגער טויזנטער פון זיי.

**את בכורתך - די מעלה פון אַ איד וואָס הייבט אָן שטענדיג פונדאָסניי**

**אין** דער היינטיגער סדרה (כה, לד) לייענען מיר: 'ויבז עשו את הבכורה'. האָבן צדיקים געטייטשט, 'בכורה' איז מרמז אויף די עבודה פון אַ איד שטענדיג זיך צו באַנייען, און אָנהייבן אַלעס פונדאָסניי, גלייך ווי ער וואָלט יעצט געבוירן געוואָרן. 'עשו' איז די סטרא אחרא, וואָס לאַכט אָפּ פון די חשיבות פון די התחלה. ער פּרובירט אַלץ אונטערלייגן פאַרשידענע שוועריגקייטן אַז דער מענטש זאָל נישט אָנהייבן פונדאָסניי, מיט פאַרשידענע טענות, ווי צום ביישפּיל, אַז אויך נעכטן האָסטו געוואָלט זיך באַנייען, און ענליכע טענות[יג], כדי איהם אַריינצוברענגען אין יאוש רח"ל[יד]. דאַרף מען וויסן, אַז דאָס איז נישט אַנדערש ווי די עצה פונעם יצר.

---

צום מענטש בעל כרחו, פון דעם שעפּט ער חיות), **ווייל חז"ל זאָגן** (כתובות נט:) 'בטלה מביאה לידי שעמום'. אַ מענטש וואָס דרייט זיך ליידיג און ער האָט נישט קיין מניעות, עס פעלט איהם גאָרנישט אויף דער וועלט, פאַר'מיאוס'ט ער זיך אין לעבן.

ברענגט דער 'חתם סופר', אַז ס'איז געווען איינער וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן רח"ל, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ בריוו נאָך זיך, אַז פון זיין גאַנץ עשירות און אַלע זיינע תאוות, האָט ער זיך פאַר'מיאוס'ט אין דער וועלט און האָט זיך גענומען דאָס לעבן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אין די טבע פון דער וועלט, אַז דער מענטש זאָל האָבן דאגות און צער, און דערנאָך זאָל ער ווידער פאַרדינען. אַראָפּ און אַרויף, ער קויפט און ער פאַרקויפט. אַמאָל איז נישט גוט ח"ו, און אַמאָל איז איהם גוט. ער האָט נישט קיין שלום און מנוחה, ער איז אייביג פאַרמאַטערט, אָבער דאָס איז זיין גאַנץ חיות.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'ועל חרבך תחיה'. דאָ מיינט מען נישט אַ שווערד פון מלחמה, נאָר אַז דער מענטש זאָל שטענדיג קעמפן מיט זיך אַליין, און פון דאָרט נעמט ער זיין חיות. אָן דעם, וואָלט ער זיך פאַר'מיאוס'ט אין לעבן, אַזוי ווי אַן אָנגעפאַשעטער אָקס וואָס האַלט אָט-אָט ביים שטאַרבן. דאָס איז די ברכה פון 'ועל חרבך', דורך די 'שווערד', 'תחיה' - וועסטו לעבן... דאָס אַלעס איז נאָר בנוגע צו גוים. אָבער אַ איד באַקומט זיין חיות מיט יגיעה, ווען ער האָרעוועט אין תורה און עבודת השם. 'יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא', און ווי דער פסוק זאָגט (דברים ל, כ) 'כי הוא חייך ואורך ימיך'. אויך זאָגט דער פסוק (שם יט) 'ובחרת בחיים'. וועגן דעם האָט משה געזאָגט צו די אידן ווען ער האָט זיי געבענטשט (ויקרא כו, ד-ו) 'ונתתי גשמיכם בעתם וגו', והשיג לכם דיש את בציר וגו' וחרב לא תעבור בארצכם'. ווייל נאָך דעם ווי זיי היטן די תורה ('בחוקותי תלכו'), האָבן זיי שוין אַ חיות פון דער האָרעוואַניע פון תורה, און זיי דאַרפן נישט האָבן אַ שווערד און טירדות כפשוטם. נאָר 'עשו' דאַרף האָבן דעם 'על כרחך' פון שוועריגקייטן אויף דער וועלט... אָבער יעקב, מיט זיין בחירה צו האָרעווען אין לערנען, שפּאָרט זיך איין די אַנדערע יסורי עולם הזה.

**יג.** ס'איז באַקאַנט אַז דער רוה-טאָג פון די גוים, איז זונטאָג. דאָס איז מרמז, אַז זיי ווילן אַוועקכאַפּן דעם כח פון באַנייאונג פון אידישע קינדער, און וועגן דעם פראַוועון זיי אַ חגא אין ערשטן טאָג פון דער וואָך, אָבער אידן זענען זיי מקדים, דורך מוסיף זיין מחול על הקודש באַלד ווען דער שבת גייט אַרויס, קומט אויס אַז די ערשטע מינוטן פון די ששת ימי המעשה, זענען הייליג צום באַשעפער מיט די קדושה פונעם שבת, און מיט דעם זענען זיי ממשיך אויף זיך דעם כח צו באַנייען זיך.

און צוליב דעם טעם, איז די דריטע סעודה פון שבת (שלש סעודות), אַנטקעגן יעקב אבינו ע"ה (ווי מיר זאָגן, 'הנה אנכי בא לקיים מצות סעודה שלישית של יעקב נגד יעקב וכו', ויקוים בנו מקרא שכתוב והאכלתיך נחלת יעקב אביך), ווייל דער כח פון התחדשות - באַנייאונג - איז אונזער ירושה פון יעקב אבינו ע"ה, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט די בכורה פון עשו הרשע.

**יד.** אַזוי פירט זיך עשו הרשע, צו זאָגן 'הנני הולך למות' (כה, לב). אַ איד דאַרף אָבער שטענדיג זיין בשמחה, און לעבן מיט אַ חיות, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, איך בין בכח מחיה מתים צו זיין, אָבער ס'איז פיל וויכטיגער לעבעדיג צו מאַכן די לעבעדיג...

די הויפט עבודה פון אַ איד איז, זיך שטענדיג צו האַט געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל מ'דאַרף שטאַרקן[טו], פאַרלאָזן די אַלטע וועגן[טז], און זיך וויסן און גלייבן, אַז אין יעדן מצב וואָס ער זאָל נישט באַנייען, און נישט קוקן אויף די מכשולות וואָס ער זיין, טוט דער אויבערשטער שטענדיג אַרויסקוקן צו

---

דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט אַמאָל געזעהן איינע פון די חסידים, זיצנדיג אין בית המדרש שפּעט בייינאַכט און לערנט, אָבער זייענדיג זייער מיד, האָט ער פון צייט צו צייט איינגעדרימלט, און דערנאָך האָט ער יעדעס מאָל זיך צוריק אויפגעכאַפּט, און אויסגעשריגן צו זיך אַליין, 'איך וועל דאָך באַלד שטאַרבן און ממילא דאַרף איך אויסנוצן די צייט ווען איך געפין זיך נאָך אויף דער וועלט'... האָט דער רוזינער איהם געזאָגט:

- זאָלסט נישט זאָגן אַזוי, ווייל אַזוי פירט זיך עשו צו זאָגן, 'הנה אנכי הולך למות'. דו דאַרפסט זיך ענדערש מעורר זיין דורך זאָגן, איך לעב דאָך, און אַז איך שלאָף הייסט עס דאָך נישט געלעבט...

**טו.** אַ מורא'דיג וואָרט, האָט געזאָגט דער מאַקעווער רב, הגאון בעל 'עטרת משה' זצ"ל, אויף די ווערטער פון חז"ל (יומא פה:) אויפ'ן פסוק (ירמיה יז, יג) 'מקוה ישראל ה'' - מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. איז שווער, די משנה זאָגט (מקוואות פ"א מ"א) 'שש מעלות במקוואות', און די טהרה פון אַ קוואַל איז גרעסער ווי די טהרה פון אַ מקוה, אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרגלייכט נישט דער תנא די טהרה וואָס דער אויבערשטער רייניגט אידישע קינדער, צו די טהרה פון אַ קוואַל, וואָס שטייט העכער ווי די טהרה פון אַ מקוה?

ענטפערט דער מאַקעווער רב זצ"ל, אַ קוואַל איז ריין לויטער וואַסער וואָס איז שטענדיג ריין, אַנדערש ווי אַ מקווה, וואָס איז געשעפּטע וואַסער וואָס האָבן נישט אין זיך קיין טהרה. אָבער אין דער מינוט ווען מ'מאַכט אַ 'השקה' מיט רעגן-וואַסער, ווערן זיי וואַסער וואָס מאַכן ריין, אויך נאָך דעם ווי די 'השקה' צום רעגן-וואַסער האָט זיך אָפּגעטוהן. צוליב דעם האָט מען צוגעגליכן די טהרה צו אַ מקוה, כדי אונז צו לערנען, אַז אויב אַ איד הייליגט זיך אַפילו 'איין מינוט', אויב ער האָט זיך באַהאָפטן - אַפילו אויף אַ סעקונדע - מיט אַ 'השקה' צו דעם באַשעפער כביכול, וואָס ער איז דער מקור פון טהרה, איז ער שוין געוואָרן ריין...

**טז.** על דרך משל, אַ איד וואָס האָט גאָר אַסאַך געגעסן... און זיין קערפּער איז געוואַקסן 'אין דער לענג און ברייט', ביז עס האָט געהערשט אַ סכנה חלילה אויף זיין לעבן. איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם פאַרשריבן אַ שטרענגע 'דיעטע': אינדערפרי, זאָל ער עסן נאָר צוויי שטיקלעך ברויט, ביי מיטאָג, דאַרף ער עסן נאָר איין צוגאָב, און צו נאַכט-מאָל, זאָל ער עסן נאָר גרינצייג. זיינע בני בית האָבן צוגעגרייט פאַר איהם דעם סדר פון די מאכלים, אָבער עס זענען אַדורך דריי חדשים, און גאָרנישט רירט זיך פון אָרט... אדרבה, ער איז נאָר געוואַקסן ברייטער און ברייטער... ביז זיינע בני בית איהם גענומען אויספרעגן צי ער עסט טאַקע דאָס וואָס זי גרייט-צו פאַר איהם, לויט'ן באַפעל פונעם דאָקטאָר. אַלזאָ, עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ריכטיג טאַקע, ער פאָלגט טאַקע דעם דאָקטאָר'ס 'דיעטע', אָבער ער האַלט אויך עשו'ס דיעטע... האָבן זיי געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, וואָס איז געווען 'עשו'ס דיעטע'?

האָט ער געענטפערט, אַז דער פסוק זאָגט, ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה (כח, ח-ט) 'וירא עשו כי רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו, וילך עשו אל ישמעאל ויקח את מחלת בת ישמעאל בן אברהם אחות נביות על נשיו לו לאשה'. זאָגט רש"י, 'הוסיף רשעה על רשעתו, שלא גרש את הראשונות'. דאָס הייסט, ער האָט מוסיף געווען צו נעמען נאָך אַ פרעה, אַ מרשעת, אין צוגאָב צו די מרשעת'ן וואָס ער האָט שוין געהאַט פון פריער. 'דאָס זעלבע איז מיט מיר' - האָט ער געזאָגט. 'ריכטיג טאַקע, אַז כ'האָב אָנגענומען דעם דאָקטאָר'ס דיעטע, אָבער דאָס, נאָר אַלס אַ צוגאָב צו מיין פריערדיגן 'סדר אכילה', עס איך אויך די מאכלים וואָס דער דאָקטאָר האָט באַפוילן... ממילא, 'מה הועילו חכמים בתקנתן'... ווייל דעם דאָקטאָר'ס כוונה איז דאָך געווען נאָר אַז ער זאָל אָפּלאָזן זיין פריערדיגן וועג פון עסן, און ער זאָל אָננעמען די נייע דיעטע, אָבער אויב ער האַלט-אָן דאָס פריערדיגע, האָט מען דאָך גאָרנישט אויפגעטוהן...

דער נמשל איז, איינער וואָס גייט אויף נישט-ערליכע וועגן און טוט פאַרקערט פונעם רצון הבורא חלילה, און כדי צו פאַרבעסערן זיינע וועגן, נעמט ער זיך לערנען און דאַווענען, דאַרף ער אָבער וויסן, אַז דאָס איז נישט גענוג, ווייל אַזוי לאַנג ווי ער לאָזט נישט אינגאַנצן אָפּ זיינע פריערדיגע געוואוינהייטן, איז ער נישט אַנדערש פון יענעם 'חכם', וועלכער האָט נישט אויפגעהערט עסן זיינע אַלטע מאכלים, נאָר ער האָט נאָר צוגעלייגט די נייע 'דיעטע'...

איהם אַז ער זאָל תשובה טוהן[י], און אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט ער ווידער שיינען אַזוי ווי פריער[יח].

**דער** מענטש טאָר זיך נישט מייאש זיין צוליב די שוועריגקייטן וואָס שטאַרקן זיך איבער איהם, און זיי זענען גורם אַז ער זעהט נישט אַ סימן ברכה אין זיין עבודה, ווייל דער מענטש האָט אַ פליכט צו קעמפן און האָרעווען[יט], און אויב ער וועט טוהן דאָס זייניגע, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן און איבערגעבן דעם שונא (דעם יצר) אין זיינע הענט.

---

**יז.** דאָס קען מען אויך לערנען פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כז, טו) 'ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות ותלבש את יעקב בנה הקטן'. דאַרף מען פאַרשטיין, יעקב און עשו זענען דאָך געווען צווילינג, און זענען צוזאַמען געבוירן געוואָרן, אויב אַזוי, פאַרוואָס ווערט עשו גערופן אין פסוק מיט'ן נאָמען 'גדול', און יעקב איז דער 'קטן'?

ענטפערט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, על דרך משל, איינער האָט געוויינט פאַר זיין משפחה, אַז זיין אַלטער טאַטע האָט ליידער אויפגעהערט צו זעהן און צו רעדן ל"ע, און צוזאָרגנס, הערט ער ווי זיין פיר-יעריג יונגעלע וויינט אַז זיין קליינער ברודער, וועלכער איז נאָך וויניגער ווי אַ יאָר אַלט, רעדט נישט און גייט נישט אויף די פיס... איז געוואָרן אַ גרויסער געלעכטער אין הויז... דער טעם דערפון אוז, ווייל דער קליינער, גייט 'נאָך נישט' אויף די פיס, און ער רעדט 'נאָך נישט', אָבער ער וועט אם ירצה השם גיין אויף די פיס און ער וועט נאָך רעדן און רעדן... אָבער דער אַלטיטשקער, האָט 'אויפגעהער'ט צו גיין אויף די פיס און צו רעדן מיט'ן מויל, און זיין מצד איז ליידער האָפענונגסלאָז, ווייל ער וועט שוין נישט קענען גיין און רעדן... און אַזאַ זאַך, איז טאַקע גורם אַ צער און וויטאָג.

דער נמשל איז, יעקב און זיינע קינדער ווערן אָנגערופן 'קטן', אונז צו לערנען, אַז אפילו אויב זיי פאַלן אַמאָל ח"ו איז עס נישט אַ גענוגנדע סיבה צו וויינען און אַריינפאַלן אין יאוש, ווייל זייער גאַנצער עתיד איז נאָך פאַר זיי - זיי קענען כסדר זיך ווידער באַנייען און טוהן דעם רצון הבורא, אָבער עשו איז שוין 'גרייט' מיט זיין רשעות, ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַררעכטן, ממילא ווערט ער אָנגערופן 'גדול', ער איז שוין ווי אַן 'ערוואַקסענער' רשע רח"ל, און דאָס איז טאַקע אַ וויטאָגליכע ערשיינונג.

נאָך אַ תירוץ, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געזאָגט, פאַרוואָס יעקב ווערט אָנגערופן 'קטן', און עשו ווערט באַצייכנט אַלס 'גדול' (מאמר מרדכי', געברענגט אין ספר 'יסוד צדיק', פ' תולדות): ווען אַ קינד איז קליין, טוהען די עלטערן איהם נישט איבערקוקן צי ער איז ריין, נאָר מ'האַלדזט איהם און מ'קושט איהם, און מ'ווייזט איהם אַרויס אַסאַך ליבשאַפט, אָבער אַ 'גרויס' קינד וואָס איז פאַרשמירט, טוהען אַלע זיך דערווייטערן פון איהם, ווייל ער דאַרף דאָך שוין האָבן געגנוג שכל צו האַלטן ריין זיין קערפער. דעריבער ווערט יעקב אבינו ע"ה אָנגערופן אַלס 'קטן', קליין, ווייל יעקב און זיינע קינדער זענען שטענדיג באַליבט ביים באַשעפער, זייער טאַטע אין הימל, וועלכער האַלדזט זיי און קושט זיי כביכול אין יעדן מצב וואָס זיי זענען, כאָטש זיי זענען ליידער אַמאָל פאַרשמירט מיט עבירות רח"ל, אָבער די גוים, די קינדער פון עשו, רופט דער פסוק מיט'ן נאָמען 'הגדול' - דער גרויסער - ווייל פון זיי, דערווייטערט זיך דער אויבערשטער און ער העלפט זיי נישט, ווייל זיי זענען פאַרשמירט, און ווען אַ 'גרויסער' איז פאַרשמירט, וויל קיינער נישט שטיין נעבן איהם...

**יח.** אַזוי ברענגט דער 'ישמח ישראל' (פרשתינו, אות י') אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע,

אויפ'ן פסוק ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה', ווען מ'טוט מיסטיגן אַ פעלד, גיט עס אַרויס אַ שלעכטן ריח, אָבער עס שאַדט נישט פאַר'ן פעלד אַליין, ווייל מיט די צייט וועט דער שלעכטער גערוך אַוועקגיין און עס וועט אַרויסקומען אַ גוטער ריח פון די פירות. דאָס האָט יצחק אבינו ע"ה געזאָגט: 'ראה ריח בני כריח השדה' - זעה נאָר, דער ריח פון מיין זון איז אַזוי ווי דער ריח פונעם פעלד, אַז אויך אויב ער זינדיגט ח"ו, און האָט אַ 'שלעכטן ריח' ברוחניות רח"ל, פונדעסטוועגן, איז דאָס נישט גורם אַ 'פגם' אין זיין עצם פנימיות, ווייל אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט זיין גוטער ריח צוריקקומען, ווייל: אשר ברכו ה' - און די ברכה פון באַשעפער בלייבט שטענדיג אויפ'ן מענטש.

**יט.** אָט דאָס איז טאַקע געווען דער חילוק צווישן יעקב און עשו: עשו'ס גאַנצע נאַטור און תכונה איז פוילקייט, און אַ ווילן גאָרנישט צו טוהן אויף דער וועלט... אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו זיין ברודער יעקב (כה, ל), 'הלעיטני

**אַזוי** געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה (כה, כו) 'ואחרי כן יצא אחיו, וידו אוחזת בעקב עשו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט יעקב אָנגעכאַפּט דעם פערשט פון עשו'ס פוס? צי האָט ער דען געמיינט, אַז ער וועט קענען צוריקקערן עשו'ן, נאָך דעם ווי עשו איז שוין אַרויסגעקומען אויף דער וועלט? וואָס האָט יעקב געזוכט אויפצוטוהן מיט'ן אָנכאַפּן זיין פוס?

**האָט** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע געזאָגט אַ כוונה דערין, לויט ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער גאַנצער יאוש פון אַ מענטש, ברוחניות ובגשמיות, נעמט זיך פון דעם וואָס ער מיינט אַז ער איז דער וואָס טוט... ממילא, ווען ער זעהט אַז עס איז איהם נישט געלונגען, פאַלט ער אַריין אין יאוש און ער לאָזט אַלעס איבער. אָבער דער מענטש וואָס גלייבט, ווייסט אַז אַלעס וואָס דער מענטש טוט, איז נישט מער ווי אַ השתדלות ווי ווייט מעגליך, אָבער דער עיקר ווערט אַלעס געטוהן דורך דעם אויבערשטען, דער 'אדון כל המעשים', און מיט אט די אמונה, וועט ער זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, ווייל עס ווענדעט זיך דאָך נישט אין איהם, ממילא זאָל ער טוהן וויפיל ער קען, און נישט מער.

**דאָס** איז די כוונה פון 'וידו אוחזת בעקב עשו'. ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַז ער פאַרלירט דאָ די בכורה (ווייל עשו ווערט געבוירן פאַר איהם), האָט ער געטוהן אַלעס מעגליכעס און אָנגעכאַפּט זיין פערשט... און אין דעם זכות איז די בכורה צום סוף, טאַקע אָנגעקומען צו איהם, ווען עשו האָט זיך באַנאַרישט און פאַרקויפט די בכורה צו יעקב אין אויסטויש פאַר אַ טאָפּ לינדזן, ווייל דער אויבערשטער - 'אלוקים יראה ללבב' - האָט געזעהן דעם 'פלאַקער' אין יעקב'ס האַרץ, צו באַקומען די בכורה כדי צו קענען דינען דערמיט דעם באַשעפער, און ער האָט איהם געהאָלפן ערפילן זיין רצון.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז אויך ווען עס זעהט אויס פאַר'ן מענטש אַז אַלע טויערן זענען פאַרשפאַרט פאַר איהם, אָבער אויב ער האָט אַ השתוקקות מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה, און ער רוהט נישט, נאָר ער טוט אַלעס מעגליך, וועט דער אויבערשטער צום סוף איהם העלפן אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע, און ער וועט זוכה זיין צו דעם וואָס זיין האַרץ גליסט ברוחניות.

### משמרתי, חוקותי - טוהן גוטס מיט אַנדערע

**אין** דער היינטיגער סדרה (כו, ג-ה) לייענען מיר: 'ואהיה עמך ואברכך וגו', עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי'. זאָגט דער 'ספורנו', 'וישמור משמרתי' מיינט, ער האָט שטענדיג געטוהן די ספעציעלע 'משמרת' (היטונג) וואָס איז געאייגנט פאַר דעם אויבערשטען, וואָס דאָס איז, צו טוהן חסד מיט אַנדערע[כ], ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כה, י), 'כל אורחות ה' חסד ואמת', אַלע וועגן פון דעם אויבערשטען,

---

נא מן האדום האדום הזה'. ער האָט געוואָלט אַז יעקב זאָל אַריינגיסן די רויטע לינדזן אין זיין מויל... אַפילו אַזאַ קליינע פעולה ווי עסן אַ מאכל מיט אַ לעפל פונעם טעלער, האָט ער נישט געוואָלט טוהן...

**כ.** ווען דער לובלינער רב, הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, האָט געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה 'חכמי לובלין', איז ער געקומען קיין אַמעריקע כדי צו שאַפן געלט פאַר די ישיבה און דעקן די חובות. ער האָט געוויילט אין אַמעריקע חודש תשרי שנת תרפ"ז. פאַר שמחת תורה, האט זיין משמש וואָס האָט איהם איבעראל באַגלייט, נישט גוט געפילט ל"ע, און ווען רבי מאיר שפירא איז צוריקגעקומען פון די הקפות, האָט ער איהם געטראָפן ליגן אין בעט. ס'איז איבעריג צו זאָגן די הרגשה וואָס דער משמש האָט געשפירט, צו זיין אַליין אין בעט שמחת תורה ביינאַכט, אנשטאט צו זיין אין שול און זיך פרייען מיט די שמחה פון דער תורה. האָט רבי מאיר שפירא אָנגעטוהן דעם טלית, און אָנגעהויבן זאָגן מיט זיין מעכטיגע און הערליכע שטימע, די פסוקים פון 'אתה הראית', ווי איינער וואָס שטייט אַלס שליח ציבור אין אַ פול-געפּאַקטער שול... אַזוי האָט ער אָנגעפירט די הקפות זינגענדיג און טאַנצנדיג, אַלץ כדי אַריינצוגעבן אַ גוטן געפיל אין האַרץ פון זיין משמש...

דעם אמת געזאָגט, האָט רבי מאיר שפירא נישט געדאַרפט האָבן אַ 'ספר תורה' צו טאַנצן דערמיט אין דער אכסניא פאַר דעם משמש, ווייל אין צוגאָב צו דעם וואָס ער אַליין - דער לובלינער רב - איז געוועהן אַ 'לעבעדיגע ספר תורה', איז דאָך דער עצם אַקט פון גמילות חסדים, אַ בחינה פון 'גופי תורה'...

זענען חסד און אמת. 'ולהורות חטאים בדרך' און צו לערנען די זינדיגע מענטשן דעם גוטן וועג פון תשובה. און דאָס האָט אברהם געטוהן ווען ער האָט אויסגערופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און ער האָט אויך געהיטן 'מצוותי חוקותי ותורותי', עכ"ל.

**פרעגט** דער 'ספורנו', פאַרוואָס געפינען מיר אין פסוק נאָר ביי יצחק, אַז דער אויבערשטער האָט איהם געבענטשט אין זכות פון זיין טאַטן אברהם, און נישט אין זיין אייגענעם זכות, אָבער אברהם און יעקב האָבן זוכה געווען געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטען, אין זייער אייגענעם זכות?

**ענטפערט** דער 'ספורנו', אַז דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן נאָך איידער יצחק איז נתעורר געוואָרן אויסצורופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען און מזכה צו זיין מענטשן, אָבער נאָך דעם וואָס יצחק האָט אויסגערופן הויך אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט, זאָגט דער פסוק אַז אבימלך איז געקומען צו איהם פון גר, און זיי האָבן געזאָגט צו יצחק, ראה ראינו כי היה ה' עמך וגו', אתה עתה ברוך ה', און שפעטער געפינען מיר נישט אַז זיי האָבן זיך געקריגט מיט יצחק, אַזוי ווי פריער.

**יעקב**, אָבער, האָט דער אויבערשטער נישט אָנגעהאָנגען די ברכה פאַר איהם אין זכות פון זיינע אבות, אברהם און יצחק, ווייל יעקב איז שוין פון די יונגוויים-אָן געווען אַ 'יושב אהלים', און געלערנט תורה מיט אַנדערע מענטשן, בפרט אין די ישיבה פון שם ועבר, 'ששם עלה כל מבקש ה' בלי ספק' - וואָס דאָרט איז זיכער געקומען לערנען יעדער איינער וואָס האָט געזוכט דעם אויבערשטען, עכ"ל.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער ווייל אַז די מענטשן זאָלן טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און דער וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע, איז שטענדיג אָנגעגרייט צו באַקומען די ברכה פון דעם אויבערשטען[כא].

**ענליך** צו די ווערטער פונעם 'ספורנו', טייטשט אויך דער רמב"ן ז"ל, 'וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי', אַז 'חוקותי' מיינט, 'ללכת בדרכי ה', להיות חנון ורחום עושה צדקה ומשפט ולצוות את בניו ואת

---

די וועלט זאָגט, די מעלה פון ווין איז, אַז עס מאַכט זיך 'ווייניגער' כדי צו דערפרייען אַנדערע מענטשן. דאָס 'פלעשל' ווערט ווייניגער און ליידיגער, אָבער די מענטשן וואָס טרינקען דערפון, ווערן אַלץ פרייליכער און פרייליכער...

**כא.** אַ מורא'דיגע מעשה, האָט פאַסירט מאָנטאָג פרשת חיי שרה תשפ"ב. אַ טייערער יונגערמאַן, מיט אַ 'גאָלדן האַרץ', ר' מענדל שליט"א, האָט געזעהן אַ איד אַרומגיין איבער די 'שטיבלעך' אין בית שמש, זאַמלענדיג געלט פאַר הכנסת כלה, צו דעקן די חובות וואָס האָבן זיך צוזאַמענגענומען ביי איהם נאָכ'ן פירן עטליכע קינדער אונטער דער חופה אין אַ גוטער און מזל'דיגער שעה. ר' מענדל האָט באַמערקט אַז דער איד הינקט אויף אַ פוס, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס קומט פאַר מיט זיין פוס, האָט דער איד געענטפערט, אַז ער ליידט פון אַ 'רויז' אויפ'ן פוס ל"ע... איז ר' מענדל געווען ערשטוינט און איהם געפרעגט, 'אויב אַזוי, וואָס לויפט איר אַרום נאָך געלט, אין אַזאַ מצב? יעצט דאַרפט איר ליגן אין בעט'... האָט דער איד געענטפערט, אַז ער נויטיגט זיך דרינגענד אין געלט, ווייל די בעלי-חובות דריקן אויף איהם... פון ליגן אין בעט, וועט ער גאָרנישט האָבן... האָט ר' מענדל רחמנות באַקומען אויף דעם איד, און ער האָט איהם געזאָגט, 'גייט צוריק אַהיים און לייגט זיך אין בעט, איך וועל שוין אַרומגיין זאַמלען געלט פאַר איך...', כאָטש ר' מענדל איז נישט געוואוינט צו גיין נאָך געלט. ער האָט באַלד גענומען אַ שותף, צו העלפן איהם ביים אַרומגיין זאַמלען געלט צווישן אידן אין די 'שטיבלעך'.

דער טייערער יונגערמאַן, ר' מענדל, אַרבעט פאַר פרנסה ביים קאָכן אַרבעס און בעבעלעך פאַר מענטשן וואָס באַשטעלן ביי איהם ווען זיי פראַוון שמחות. יענעם טאָג ווען ר' מענדל איז אַרומגעגאַנגען נאָך געלט צו העלפן דעם איד דעם בעל חוב וואָס האָט געליטן אויפ'ן 'רויז', האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיין באַלעבאָס, און איהם דערציילט 'דברים כהוייתן', אַז היינט קען ער נישט קומען צו דער אַרבעט. דער באַלעבאָס האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, ווייל ער האָט צוגעזאָגט פאַר אַ בעל שמחה צוצושטעלן היינט אַ גרויסן קוואַנטום בעבעלעך. ער האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז אויב ער קען נישט קומען, זאָל ער כאָטש אַריינקומען אין קוך, און אַרויפשטעלן דאָס געקעכטס אויפ'ן פייער, און דאַן איז ער באַפרייט... ר' מענדל האָט אַזוי געטוהן. ער איז געקומען, אָנגעגרייט די בעבעלעך, און עס אַרויפגעלייגט אויפ'ן 'פרעשער קוקער', וואָס קען אַנטהאַלטן זעכציג ליטער, און איז ווייטער צוריקגעגאַנגען צונויפזאַמלען געלט פאַר דעם אָרימען איד.

ביתו בהם' - צו גיין אין די וועגן פון דעם אויבערשטען, זיין דערבאַרימדיג און האָבן רחמנות, טוהן צדקה און משפט, און באַפעלן די קינדער און דאָס הויז געזינד אויך צו טוהן אַזוי'.

**פרעגט** הגאון רבי שמעון שוואַב זצ"ל (אין זיין ספר, 'מעין בית השואבה'), פאַרוואָס ווערט די הטבה פון טוהן חסד, אָנגערופן מיט'ן טיטול 'חק'? דער ענין פון זיין דערבאַרימדיג און טוהן חסד און צדקה מיט אַנדערע, איז דאָך אַ זאַך וואָס דער שכל פונעם מענטש פאַרשטייט אויך אַז מ'דאַרף אַזוי טוהן (אַ 'חק', איז אַ 'גזועץ', אָן אַ טעם).

**ענטפערט** ער, אַז עס גייט אַרויף אויפ'ן וועג פון דעם אויבערשטען צו זיין אַ חנון ורחום אויך פאַר עמיצן וואָס פאַרדינט נישט מיט רעכט אַז מ'זאָל אויף איהם האָבן רחמנות[כב]. דאָס איז נישט אַ זאַך וואָס דער שכל פון מענטש איז מחייב צו טוהן 'לפנים משורת

---

ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער קוך צוויי שעה שפּעטער, האָט ער צו זיין גרויסן בראָך געזעהן אַ 'פּאָגראָם'... אַלע ווענט און דער דאַך פונעם צימער זענען געווען 'באַדעקט' מיט די איבערבלייבענישן פון די 'באָבעס'. אויך איז געוואָרן אַ גרויסער 'לאָך' אין דער וואַנט, אַנטקעגנאיבער דעם אָרט פונעם טאָפּ, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די 'דעק' פונעם טאָפּ איז שוין געווען אַלט און אויסגעריבן אין די זייטן, אַזוי אַז ביים הויכפּונקט פון קאָכן די בעבעלעך און דאָס וואַסער, האָט דער טאָפּ געפּלאַצט, און די דעק איז אויסגעריסן געוואָרן פונעם אָרט, און איז געפלויגן אויף אַלע פיר זייטן פונעם צימער. ס'איז אויסער יעדן צווייפל, אַז אויב ר' מענדל וואָלט זיך געפונען אין קוך בשעת מעשה, וואָלט ער חלילה שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע (ווייל עס איז כמעט זיכער אַז ער וואָלט נישט אין אַכט גענומען וואָס דאָ קומט פאָר, אַ סעקונדע פריער), און ער וואָלט שוין מער נישט געזעהן די 'באָבעלעך' אין קוך, נאָר זיינע 'באָבעס' אויפ'ן עולם העליון. נאָר אין זכות פון דעם גמילות חסד וואָס ער האָט געטוהן, אַרומגייענדיג אין די 'שטיבלעך' נאָך געלט פאַר דעם אָרימען איד, איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט...

**כב.** דער מענטש זאָל נישט זאָגן, ווי אַזוי קען איך מיך פירן מיט גוטע מידות צו יענעם מענטש, וואָס ער איז אַ האַרטנעקיגער און שלעכטער מענטש, ווייל עס ווענדט זיך נאָר אין דיר... אויב דו וועסט קוקן אויף איהם מיט אַ גוט אויג, וועט ער אויך צוריקקוקן אויף דיר מיט אַ גוט אויג...

מ'דערציילט בדרך צחות, איינער האָט גערופן די לבנה צו אַ 'דין תורה', מיט די טענה, אַז לעצטענס טוט די לבנה איהם 'רודפ'ן', און וואו ער גייט, לויפט זי איהם נאָך... ווען ער שטעלט זיך אָפּ פון גיין, שטעלט זי זיך אויך אָפּ... ווען ער בייגט זיך איין דעם קערפּער, בייגט זי זיך מיט איהם. אין קורצן, די לבנה לאָזט איהם נישט צורוה... האָט דער דיין איהם געזאָגט, איך האָב געהערט דיין טענה, אָבער דער דיין קען דאָך נישט פסק'ענען אַ דין תורה, אָן אויסהערן פריער ביידע צדדים... דעריבער איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט צוריקקומען אין עטליכע טעג אַרום...

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער איד געקומען מיט דער האָפענונג צו הערן דעם פסק דין. האָט דער דיין איהם געזאָגט, יאָ, איך האָב גערעדט מיט די לבנה, און איר געפרעגט פאַרוואָס זי האָט זיך 'אָנגעטשעפּעט' אין דיר, אָבער די לבנה האָט געענטפערט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט דיר נאָכצוגיין, נאָר דו האָסט אָנגעהויבן... דו ביזט שולדיג אין אַלעם... אויב דו וועסט אויפהערן קוקן אויף איר אַזוי פיל מאָל, וועט זי אויך אויפהערן דיר נאָכצוטוהן אַלעס... והמבין יבין...

דאָס לערנען מיר אויך פון די פּסוקים אין דער היינטיגער סדרה (כז, מד-מה) 'וישבת עמו ימים אחדים עד אשר תשוב חמת אחיך, עד שוב אף אחיך ממך ושכח את אשר עשית לו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט רבקה געזאָגט אַ דאָפּלטן לשון: 'עד אשר תשוב חמת אחיך', און דערנאָך ווידעראַמאָל, 'עד שוב אף אחיך ממך'.

ענטפערט דער גאון רבי איצעלע וואָלאָזשינער זצ"ל (אין זיין ספר 'פה קדוש'), לויט ווי זיין פאָטער, דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל, האָט געזאָגט ('כתר ראש', אות קיט) אַז עס איז אַן אויסגעפּרובטע זאַך, אַז אויב אַ מענטש האָט שונאים ח"ו, זאָל ער פועל'ן ביי זיך אין האַרץ אַז זיי זענען צדיקים גמורים, און ער זאָל זיי דן זיין לכף זכות, און זייער הערצער וועלן באַלד איבערגעדרייט ווערן איהם ליב צו האָבן.

לויט דעם, האָט רבי איצעלע געזאָגט אַ כוונה אין דעם דאָפּלטן לשון פון פּסוק, אַז עס קומט לערנען אויך פאַרקערט, אויב דער מענטש וויל זעהן אויב יענער האָט איהם טאַקע פיינט, זאָל ער זיך אַליין נאָכקוקן צי זיין האַרץ איז גאַנץ מיט יענעם. אויף דעם האָט רבקה אמינו ע"ה געזאָגט, פון וואו וועסטו וויסן אַז עשו'ס כעס האָט זיך אָפּגעטוהן פון דיר? ווען דו וועסט שפּירן אַז 'שב אף אחיך ממך', דאָס הייסט, אַז דיין אייגענער כעס אויף

הדין', נאָר עס איז אַ 'געזעץ' פון דעם אויבערשטען אַז מ'זאָל טוהן גוטס מיט זיי, און אַזוי האָט זיך געפירט אברהם אבינו ע"ה, און דערמיט איז ער געגאַנגען אין דעם אויבערשטען'ס וועגן.

**באמת,** איז דער מענטש וואָס 'צוברעכט' זיך און זיינע מידות, צו טוהן גוטס אויך מיט איינעם וואָס פאַרדינט עס נישט, קומט איהם 'בדין' צו באַקומען שכר און געבענטשט ווערן מיט אַלע ברכות וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט אין דער פרשה, ווי הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל האָט געטייטשט ('תורת אבות', ד"ה 'ויעתר'), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, כא) 'ויעתר יצחק לה'', זאָגן חז"ל (יבמות סד.) אַז 'ויעתר' איז פון לשון 'עתר' - אַ גאָפּל מיט וועלכן מ'כאַפּט אָן די תבואה, דיך צו לערנען, אַז פונקט אַזוי ווי דער גאָפּל דרייט איבער די תבואה פון איין אָרט צום אַנדערן, אַזוי טוט די תפילה פון די צדיקים איבערדרייען די מידות פון דעם אויבערשטען, פון מידת הדין צו מידת הרחמים.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס טאַקע איז דער כוח פון די תפילה אַזוי גרויס איבערצודרייען די מידות פון דעם אויבערשטען?

**ענטפערט** רבי משה מידנער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אויבערשטער פירט זיך דאָך צו באַצאָלן פאַר דעם מענטש 'מידה כנגד מידה'. און וויבאַלד די צדיקים דרייען איבער זייערע מידות און גליסטונגען פאַר דעם אויבערשטען, דעריבער זענען זיי בכוח איבערצודרייען אויך די מידות פון דעם אויבערשטען כביכול. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'ויעתר יצחק לה'' - יצחק האָט זיך אינגאַנצן 'איבערגעמאַכט' פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און אַזוי ביי אַלע זאַכן וואָס אַ מענטש טוט זיך 'איבערדרייען' פאַר דעם אויבערשטען, סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחבירו, און דורך דעם טוט ער 'איבערדרייען' אַלע דינים, און ער איז ממשיך אויף זיך אַ שפע פון רחמים און חסדים אָן אַ גרעניץ[כג].

**מיר** האָפען און זענען מתפלל, ברכנו אבינו כולנו כאחד, מיט 'טל השמים' און 'משמני הארץ', און אַלע אַנדערע ברכות וואָס שטייען אין דער פרשה, ברוחניות ובגשמיות, בסימן טוב ובמזל טוב, מיט אַ שטאַרקער אמונה אין דעם באַשעפער, 'צור כל העולמים', בעסק התורה והמצוות על ישראל שלום, אמן כן יהי רצון.

---

איהם, האָט זיך אָפּגעטוהן, דאַן וועסטו קענען וויסן אַז אויך זיין כעס האָט זיך אָפּגעטוהן פון דיר.

און רבי איצעלע האָט צוגעלייגט, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ 'סימן', נאָר אויך אַ 'סיבה'. אויב דער מענטש טוט אָפּ פון הארץ אַלע זיינע טענות קעגן יענעם, וועט יענער טאַקע אויפהערן איהם פיינט צו האָבן.

**כג.** ווי גרויס ס'איז דער כח פון צעברעכן די מידות, קען מען זעהן פון אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט פאַריאָר, פרשת חיי שרה תשפ"ב, אַ פרוי וואָס וואַרט שוין לאַנגע יאָרן געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, האָט מפשפש געווען במעשים, צו וויסן פאַרוואָס עס האָט פאַסירט מיט איר, און זי האָט זיך דערמאַנט, אַז לאַנגע יאָרן פריער האָט זי געטשעפּעט מיט אַ חבר'טע וועלכע האָט געלערנט מיט איר צוזאַמען אין שולע, און איז געגאַנגען איר איבערבעטן. די חבר'טע האָט אָבער נישט געוואָלט מוחל זיין, זאָגנדיג אַז זי איז געטשעפּעט געוואָרן פון איר אויף אַ געפערליכן אופן, און דאָס האַרץ טריפט איר נאָך מיט בלוט ביז היינט, ספּעציעל אַז די וואָס האָט איר געטשעפּעט (די פרוי וואָס האָט געוואַרט אויף קינדער) האָט אָנגעפירט אַ גאַנצע גרופּע חבר'טעס, און זי האָט זיי דערמוטיגט צו טשעפּען מיט איר. וויפיל זי האָט פּרובירט בעטן רחמים אַז זי זאָל אַראָפּנעמען איר 'קפידא', האָט די חבר'טע זיך געהאַלטן ביי איר'ס, אַז זי איז בשום אופן נישט מסכים מוחל צו זיין.

איז די פרוי געגאַנגען צו איינע פון די רבנים אין בני ברק, אַז ער זאָל פּרובירן אויסהאַמערן א שלום צווישן זיי, און דער רב האָט זיך טאַקע פאַרבונדן צו די געטשעפּעטע פרוי פאַר יום כיפור תשפ"ב, און איר געבעטן ברחמים ובתחנונים, אָבער עס האָט נישט אויפגעטוהן, ביז ער האָט איר געפרעגט: 'וואָס פאַר אַ ישועה דאַרפסטו אַליין האָבן, וואָס צוליב דעם איז כדאי פאַר דיר צו זיין אַ 'מעביר על מידותיו', און דו וועסט זוכה זיין צו אַ ישועה ביז חנוכה?'... האָט די פרוי געענטפערט, יאָ, זי האָט אַן עלטערן ברודער, אַ 'בא בימים', וואָס האָט נאָך נישט געטראָפן זיין באַשערטע... אַלזאָ, זי האָט געזאָגט אַז זי איז מוחל מיט'ן גאַנצן האַרץ, און דער רב האָט איר געזאָגט, אַז ער איז זיכער אַז ביז חנוכה וועט ער געהאָלפן ווערן, וכן הוה, פרשת חיי שרה תשפ"ב, איז דער ברודער פון די פרוי אַ חתן געוואָרן בשעה טובה ומוצלחת...



# א מעשה וואס קומט צוניץ

א פלאקער האט זיך געשפירט אין בית המדרש. איבער די סידורים איז דער עולם געשטאנען און זיך געקאכט אין א דערהויבענער קבלת שבת ווען ביים אויבנאן פון שול, אויף זיין קביעות'דיגער ארט, שטייט דער הייליגער צדיק הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זצוק"ל.

מען האט שוין דערגרייכט צו כגוונא, אט גייט מען שוין זאגן 'ברכו' און דער קדושת שבת גייט זיך שפירן אין שול ווען אינמיטן, אומערווארטעט, לויפט דער צדיק ארויס פון שול, ער לויפט ארויס צו די גאס.

ספאנטאניש זענען אלע שטיין געבליבן אויף זייערע ערטער. קיין איינער וויל נישט ווייטער גיין, יעדער ווארט אז דער צדיק זאל זיך אומקערן אין שול און ווייטער דאווענען.

"אבער וואו איז דער צדיק געגאנגען?". וואונדערט זיך יעדער.

די וועגן פון דעם צדיק זענען פארבארגן. קיין איינער קען זיי נישט פאראויסזען. דער צדיק שוועבט אין די העכערע הימלען אבער איז אויך דא אויף די וועלט און טאג און נאכט באשעפטיגט ער זיך מיט די הייליגע מצוה פדיון שבויים.

אויך יעצט, אביסל פאר כגוונא, דרייט זיך דער צדיק ארום אין שטאט, ער איז עוסק אין אט די הייליגע מצוה ארויסצוראטעווען א אידישע נשמה פון געפענגעניש.

די געשיכטע אין וואס דער צדיק איז אצינד עוסק האט זיך אנגעהויבן א שטיק צייט פריער ווען אן ארעמער איד מיט'ן נאמען ר' נפתלי האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן די ארענדע וועלכער ער האט ארויסגעדינגען פון דער ארטיגער פריץ.

דער פריץ האט נישט באהאלטן זיין אומצופרידנקייט. איינמאל נאכ'ן צווייטן האט ער געסטראשעט דעם ר' נפתלי, ער זאל בעסער באצאלן די ארענדע געלט, ווען ער שטעלט אים קלאר אז דער פרייז פאר נישט צאלן וועט זיין טייער און ביטער.

"אבער איך האב נישט, עס איז נישט אריינגעקומען קיין געלט". האט ר' נפתלי געבעטן רחמנות ביים פריץ אבער זיינע ווערטער זענען געפאלן אויף טויבע אויערן פון דער פריץ.

"איך געב דיר צוויי וואכן, אויב ביז דעמאלטס איז דאס געלט נישט דא וועסטו טייער באצאלן דערפאר". האט דער פריץ געגעבן אן אולטימאטום פאר ר' נפתלי.

ווען דער אולטימאטום איז אנגעקומען און ר' נפתלי האט נישט געברענגט דאס געלט איז דער פריץ ארויס פון די כלים. ער האט באשלאסן אז נישט נאר וועט ער אים באשטראפן נאר ער וועט נוצן די געלעגנהייט מיט ר' נפתלי אנצולערנען די גאנצע שטאט און אלע דערפער ארום אז מיט אים הייבט מען זיך נישט אן.

פארזעצונג אויף זייט 8

זיין פינסטערער און נידערטרעכטיגער מח האט ערפינדן א מערדערישער וועג ווי אזוי צו באשטראפן א איד און אינאיינוועגס אנלערנען אלע קרעטשמע לייט און גיט אנפירער אין דער אומגעגענט.

ווי מער ער האט זיך פארטיפט אין דער בליציגער איינפאל וואס האט אויפגעבליצט אין זיין מח, אלץ מער איז ער באיינדרוקט געווארן פון די געדאנק. א סאדיסטישער שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיינע ליפן טראכטנדיג ווי אזוי עס וועט אויסזען דער ספעקטאקל ווען זיין חלום וועט ווערן א מציאות.

אין א געוויסער מאס האט ער שוין אפילו נישט געוואלט אז דער ר' נפתלי זאל באצאלן וואס ער איז שולדיג. אויב יא, וועט ער דערלייגן מיטצולעבן אזא זעלטענע ספעקטאקל...

דער געדאנק האט ער געהאלטן ביי זיך. קיין איינער אין דער פאלאץ האט נישט געוואוסט ווי אזוי דער פריץ גייט באהאנדלען דער איד וואס האט נישט געצאלט די ארענדע געלט און וועגן דעם ווען דער פריץ האט געבעטן פון זיינע באדינער מען זאל ארויסגיין אין מארק און זיך איינהאנדלען גוטע און שטארקע שטריק האט דאס ארויסגערופן וואונדער ביי יעדער איינער פון זיי.

דער טאג וואס דער פריץ האט באשטימט אלץ דער טאג וואס ער גייט זיך אפרעכענען מיט ר' נפתלי איז געווען א פרייטאג.

אין יענעם טאג האט דער פריץ ארויסגעשיקט צווי פון זיינע מענטשן זאלן אריבערגיין צו דער שטוב פון ר' נפתלי און אים איינמעלדן אז דער פריץ לאזט אים רופן.

מיט ציטערדיגע טריט איז ר' נפתלי געקומען צוגיין צום פריץ. ער האט נישט געוואוסט וואס דער פריץ גייט אים אנטון, אבער אזויפיל האט ער יא געוואוסט אז קיין גוטס ווארט אים נישט.

ווי נאר ר' נפתלי איז געקומען צוגיין האט דער פריץ געהייסן פאר זיינע באדינער מען זאל אים בינדען מיט שטריק פון אלע זייטן און די צווייטע זייט פון די שטריק זאל מען צובינדן צו דער וואגן, אזוי אז דער איד זאל זיין צוגעבינדן צו דער וואגן.

"איך נעם דיר אויף א רייזע". האט דער פריץ געזאגט שמייכלנדיג. "אבער דו וועסט נישט זיצן אין די ערשטע קלאס וואגאן, דו וועסט זיין צוגעבינדן צו די וואגן פון אונטן און דיין קערפער וועט זיך שלעפן אויף די ערד".

א ציטער איז באפאלן ר' נפתלי. אזא רייזע האט געמיינט א זיכערער טויט אבער א טויט מיט ביטערע יסורים. דער פריץ וועט זיצן פארנט און טרייבן זיין פערד זאל פארן ווי שנעלער און ער וועט אונטערוועגנס אריינכאפן גוטע זעצעס, צומאל וועט זיין מאגערע קערפער זיך אנשטויסן אין א פעלזענעם שטיין, אמאל אין א בוים, עס וועט ווערן גוט צוביילט ביז ווען זי וועט שוין מער נישט לעבן.

"אויב דו וועסט איבערלעבן – וועסטו האבן א שאנס מיר אפצוצאלן....". האט דער פריץ געזאגט מיט א קענטליכע הנאה.

אויף די רייזע איז דער פריץ נישט געפארן אליין, מיט אים אין די קארעטע איז מיטגעפארן זיין זון און ווען דער פריץ שטופט זיין וואגן פאראויס, האט ער געהאלטן אין איין צוריקקוקן אויף אונטן צו זעהן אויב דער איד לעבט נאך.

מערערע מאל האט ר' נפתלי געזאגט שמע ישראל, שטילערהייט האט ער געשעפטשעט צו השי"ת אז די אלע זעצעס וואס ער כאפט אריין זאל זיין א כפרה פאר זיין זינדיגער נפש.

די קארעטע האט זיך גערוקט פון איין שטאט צום אנדערן און ווען עס איז אריבערגעפארן די שטעטל פון סאסוב האט דער הייליגער צדיק מרגיש געווען אז א איד דארף א ישועה און מיט איין בהלה איז ער ארויסגעלאפן פון שול, ער איז געלאפן זיך אומצוקוקן וואס דא גייט פאר.

ווען די קארעטע איז אריבערגעפארן נאנט צו דער שול האט דער צדיק זעענדיג וואס דא גייט פאר, געבעטן פון דעם פריץ ער זאל אפשטעלן זיין וואגן.

דער לעכטיגער צורה פון דעם צדיק האט באוואויגן דער פריץ. אויך ביי די גוים איז דער נאמען פון דער אידישער וואונדער ראבין געווען באקאנט, אלע האבן געוואוסט אז דער ראבין האט גרויסע כוחות, ער שאקלט די הימלען.

דער צדיק האט אריינגעקוקט אין די קארעטע און אט זעהט ער דעם קליינעם אינגל, דער צדיק לויבט אים אויס, ווי שיין ער איז און בעט פון דער פריץ ער זאל דערנענטערן דאס קינד צו אים, ער וויל אים געבן א קוש אויפ'ן שטערן.

דער פריץ באגייסטערט פון די אויפמערקזאמקייט וואס דער אידישער ראבין געבט אים אפ און פאר זיין קינד, פאלגט אויס די באפעלן פון דעם רבי'ן און ער דערנענטערט צו אים דער אינגל, דער צדיק גלעט אים און ענדיגט נישט באוואונדערן זיין שיינקייט, זיין פראכט, זיין ברייטע שטערן אלץ א צייכן פון טיפזיניגע חכמה.

דער פריץ וויל שוין ווייטער פארן ווען דער צדיק געבט אים א פרעג וואס שלעפט זיך נאך אונטער אים.

פארזעצונג אויף זייט 9

"ראבין, דאס איז א איד וואס האט נישט געצאלט די ארענדע....".

"אבער דאס איז נישט געזונט פאר'ן קינד, א קינד זאל זיך צוקוקן ווי א מענטש ווערט צוזעצט און צוקנאקט, ער זאל הערן די געיאמעריי, עס קען נאך האבן א שטארקער זעלישער אויסווירקונג אויף דאס קינד". האט דער צדיק אים איבערגעצייגט.

"מיין עצה צו דיר איז, באפריי אים, געב אים נאך א שאנס, ווייל עס איז ממש א שאד אז א טייערע זעל ווי דאס קינד זאל צוגרונד גיין צוליב דעם איד".

דער פריץ האט זיך געלאזט איבערצייגן. ער האט באפרייט דעם איד און געבעטן אז דער ראבין זאל בענטשן זיין קינד און אים אליין אויך. דער צדיק שטימט צו און גלייך הייבט מען אויף ר' נפתלי פון די ערד, מען ברענגט אים אריין אין שול.

יעצט האט שוין יעדער פארשטאנען וואו אהין דער צדיק איז פלוצלונג פארשוואונדן געווארן, מיט דער צובייליטער איד איז ער צוריקגעקומען אין שול און אט לויפט ער צו צום עמוד, ער וויל זאגן כגוונא, אבער ער בלייבט שטיין.

"רבוש"ע דער מויל וואס האט געקושט אן ערל, געלויבט א גוי, ווי אזוי קען זי דאווענען פאר דיר, באשעפער?".

א מינוט דערויף איז זיך דער צדיק מיישב.

"רבוש"ע אויך א טמא'ער הונט זאגט פאר דיר שירה און אויב א הונט קען זאגן שירה – קען איך אויך....".

נאכ'ן זאגן די ווערטער האט דער צדיק מיט א ברען אנגעהויבן זאגן 'כגוונא'.

די מעשה ווערט געברענגט אין ספר עשר צחצחות און דערביי לייגט ער צו אז ער האט די מעשה געהערט פון מגידי אמת און ווען זיי האבן עס דערציילט פלעגן זיי צולייגן אז די מעשה זאל מען געדענקען ווייל עס איז א מעשה וואס קומט צוניץ. ■

[עשר צחצחות]

## לעטער פתורא

### ווייס וואו דו שטייסט איין!

ויתרוצצו הבנים בקרבה.

רש"י אויף די ווערטער 'ויתרוצצו הבנים בקרבה' געבט צו פארשטיין אז רבקה האט זיך דערשראקן פון די טאנצעריי ווייל אריבערגייענדיג א שול האט ער געוואלט ארויסלויפן און אריבערגייענדיג א קלויסטער האט עס געוואלט ארויסלויפן.

עס קען זיין אז דער פחד פון רבקה איז געווען אז מען רעדט פון איין מענטש און אמאל איז ער אזוי און אמאל איז ער אזוי. עס טרעפט זיך זייער אסאך מאל מענטשן וואס האבן נאטורליך א ברען צו א דאווענען, ביים דאווענען זענען זיי זייער געהויבן אבער א רגע נאכ'ן דאווענען פאלן זיי אראפ פון די דרגה און די זעלבע ברען נוצט מען אויף תאוות גשמיות.

רבקה האט מורא געהאט אז איר קינד איז א סארט וואס טאנצט אויףביידע ערטער אויפאמאל און וועגן דעם איז זי געגאנגען 'לדרוש את השם' האט מען איר בארואיגט זאגענדיג אז דער רשע איז טאקע א גאנצער רשע אבער דאגעגן דער צדיק איז א גאנצער צדיק, נישט איינער וואס איז אמאל אזוי און אמאל אזוי.

[תפארת שלמה]

### א איד מיט אמונה ותמימות איז אן אפגעהיטענער איד

**ויהי עשו איש יודע ציד.**

עס קען זיין אז דער איש יודע ציד גייט ארויף אויפ'ן יצר הרע און דער פסוק איז אונז מגלה ווען דער יצר הרע האט א שליטה אויף א מענטש אז ער קען אים פאנגען און ווען נישט.

ויהי עשו איש יודע ציד – ווען קען דער יצר הרע אריינפאנגען א מענטש אין זיין נעץ? ווען דער מענטש איז אן איש שדה – ער דרייט זיך ארום אויפ'ן פעלד, ער כאפט זיך נישט אן אין קיין שום ארט, אין א צדיק, אין אמונה, אדער אין תמימות אבער – ויעקב איש תם – דער מענטש ווערט א גאנצער מענטש ווען ער איז א יושב אהלים אז ער איז זיך מדבק אין תמימות און אין צדיקים.

[שארית ישראל]

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# די גרעסטע פאפעריי

## פרשת תולדות

## חלק א. פּאָפּן זיך אליין

### א גרויסע וואונדער

איינע פון די גרויסע וואונדער אין די תורה איז דער פאקט אז יצחק אבינו האט צוערשט געוואלט געבן די ברכות פאר עשו. איך זאג 'צוערשט' - ס'איז געווען מער ווי דאס. ס'האט כמעט אזוי פאסירט! יצחק האט געוואוסט אז עס וועט זיין א אידישע פאלק מיט דריי אבות - און ער האט געפלאנט צו געבן פאר עשו די ברכות און דאדורך אים מאכן פאר דער דריטער פון די אבות!

לויט דעם פלאן פון יצחק, וואלטן מיר אויף אייביג געשטאנען ביי שמונה עשרה און געזאגט אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי עשו. אבער מיר וואלטן דאס נישט געזאגט ווייל מיר וואלטן שוין נישט עקזיסטירט. אויב עשו וואלט געשטעלט געווארן צווישן די דריי אבות, וואלט עס חס ושלום געווען א חורבן; מיר וואלטן נישט געווען דא היינט. מיר זענען דער עם אלקי יעקב. דאס איז די איינציגסטע סיבה פארוואס מיר עקזיסטירן היינט.

אלזא, איר דארפט פארשטיין אז יצחק איז געווען א גרעסערער חכם ווי אפילו אברהם אבינו. אזוי זאגן די חז"ל. אברהם אבינו איז געווען דער אויסטרעפער, דער מחדש, אבער יצחק אבינו האט געלערנט אלעס וואס זיין רבי האט אים געלערנט און ער האט אויך צוגעלייגט דערצו. ער איז געווען ווי א ריז וואס שטייט אויף די פלייצעס פון אן אנדער ריז, און דערפאר איז נישט קיין שאלה אז יצחק איז געווען איינער פון די גרעסטע חכמים אין די געשיכטע; און דעריבער, צו זאגן אז עשו האט אים געקענט אפנארן, אים אויספאפן, איז זייער א גרויסער וואונדער.

### געטרייסלט ווי א בלעטל

און דאס איז נישט געווען קיין קליינער טעות וואס יצחק האט געמאכט, עפעס וואס מ'האט געקענט אדורכלאזן. ס'איז געווען שרעקליך און פחד'יג. דאס איז פארוואס ווען יצחק האט אנטדעקט זיין טעות **וַיֶּחֱרַד יִצְחָק חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד** - ער האט געציטערט זייער א גרויסע ציטערניש (תולדות כז:לג). אלזא, **חֲרָדָה גְּדֹלָה** טוט אנדייטן אז זיינע הענט און פיס האבן זיך געשאקלט ווי אין א צעטרייסלונג, אז ער האט זיך געשאקלט ווי א בלעטל אין א שטורעם. דאס אליין איז אן עקסטרעמע שפראך אבער אייגנטליך זאגט דער פסוק מער ווי דאס. עס שטייט **חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד** - עס איז געווען א שטארקע טרייסלעניש, זייער שטארק. אין קיין שום אנדער פלאץ אין חומש וועט מען נישט טרעפן אזא באשרייבונג. ס'איז נישט געווען ווי א פשוט'ער שטורעם; ס'איז געווען ווי ער וואלט געווען פארכאפט אין א האריקעין, ווערנדיג געווארפן אהין און צוריק דורך מעכטיגע שטורעם ווינטן.

למעשה, יצחק האט נישט אזוי געטרייסלט בלויז צו מאכן א שפיל - ער האט געמוזט זיין שרעקליך דערציטערט. און דערפאר פרעגן די חז"ל א שאלה: פארוואס האט ער זיך אזוי געווארפן? וואס האט ער געזען וואס האט אים אזוי דערשראקן?

### א בליק אריין אין גיהנום

אלזא, הערט דעם ענטפער וואס די חז"ל זאגן אונז (רש"י שם.): **ראה גיהנם פתוחה מתחתיו** - יצחק האט געזען אז דער גיהנום האט זיך געעפנט אונטער אים. למעשה, אויב מיר זאלן זען ווי דער גיהנום עפנט זיך, איז נישט קיין שאלה אז מיר וואלטן אויך צעטרייסלט געווארן. נישט נאר אונזערע הענט, נאר אונזערע פיס און אונזערע אויגן און אונזערע ליפן און אונזער קאפ און אונזער מח וואלטן געטרייסלט.

אויב מיר וואלטן געזען דעם גיהנום בלויז איין מאל וואלטן מיר נישט אויפגעהערט זיך טרייסלען אויף א גאנץ לעבן. עס וואלט אפשר געווען פאר אונז א גוטע זאך - אדער אפשר וואלט עס אונז נישט געווען אזוי גוט ווייל דאן וואלט עס אונז ארויסגענומען פון דינסט. דאס איז פארוואס דער באשעפער ווייזט עס אונז נישט. מיר דארפן לערנען פון דעם גיהנום, מיר דארפן טראכטן דערפון, אבער עס איז פארהוילן מיט א שלייער ווייל אויב מיר וואלטן עס געזען, גלייב איך נישט אז מיר וואלטן נאך געקענט פונקציאנירן.

אבער יצחק האט עס געזען! ער האט געזען ווי דער גיהנום עפנט זיך גלייך נעבן זיינע פיס. דאס מיינט אז ער האט עס געזען און איז שיעור ארייגעפאלן דערין. ער האט כמעט אוועקגעגעבן זיין צוקומפט פאר עשו, נאר אין די לעצטע רגע, בשעת ער איז געשטאנען ביים שוועל פון תהום, האט ער אנטדעקט דעם אמת. נאך וואס יעקב האט גענומען די ברכות און איז ארויס, ווען עשו איז אריינגעקומען האט דאן יצחק געפרעגט, "ווער איז דער וואס איז דא געווען פריער און איך האב אים געגעבן די ברכות?!" ער האט יעצט געזען אז די האנט פון באשעפער האט אים אנטפלעקט דעם אמת. יצחק האט געוואוסט אז זאכן האבן נישט פאסירט בטעות און אויב עס האט זיך יעצט ארויסגעשטעלט אז ער האט אוועקגעגעבן דעם צוקומפט פאר יעקב, האט ער אצינד פארשטאנען אין א בליץ אז ער האט געמאכט א שרעקליכן טעות דורכאויס די אלע יארן. 'עשו איז נישט געווען דער אויסדערוועלטער!? עס איז געווען איין גרויסער טעות. און איך האב כמעט אריינגעטראטן אין תהום!'

איך האב שוין געזען אזעלכע אינצידענטן. א מענטש האט שפאצירט אויף א בריק אין די טונקלקייט. ער איז אינדרויסן פון שטאט און עס איז טונקל, שטאק פינסטער, אבער ער מוז אנקומען אהיים, זעצט ער פאר צו גיין. מיטאמאל, שניידט דורך א בליץ און אין יענע פלוצלינגדיגע שטראל פון ליכטיגקייט זעט ער אז ער שטייט אויפ'ן ברעג פון א הויכער תהום. דאס איז א שאקירנדע איבערלעבעניש! מיט איין טריט ווייטער וואלט ער געווארן אראפגעשליידערט און צעשמעטערט אין שטיקער.

ווען איך בין געווען יונגער האב איך געזען אזא מאלערײ. א מענטש גלאצט אראפ אין א טיפער אפגרונט און ער באמערקט ווי נאנט ער איז געווען צו ווערן א געענדיגטער. ער האט זיך אפגעשטעלט פונקט אין צייט.

דאס איז וואס יצחק האט געזען. נאר ער האט געזען פיל מער ווי דאס. ער האט געזען א פיל טיפערע לאך; א לאך וואס האט זיך געצויגן ביז צום גיהנום.

## פארנארן דעם חכם

די שאלה איז ווי אזוי האט אזא זאך געקענט בכלל פאסירן? יצחק איז געווען צו קלוג פאר דעם; ווי אזוי האט עס געקענט זיין אז ער איז אנגעקומען אזוי נאנט צום תהום? ווי אזוי האט ער געקענט פארנארט ווערן צו טראכטן אז עשו, נישט נאר אז ער איז ווערד נאר אז ער איז נאכמער ווערד ווי יעקב?

דאס איז א שאלה וואס פאדערט אן ערנסטע אויפמערקזאמקייט. אלזא, איך זאג נישט אז מיר גייען עס אינגאנצן פארענטפערן, אבער כאטש דארפן מיר טראכטן דערפון. און אויב טוען מיר דאס, וועלן מיר קענען ארויסלערנען א וויכטיגער מוסר השכל פאר אונז.

אלזא, קוקן מיר אריין אין די פרשה וואו עס שטייט **וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו** - און יצחק האט ליב געהאט עשו ווייל ער האט געגעסן פון דאס געפאנג וואס עשו האט געפאנגען פאר אים (תולדות כה:כח). דער פשוט'ער באדייט זעט אויס צו זיין אז ווייל עשו האט געפאנגען הערשן צו געבן פאר זיין טאטן צו עסן הערשן פלייש, דערפאר האט ער אים ליב געהאט און ער איז פארנארט געווארן. הערשן פלייש האט א געשמאקער טעם, ווייסט איר. אפשר האט איר עס נאך קיינמאל נישט געקאסט ווייל עס איז זייער טייער אבער גוט געבראטענע הערשן פלייש איז א דעליקאטעסן. און דערפאר פארשטייען מיר אז אויב עס וואלט געווען ביי אונז, קענען מיר ווערן אונטערגעקויפט דערמיט. אבער אויף יצחק איז אוממעגליך צו זאגן אזעלכע ווערטער! דער אלטער חכם יצחק איז אונטערגעקויפט געווארן דורך זיין זון ווייל ער האט אים געברענגט דעליקאטעסן צו עסן?!

און דא זאגן אונז די חז"ל א דרש אויף די ווערטער **כִּי צַיִד בְּפִיו** - ער האט אים געפאנגען אין זיין מויל. דאס מיינט אז עשו האט געפאנגען זיין פאטער דורך די רייד וואס ער האט גערעדט. "טאטע," האט עשו געזאגט, "**אֵיךְ מְעַשְּׂרִין אֶת הַמֶּלַח** - ווי אזוי שיידט מען אפ מעשר פון זאלץ?" למעשה, אויף זאלץ דארף מען בכלל נישט געבן מעשר. אבער ער פלעגט פרעגן פון זיין טאטע אזעלכע שאלות, חומרות. די גאנצע צייט האט ער געפרעגט פון זיין טאטע אזעלכע סארט שאלות.

## ער האט זיך איינגערעדט

אבער אויב מיר טראכטן אז עס איז געווען בלויז יצחק אבינו, זיין אלטער פאטער, וואס האט זיך געלאזט פארכאפט ווערן אין זיין נעץ, איז דאס א גרויסער טעות ווייל ס'איז געווען פיל מער ווי דאס. קיינער האט נישט געקענט אזוי פארנארן יצחק. ס'איז נישטא קיין שאלה אין דעם. עשו האט נישט געקענט סתם לייגן א שלייער אויף די אויגן פון יצחק.

איר ווייסט ווי אזוי עשו האט פארנארט יצחק? ווייל עשו האט זיך אליין פארנארט! ער האט געוואלט געבן מעשר אויף זאלץ! ער האט געוואלט זיין א מחמיר.

דאס איז א גרויסער יסוד וואס מענטשן ווייסן נישט. עשו איז נישט געקומען צו אויסנארן זיין טאטע - ער האט געגלייבט אז ער איז ערליך; ער האט געטראכט אז ער איז א צדיק. איך ווייס אז דאס איז א חידוש פאר מענטשן צו הערן, אבער נעמט דאס אריין אין קאפ כאטש אלס א מעגליכקייט. ס'איז מער ווי א מעגליכקייט צו מיר: עשו האט נישט פארנארט יצחק - ער האט זיך אליין פארנארט! עשו האט געגלייבט אז ער איז ווערד דערצו, אז ער איז דער בעסערער. און ער איז געווען ערנסט דערין. ער האט געלייגט א שלייער אויף זיינע אייגענע אויגן!

און דאס האט געמאכט עשו די מערסט געפארפולער. - דער גרעסטער רמאי, דער גרעסטער שווינדלער, איז נישט דער מענטש וואס קומט דיר פארנארן. ס'איז ווען ער פארנארט זיך אליין דורך טראכטן אז ער איז עפעס, דעמאלטס איז ער דער גרעסטער רמאי. דאס איז דער געפארפולסטער שווינדל. א מיסיאנער וואס ווערט באצאלט, לאמיר זאגן, צו פארכאפן מענטשן, אבער ער גלייבט נישט דערין, דאס איז א קליינע סכנה. אבער א מיסיאנער וואס איז אזוי פארמישט אין דעם שקר פון די עבודה זרה אז ער גלייבט פאקטיש דערין, ער איז מער געפארפול. און עשו האט געגלייבט אין זיך. דאס איז וואס דער "געפאנג אין זיין מויל" באדייט.

## פירן לויט די אייגענע דרגה

אודאי, די רייד פון דעם פסוק מיינען וואס זיי זאגן. עשו איז ארויסגעגאנגען אין פעלד און געפאנגען עסן פאר זיין טאטע. אבער ס'איז נישט נאר דאס. אייגנטליך, עשו איז ארויס אין פעלד צו דינען דעם באשעפער. ווען ער איז געווען אין גע'יעג נאך א הערש האט ער עס געטון צו מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב. און ער האט עס געטון ערליך. עשו איז געווען א מומחה, א חסיד, אין כיבוד אב. ער האט עס מקיים געווען לפנים משורת הדין.

איר ווייסט, אז ווען עשו האט געדארפט גיין צו באגעגענען זיין פאטער איז ער געקומען צו אים נאר אין זיינע בגדיו החמודות, אין זיינע בעסטע מלבושים! **אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל עֲדַיִן לֹא הִגַּעְתִּי לְכִבּוּד אָב שֶׁל עֵשָׂו הָרָשָׁע** - רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט, "איך האב נאכנישט דערגרייכט צו די הויכע מדריגה אין כיבוד אב פון עשו הרשע." ס'איז נישט גרינג צו טון אזא זאך. דאס מיינט אז ער האט געדארפט אויסטון זיינע פאנג קליידער און זיך טוישן צו יום טוב'דיגע קליידער און ווען ער איז אוועקגעגאנגען זיך צוריקטוישן. א שעה שפעטער האט ער זיך נאכאמאל געטוישט. און דאס האט ער געטון יעדן טאג! און דערפאר האט רבן שמעון געזאגט, "איך קען דאס נישט טון. איך האב נישט געקענט מכבד זיין מיין פאטער אזוי שטארק ווי עשו האט געטון."

אלזא, רבן שמעון האט אויך פארמאגט יום טוב'דיגע קליידער; אויב ער וואלט געוואלט וואלט ער עס אויך געקענט טון. אבער ער האט נישט געוואלט זיין א רמאי. "איך ווייס אז איך בין פאלש. איך זאל אנטון בגדי יום טוב?! אויב איך וועל אנקומען צו אט די הויכע מדריגה, וועל איך עס אויך טון, אבער איך האב קיינמאל נישט דערגרייכט צו אט

די הויכע מדריגה פון כיבוד אב.״ רבן שמעון׳ס פאטער איז געווען א גרויסער מענטש; רבן גמליאל איז געווען זייער א גרויסער מענטש און ווען רבן שמעון איז געקומען צו זיין פאטער איז עס געווען מיט׳ן גרעסטן כבוד. ״אבער איך זאל זיך מאכן פאר א רמאי און זיך אנטון בגדי יום טוב? ניין, דאס איז נישט פאר מיר.״

אבער עשו האט נישט געהאט דעם פראבלעם ווייל ער האט זיך שוין אליין געהאט איבערגערעדט אז עס איז פאר אים, אז ער איז אויף די מדריגה. דאס איז פארוואס ער האט דאס געטון. ער האט געזאגט, ״דאס איז וואס איך בין! איך בין נישט ווי מיין יונגערער ברודער יעקב וואס זיצט אינדערהיים א גאנצן טאג. איך בין די אמת׳ע זאך! איך גיי ארויס אין די פעלדער ארבעטנדיג שווער פאר מיין טאטן.״ עשו האט בלינדערהייט געגלייבט אז דאס איז דער טעם פארוואס ער איז אן איש שדה, ווייל ער באדינט זיין טאטן די מערסטע פון זיינע מעגליכקייטן. דאס איז וואס ער האט געטראכט. און דאס איז ווי אזוי ער האט פארנארט זיין טאטן. ווען ער איז צוריקגעקומען ביים סוף טאג און ער האט געברענגט הערשן פלייש אין זיין טאטן׳ס געצעלט, האט זיין פאטער געזאגט, ״זע מיין זון וואס פארברענגט זיין גאנצן טאג מיט די מצוה פון כיבוד אב.״

## א קייט פון טעותים

אלזא, איך קען נישט ערקלערן אלע טעמים פארוואס יצחק איז פארפירט געווארן אבער ס׳איז נישט קיין שאלה אז דאס וואס עשו האט זיך אליין גענארט, דאס איז געווען דער עיקר טעם. ס׳איז א שרעקליכע מעשה, א פחד׳יגע מעשה, און דאס איז א **חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד**, זייער א גרויסע ציטערניש אז אזא זאך קען פאסירן. אבער ס׳איז מעגליך און עס האט פאסירט. און דאס איז א געוואלדיגע לערע פאר אונז.

וואספארא לערע? ס׳איז די געוואלדיגע לערע פון וואס ירמיהו הנביא (יז:ט) האט גערעדט. **עָקֹב הַלֵּב מִכֹּל** - די הארץ איז זייער קאמפליצירט; ס׳איז די קאמפליצירסטע זאך, **וְאָנֻשׁ הוּא מִי יֵדָעֶנּוּ** - און ווער קען דאס וויסן? ס׳איז זייער לייכט צו מאכן א טעות אין די פנימיות פון אונזער אייגענע הארץ. און דאס איז וואס עשו האט געטון. ער האט געמאכט דעם שרעקליכן טעות פון זיך אליין פארנארן און דאס האט זיך דערקייקלט ביז אפילו יצחק אבינו איז פארנארט געווארן.

# חלק ב. מדארף זיך חושד זיין

## וואוינען אין די ישיבה

אלזא, יעקב איז געווען אינגאנצען אן אנדערע מעשה. ער האט נישט געמאכט דעם טעות וואס עשו האט געמאכט. און דאס איז עפעס וואס מיר דארפן פארשטיין פאר זיך אליין. וואס איז דאס וואס האט געמאכט יעקב אנדערש?

און דער ענטפער איז, **וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים** - יעקב איז געווען א מענטש מיט שלימות וואס איז געזעסן אין די געצעלטן (תולדות כה:כז). אלזא, מיר האבן שוין געהערט די ווערטער פון חומש אזויפיל מאל, אז מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו דורכגליטשן איבער דעם ווי א מענטש וואס גליטשט זיך אריבער איבער א פארפרוירענער טייך; ער באמערקט נישט ווי טיף די וואסערן זענען.

אבער א מענטש וואס איז ערנסט מיט די תורה דארף אויפהערן זיך גליטשן און צוהערן צו וואס די ווערטער פונעם פסוק באדייטן: פארוואס איז יעקב געווען אן איש תם? פארוואס איז ער געווען א שלימות׳דיגער מענטש? **יֹשֵׁב אֹהָלִים** - ווייל ער איז געזעסן אין די געצעלטן פון זיין פאטער און מוטער.

און דאס זענען שוין איינמאל געווען געצעלטן! אפילו דורך זיצן אין רבקה׳ס געצעלט אן יצחק, קען מען שטייגן אן קיין גרעניץ. צו הערן רבקה׳ס חכמה, צו זען איר עבודת ה׳, איר ערליכקייט, איר איידלקייט. און יצחק אודאי! בלויז צו זען די צורה פון יצחק איין מאל קען אונז טוישן אויף אייביג. אבער צו פאקטיש אויפוואקסן אין זיין געצעלט?!

און זיי זענען געווען געטרייע עלטערן וואס האבן גע׳מוסר׳ט, געפירט און געגעבן הדרכה. און ווייל יעקב האט געוואלט האבן די פארדינסטן וואס ביידע עלטערן קענען געבן איז ער פארבליבן אין געצעלט וואו זיינע עלטערן האבן געקענט ארבעטן אויף אים; ער האט זיי צוגעהערט, און דאס איז ווי אזוי ער איז אויסגעוואקסן אן איש תם.

## א נויטווענדיגע לעזונג

לאזט מיר עפעס ערקלערן. ס׳איז געווען א צייט שפעטער אין די תקופה פון בית שני ווען עס זענען נישט געווען קיין שולעס פאר קינדער. נאר וואס האט פאסירט? אין די טעג פון שמעון בן שטח, האט א רפיון, א שוואכקייט, זיך אנגעהויבן אריינזעצן ווייל דאס אידישע פאלק איז אריבער א לאנגע און שווערע תקופה; פאר דרייסיג יאר האבן די חשמונאים זיך געשלאגן מיט די סירישע גריכן. און דאן האבן די צדוקים איבערגענומען דאס הויז פון חשמונאי און דערפאר איז דאס אידישע פאלק אצינד געווען דורכגעפוילט. די אלטע וועגן זענען צעבראכן געווארן און דעריבער האט מען געזען פאר וויכטיג צו מאכן תלמודי תורה. און אזוי האבן שמעון בן שטח אינאיינעם מיט א געוויסער כהן גדול געגרונדעט א נעץ פון תלמודי תורה פאר די יוגנט; א סיסטעם פון חדרים, פון לערנען מיט קינדער אין מוסדות.

אלזא, טראכט נישט אז עס איז אזא וואונדערבארע זאך. איינער האט אמאל געשריבן ווי פארגעשריטן דאס אידישע פאלק איז, אז אן אלגעמיינער חינוך סיסטעם להבדיל ביי די גוים איז נישט אויפגעשטעלט געווארן ביז די שפעטערדיגע טייל פון דעם לעצטן יאר-הונדערט; אפילו אין פראנקרייך, איז א חינוך סיסטעם פאר די יוגנט נאר אויפגעשטעלט געווארן אין די אכצן הונדערט אכציגער, נייציגער יארן (למספרם), ״אבער צווישן אידן,״ האט ער געשריבן, ״האבן מיר פארמאגט אן אלגעמיינער חינוך סיסטעם פון די צייטן פון שמעון בן שטח. ער האט געמאכט א תקנה אז מען מוז שיקן די קינדער צו די תלמודי תורה. אהא! איז דאס נישט א געוואלדיגע זאך? מיר שטייען צוויי טויזנט יאר פאראויס פון די פעלקער!״

האט אן אדם גדול רעאגירט אויף דעם, ער האט געזאגט, ״האלט זיך נישט גרויס דערמיט. ס׳איז אמת - מיר שטייען העכער ווי די פעלקער אין דעם הינזיכט, אבער ס׳איז נישט א זאך צו זיין אזוי פרייליך דערמיט ווייל דאס איז בלויז געווען צוליב דעם צוזאמברוך פון די היים, א צוזאמברוך פון די אידישע גאס, פארוואס מיר האבן געדארפט גרינדן מוסדות.״

## דאס לעבן מיט צוויי מדריכים

אריגינעל האבן מיר דאס נישט געדארפט האבן ווייל יעדע הויז איז געווען א ישיבה און א שולע. צי האט איר זיך אמאל געוואונדערט פארוואס מיידל שולעס זענען נאר געגרונדעט געווארן לעצטנס? פארוואס האט נישט הילל געמאכט א מיידל שולע? פארוואס האט נישט רבא געמאכט א מיידל שולע?

דער ענטפער איז, עס האט נישט אויסגעפעלט! עס איז נישט געווען וויכטיג ווייל אין יעדע אידישע הויז זענען די מיידלעך געלערנט געווארן אלעס וואס זיי האבן געדארפט וויסן. זיי זענען געלערנט געווארן מידות און דרך ארץ און אלע הלכות וואס פרויען דארפן וויסן.

און אודאי זענען די אינגלעך געלערנט געווארן. דער אריגינעלער סיסטעם איז געווען ושננתם לבניך. דער פאטער, ווען אימער ער האט צייט, ווען ער גייט צו די ארבעט נעמט ער מיט זיינע אינגלעך מיט אים און זיי רעדן אין די רייד פון דברי אלקים חיים א גאנצע צייט. אזוי אויך בשעת די ארבעט און אויפ'ן וועג צוריק פון די ארבעט און ווען זיי זענען געזעסן אין הויז. די תורה זאגט דאס קלאר.

דאס מיינט נישט נאר לערנען גמרא - דאס אויך - אבער ס'איז לערנען צו זיין א איד. מיר אנערקענען נישט ווי וויכטיג עס זענען די יארן וואס מיר געפינען זיך אין אונזערע עלטערן'ס היים! דאס זענען די מערסטע בייגעדיגע יארן אין אונזער לעבן און מיר האבן צוויי מדריכים וואס זענען גרייט אונז אויסצופארעמען. "טו דאס." "טו נישט דאס." "זיי נישט פויל." זיי זאגן אונז נאכאנאנד צו קאאפערירן, צו האלטן דאס מויל פארמאכט, צו אכטונג געבן אויף אונזער געזונט, צו גיין שלאפן צייטליך, צו מאכן די בעט. זיי געבן אונז הדרכה א גאנצע צייט!

## זיך אננעמען פאר די קינדער

אודאי, אין די יעצטיגע משוגע'נע צייטן וועט איר נישט הערן אזעלכע זאכן ווי "מאך דיין בעט". אבער אין די אלטע צייטן, דאגעגן, האט מען געדארפט מאכן די אייגענע בעט יעדן אינדערפרי. מ'האט געדארפט טון אסאך זאכן. מ'האט געדארפט שניידן האלץ און אויך אנצינדן דעם פייער אין אויוון.

די מאמע האט געזאגט און דער זון האט געפאלגט. אויב האט מען נישט געפאלגט, איז דער טאטע אנגעקומען און דאן האט ער געמוזט פאלגן. אפילו גוים, להבדיל, פלעגן ארויסנעמען די אינגלעך צום האלץ קאמער הינטער די הויז און זיי שלאגן אויב זיי האבן נישט געפאלגט. אין די גוטע אלטע צייטן האט א גוי זיך געלערנט זיך אויפצופירן גוט ווייל ער האט געהאט א היים.

היינט קען מען דאס נישט אלעמאל טון. ס'איז א שרעקליכע וועלט. אין שווייץ ארעסטירט מען איינעם וואס שלאגט זיין קינד. אויך אין אמעריקע. איך ווייס א פאל, א אינגל וואס איז געווען דרייצן יאר אלט און זיין טאטע האט אים געשלאגן. דער אינגל האט גערופן פאליציי. ער האט גערופן פאליציי אויף זיין טאטע! א פיינער, פרומער טאטע. ווען די פאליציי זענען געקומען, איז דער טאטע געווען אין באדע צימער. האט די מאמע געזאגט, "ס'איז גארנישט. ס'איז שוין פארטיג," און די פאליציי זענען אוועקגעגאנגען.

זיי וואלטן נישט געדארפט אוועקגיין! זיי וואלטן געדארפט ארייננגיין און שלאגן דעם אינגל! "צו וואס שטערסטו אונז?" א פאטש! "דיין טאטע האט א רעכט דיר צו שלאגן!" אבער ניין, זיי וואלטן דאס נישט געזאגט היינט. זיי מאכן א קאמיטע, א קינדער-באַ'עוולה'ן (טשיילד אביוז) קאמיטע, און פסיכאלאגן באזוכן אין די היים. משוגעים!

## די געזעצן אויפ'ן שטראז

אבער אין די אמאליגע צייטן האט יעדער איד פארשטאנען אז די וועלט איז דא פאר א צוועק און אז מיר מוזן זיך גרייטן צו רייזן אויפ'ן שטראז פון לעבן; מיר מוזן וויסן די געזעצן אויף דעם שטראז און דערפאר איז מען געווען ווילי'ג צו לערנען ווי אזוי צו לעבן. אפילו אויב אן אלטער איד האט דיר אפגעשטעלט אין גאס און געוויזן מיט'ן פינגער אויף דיר און געזאגט, "בויטשיק, טו דאס נישט!" וואלט מען זיך נישט געוואגט צו צוריקענטפערן. איך געדענק, איך בין געווען א קליין אינגל און מיר האבן זיך געשפילט אין גאס און אן אלטע פרוי איז פארבייגעגאנגען און אונז גע'מוסר'ט, "זייט נישט ווילד." און מיר האבן געקוקט אויף איר מיט דרך ארץ און געווארן שטילער. ווייל מיר האבן פארשטאנען אז די אידישע גאס, פונקט ווי די אידישע היים, איז א פלאץ פון טרעינירונג.

אלזא, אויב אין די אמאליגע צייטן, אין די טעג פון בית ראשון און אין די ערשטע תקופה פון בית שני, איז א קינד געלערנט געווארן אלעס אין זיין פאטער'ס הויז, דאן וויפיל מער איז עס אזוי געווען אין די טעג פון די אבות? זיי האבן זיכער אריינגעלייגט אלעס וואס זיי האבן געהאט אין זייערע קינדער ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי בויען די צוקומפט פון דאס פאלק אויף אייביג.

## באדייט פון תורה

און אזוי, האט יצחק אבינו א גאנצן טאג גערעדט אין זיין הויז פון דעם רצון פון באשעפער, פונקט ווי זיין פאטער האט אים אויסגעלערנט. און ער האט צוגעלייגט דערצו פירושים און ערקלערונגען.

מיר האבן נישט קיין השגה איבער וואס זיין היים איז געווען! ס'איז געווען אן ארט פון קדושה, א פלאץ פון ערליכקייט וואו א גאנצן טאג זענען זיי געזעסן און גע'חזר'ט די ענינים פון מידות טובות, פון אמונה אין באשעפער, פון פארשטיין אלע יסודות פון דעם דרך ווי אזוי דער באשעפער פירט זיין וועלט. יצחק און רבקה האבן אים אנגעלאדנט מיט אלע גוטע זאכן, און יעקב האט גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער האט אנגעפילט זיין קאפ מיט הדרכה א גאנצע צייט. דאס איז וואס דאסווארט 'תורה' באדייט. ס'איז לערנונגען, אנווייזונגען.

אלזא, איר דארפט וויסן אז אנווייזונגען מיינט נישט בלויז מיט ווערטער, לערנונגען איבער די וועלט. די וויכטיגסטע אנווייזונגען וואס מען קען באקומען איז באוואוסטזיניגקייט איבער זיך. אודאי, מיר האבן דאס נישט ליב צו הערן. ס'איז מער געשמאק צו לערנען איבער **דברים הפורחים באויר**, געדאנקען וואס זענען הויעך אין די הימלען. געוויסע מענטשן האבן ליב צו זאגן סתרי תורה, זאכן וואס זענען פארבארגן, זאכן וואס מיר פארשטייען נישט. ס'איז גארנישט שלעכט דערמיט, עס זענען אויך דא זייער אסאך פארבארגענע ענינים אין די תורה. אבער מער פון אלעס איז איינע פון די וויכטיגסטע פון אלע תורות, די וויכטיגסטע פארבארגעניש, איז צו לערנען איבער זיך אליין. און דאס איז וואס איז פארגעגאנגען אין די הויז פון יצחק און רבקה.

## זעלבסט-איבערזיכטש

זיי האבן געלערנט פאר יעקב זיך אליין צו באטראכטן, זיך אליין צו מוסר'ן. און ס'איז נישט געווען עפעס בעסער ווי דאס! איר ווייסט פארוואס? ווייל אנדערש קען מען טראכטן אז מ'איז גוט, אז מ'איז אפילו בשלימות. דער איינציגסטער וועג זיך צו ערוועקן פון דעם חלום איז דורך נאכאנאנד זיך איבערקוקן, "אפשר בין איך נישט געראכט."

און אזוי, ווען יעקב האט געזען אין זיך א שלעכטע מידה, האט ער זיך נישט באַרעכטיגט און געזאגט, "ניין, ס'איז א גוטע זאך, איך וועל זיך אנהאלטן דערין." ניין, ער האט נישט געקענט טון אזא זאך אין אזא היים. ער האט זיך נישט אליין גענארט. זיינע עלטערן האבן אים געלערנט ווי אזוי צו דערקענען די נישט גוטע זאכן אין זיך און ער האט זיך געלערנט צו זיין א **מפשפש במעשיו**, צו נאכפארשן זיינע טאטן. טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, יאר נאך יאר, האט ער זיך באטראכט און אזוי איז ער געווארן א תמים, ער איז געווארן א שלימות'דיגער מענטש.

## דער גאנג אין סלאבאדקע

ווען איך בין געווען אין סלאבאדקע - סלאבאדקע איז געווען גארנישט קעגן דאס הויז פון יצחק אבינו; מען קען אפילו נישט חלומ'ען עס זאל זיין ווי יענע היים - אבער אין סלאבאדקע זענען מיר געלערנט געווארן צו טראכטן אזוי. אונזערע רביים זכרונם לברכה האבן אסאך גערעדט אין די נושא און זיי זענען געווען מומחים אין אנאליזירן מענטשן. אויב איז מען געגאנגען צו זיי פריוואט און געבעטן הדרכה, אויב האט מען געזאגט, "רבי, זאגט מיר עפעס איבער מיר; ביטע מוסר'ט מיר," דאן האבן זיי צוליב געטון, זיי וואלטן עס געטון פאר דיר.

איך ווייס געוויסע וועלכע האבן דאס געטון. זיי האבן געבעטן. און אונזערע רביים האבן געוואוסט וואס זיי טוען; זיי האבן עס געטון איידל ווי א כירורג וואס דארף ארויסנעמען עפעס א פרעמדע געגנשטאנד פון דיר אדער מאכן אן אפעראציע אויף דיר. ער מאכט נישט סתם א שארפער שניט. ער טוט עס איידל. אונזערע רביים האבן איידל בודק געווען און זיי האבן געפונען וואס עס דארף אפגעטון ווערן און זיי האבן עס געזאגט. אבער בעיקר האבן זיי אונז געלערנט אז מיר דארפן זיך אליין בודק זיין.

סלאבאדקע איז געווען א גלענצנדע געלעגנהייט אבער אין די היים פון יצחק און רבקה איז עס געווען טויזנט מאל בעסער. און ווייל יעקב איז געווען יושב אהלים; ער איז געזעסן אין געצעלט, האט ער קונה געווען דעם ציל פון לעבן.

## עשו דער גאסן מענטש

אצינד, וואו איז עשו געווען ווען דאס אלעס איז פארגעגאנגען? **עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה**. ער איז ארויס צו די פעלדער. ער איז געווארן א גאסן מענטש און ער איז געווען אינדרויסן פון הויז ווי מער ער האט געקענט. ער האט זיך פארנומען מיט יעגעריי. אין יענע צייטן, איז עס געווען א יוגנטליכע פארברענגעריי, אבער דאס האט אים געהאלטן ווייט פון די אנווייזונגען פון זיינע עלטערן און ער איז אויפגעוואקסן א גענצליך אנדערער מענטש. איר ווייסט, די ביימער און גראז מוסר'ן קיינמאל נישט; זיי האבן אים קיינמאל נישט דערמאנט אריינצוטראכטן אביסל טיפער אין זיין וועג פון לעבן. און אזוי האט ער קיינמאל נישט געלערנט ווי אזוי צו ווערן אן איש תם - אודאי האט ער יא אין א געוויסן זין, אבער דאס איז געווען גארנישט קעגן יעקב.

און מאכט נישט קיין טעות איבער דעם. עשו האט געטראכט אז ער טוט די ריכטיגע זאך. "יעקב מאכט דעם טעות," האט ער געזאגט. צי האט עשו געטראכט, 'איך האב נישט ליב קיין מוסר'? 'איך האב נישט ליב צו ווערן פאראורטיילט דורך מיינע עלטערן און דערפאר האב איך ליב צו זיין אינדרויסן'? ניין, דאס איז אים קיינמאל נישט געקומען אויפ'ן געדאנק. און דערפאר איז דער גרעסטער טעות פון עשו געווען אז ער האט נישט אויסגענוצט דאס הויז פון זיינע עלטערן צו זיצן און לערנען פון זיי. דאס איז געווען זיין גרעסטער טעות פון אלעם ווייל ער האט פארפאסט צו לערנען איבער זיך אליין.

# חלק ג. מדארף קענען זיין כיטער

## א קוואל פון חכמה

אצינד, איינע פון די זאכן וואס עשו האט דערלייגט דורך זיין אויף די פעלדער איז געווען דער ספר משלי. איר ווייסט, משלי איז נישט ערצייגט געווארן בלויז דורך שלמה המלך. אויסער זיין אייגענע חכמה וואס ליגט דערין, האט ער אויך צוזאמגעזאמלט און פארשריבן חכמות וואס ער האט געלערנט פון די קדמונים; און אין דעם וועג איז משלי געווארן א קוואל פון די טיפסטע חכמה פאר אן ערפאלגרייכע לעבן.

איז עס נישט א שאנדע אז אזויפיל מענטשן מאכן זיך די צייט צו ליינען אלעס אנדערש - צייטונגען, מאגאזינען און אזויפיל אנדערע מיסטן; טייל מענטשן ליינען אויסגעטראכטע מעשיות, פאנטאזירטע פאשטעלונגען וואס די שרייבערס האבן פאבריצירט אין זייערע קעפ, אבער פאר משלי, דער קוואל פון חכמה, האבן זיי נישט קיין צייט.

צי קען עס זיין אז איר זאלט אפלעבן אייער גאנץ לעבן און נישט דורכלערנען משלי כאטש איין מאל? כאטש ליין עס אויף ענגליש. עס איז פיל מער ווי דאס, עס איז פיל טיפער ווי די ענגלישע ווערטער, אבער כאטש אזויפיל טוה. שלמה המלך האט נישט סתם פארברענגט זיין צייט; ער האט געוואוסט וואס ער רעדט.

## זיי נישט קיין נאר

און אזוי קענט איר זיין זיכער אז צווישן די פיל זאכן וואס זענען געלערנט געווארן אין די געצעלטן פון יצחק און רבקה איז געווען אלעס וואס געפינט זיך אין דעם ספר משלי. אלע השקפות וואס איר וועט דארט געפינען האט יעקב געלערנט. און דאס איז ווי אזוי ער איז געווארן אן איש תם.

אבער איך וועל אייך אצינד איבערראשן מיט עפעס, איבער וואס עס מיינט צו זיין אן איש תם. מיינט נישט אז אן ערליכער מענטשן איז א נאר. תם מיינט נישט צו זיין א נארישער מענטש, איינער וואס האט נישט קיין חכמה אדער כיטרישקייט. ניין, עס מיינט נישט דאס. א מענטש מוז זיין כיטרע כדי צו זיין א לייטישער מענטש.

דאס איז פארוואס אין אנהייב פון ספר משלי, ווען שלמה המלך זאגט אונז זיינע טעמים פאר'ן מאכן דעם ספר, שרייבט ער **לָתֵת לִפְתָאיִם עָרְמָה** - צו געבן פאר די נאראנים כיטרישקייט (א:ד). איר ווילט מצליח

זיין אויף די וועלט? די ערשטע זאך איז זיך צו לערנען צו זיין א טראכטער; נישט זיין אן איבערפלעכליכער נארישער מענטש.

## זיך פירן דיפלאמאטיש

מען דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן. צי זאלסטו שרייען אויף זיי און זיי זאגן וואס זיי דארפן טון? ניין. מען דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן כיטרע. נישט אלעמאל קענסטו זאגן וואס דו טראכסט און נישט אלעמאל מעג דיין פנים ארויסווייזן וואס דו פילסט. אמאל, כדי צו קענען דערגרייכן זאכן מוזסטו ניצן טריקס, פארשידענע דריידלעך, כדי קיינער זאל נישט חושד זיין צו וואס דו צילסט.

א מענטש וואס פארמאגט נישט קיין כיטרישקייט איז ווי א טראקטאר. ער גייט גלייך פאראויס און לויפט מיט קראפט איבער מענטשן. ניין, ניין. איר דארפט האנדלען אזוי ווי די סעקרעטערי אוו סטעיט האנדלט מיט מענטשן. דער סעקרעטערי אוו סטעיט טוט זיך נישט אן קיין גראבן הענטשיקעס און האלט נישט קיין נאגייקע. אויב יא וואלט ער נישט געווען די סעקרעטערי אוו סטעיט. ער האנדלט דיפלאמאטיש, מיט כיטרישקייט - אדער כאטש דארף ער אזוי טון.

## אויסנארן דעם פאפער

איר געדענקט ווען יעקב איז אנטלאפן פון לבן'ס הויז און לבן האט אים נאכגעיאגט און אים געוואלט הרג'נען. און דאן האט זיך דער באשעפער באוויזן צו לבן אין א חלום און אים געווארנט, "געב אכטונג! דו זאלסט נישט שעדיגן יעקב!" דעם קומענדיגן אינדערפרי ווען ער האט דערגרייכט יעקב האט ער מורא געהאט זיך אנצוהייבן מיט אים אבער ער איז דאך געווען חוצפה'דיג קעגן אים. וואס האט יעקב געטון? ער וואלט געקענט זאגן, "געב אכטונג! דער באשעפער האט דיר געהייסן אכטונג געבן." ער וואלט אים אויך געקענט שלאגן איבער'ן קאפ. יעקב איז געווען א שטארקער מענטש.

אבער ניין, ער האט דאס נישט געטון. אנשטאט, האט ער געמאכט א סעודה און זיי האבן געגעסן צוזאמען און זיי האבן זיך געקושט און זיי האבן זיך פריינטליך געזעגנט.

דאס איז געווען יעקב; דאס איז אפנארעריי. ער רעאגירט נישט אן מחשבה. ער טראכט עס אדורך; ער וועט נישט רעאגירן בלויז דורך זיינע אינסטינקטן. דאס איז חכמה. **אֲנִי חָכְמָה שָׁכַנְתִּי עָרְמָה** - איך קלוגשאפט וואוין אין כיטרישקייט (משלי ח:יב). אודאי, עס מוז אלעס זיין פאר דעם צוועק פון חכמה וחסד, פון טון דעם רצון ה', אבער ווען איר לערנט די פאסירונגען אין חומש זעט איר עס נאכאנאנד דורכאויס זיין לעבן; יעקב האט מצליח געווען מיט מענטשן ווייל ער האט נישט געטראכט אויבערפלעכליך - ער האט זיך געלערנט צו טראכטן אין א כיטרער וועג.

## זיך אליין איבערקלוגן

אצינד, כאטש וואס די חכמה פון לערנען ווי אזוי צו האנדלען מיט אנדערע מענטשן איז זייער וויכטיג, האט אבער די גרעסטע חכמה פון כיטרישקייט וואס יעקב האט געלערנט גארנישט געהאט צו טון מיט אנדערע מענטשן. דער וויכטיגסטער צוועק פון א כיטרער מח איז מיט'ן ציל פון האנדלען מיט זיך אליין; כדי דו זאלסט זיך אליין איבערקלוגן.

**לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם עָרוּם בְּיִרְאָה** - שטענדיג זאל א מענטש זיין כיטרע מיט יראת שמים (ברכות יז.), ווייל דו האנדלסט מיט א קעגנער וואס איז זייער כיטרע - דו האנדלסט מיט זיך אליין! און אויב דו טראכסט נישט מיט כיטרישקייט, דאן מיינסטו שטענדיג אז דו ביסט גערעכט.

דאס איז נאך א לערנונג פון משלי: **כָּל דֶּרֶךְ אִישׁ יָשָׁר בְּעֵינָיו** - יעדער מענטש'ס וועג איז גערעכט אין זיינע אייגענע אויגן (משלי כא:ב). ער זאגט דא א באהויפטונג איבער מיר און דיר, איבער די זאכן וואס מיר טוען יעדן טאג. יעדער מיינט אז זיי האבן גוטע מידות; דאס איז וואס שלמה המלך זאגט. אין דיין אייגענעם קאפ טראכסטו אלעמאל אז דו טוסט ריכטיג.

איך האב שוין אויסגעהערט אזויפיל פעלער פון שכנים וואס קריגן זיך, שוויגערס און שנורן, מענער מיט זייערע ווייבער קריגן זיך. און ס'איז מערקווירדיג אז יעדער איינער איז גערעכט. אלעמאל. און דער אמת איז, אז צומאל זענען זיי ביידע זייער אומגערעכט, שרעקליך אומגערעכט. טייל מענטשן זענען אזוי אומגערעכט אז זיי כאפן נישט ווי שלעכט זיי זענען. און עס איז באזירט אויף גארנישט, נאר עפעס א קליינע מידה, א נארישער כאראקטער, א שוואכקייט אין א כאראקטער שטריך, וואס פארפירט אים. נאר אז קיינעם פאלט אפילו נישט איין אז ער איז דער שולדיגער צד.

## די גרעסטע פראבלעמען

און דערפאר איז אזוי וויכטיג זיך צו אינטערזוכן און נישט טראכטן אז מ'איז אלעמאל גערעכט. אייגנטליך איז נישטא קיין ברירה, ווייל דער באשעפער טוט סיווי אינטערזוכן דיין מח, צי עס געפעלט דיר אדער נישט. דאס איז וואס שלמה המלך זאגט ביים סוף פון דעם פסוק: "יעדער דרך פון א מענטש איז גערעכט אין זיינע אויגן, **וְתֹכֵן לִבּוֹת ה'**, אבער דער באשעפער מעסט יעדן'ס הארץ (משלי שם.). און דערפאר, וואס וועט עס העלפן זיך אליין אפצונארן אויב דער באשעפער וועט מעסטן דיין הארץ? דער באשעפער מעסט די טיפענישן פון הארץ, וואס עס זענען דיינע אמת'ע כוונות, דיינע ווירקליכע געדאנקען, דיינע פאקטישע מאטיוואציעס.

און דאס איז די שווערסטע פון אלעם. זיך אליין צו קענען איז דער גרעסטער פון אלע פראבלעמען ווייל ווען עס קומט צו דעם, איז יעדער גענצליך בלינד. איך וועל דאס ערקלערן.

עס שטייט אין די תורה (דברים טז:יט): **כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים** - שוחד מאכט בלינד די אויגן פון קלוגע לייט. שוחד איז נישט נאר עפעס וואס פארדארבט א מענטש'ס מידות. ניין! עס טוט ערגערס. עס פארדארבט זיין מח.

## דעליקאטע באלאנס פונעם מח

אויב געבט איר פאר א ריכטער א טיקעט אויף א רייזע קיין ארץ ישראל - דאס אלעס; איר זאגט אים גארנישט - גלייך הייבט ער אן צו זען די ליכטיגע זייט פון דיר. ער זעט אז דו ביסט א גוטער מענטש. און יעצט וועלן זיינע אלע פסקים, אלע לעגאליטעטן, זיך אנהייבן איבערצוארבעטן אין זיין קאפ לויט א נייער גאנג און פלוצלינג, דאס וואס וואלטן געקענט זיין די פיצינקסטע שפאלטן אין א לעגאלער וואנט, ווערן נישט גרויסע לעכער - זיי ווערן ברייט אפענע טויערן!

דאס איז וואס שוחד טוט; עס טראסקעט אראפ די גאנצע גערעכטיגקייט וואגשאל פון באלאנס.

דאס קען מען נישט העלפן. דער מח פארמאגט א דעליקאטער באלאנס. איר ווייסט, עס זענען דא פארשידענע וואג מעסטערס וואס ווערן גענוצט פאר עקספערימענטן, לאבאראטאריע וואגשאלן וואס ווערן גענוצט צו אפוועגן די פיצינקסטע טיילן פון א מיליגראם. איין שפרענקל פון שטויב קען אומווארפן די וואגשאל פון איר ריכטיגער באלאנס. ס'איז אזוי דעליקאט אז מ'דארף עס האלטן אין א גלאזערנער קאסטן, ווייל אפילו די פיצינקסטע שפרענקל פון שטויב קען קומען און עס רואינירן. דערפאר ניצט מען עס פון הינטער גלאז.

אצינד, שטעלט זיך פאר אז איר נעמט א טאן פון וואג, א טאן פון בליי, און איר לייגט עס אויף איין זייט וואגשאל. וויפיל מעגליכקייטן איז דא אז פון יעצט און ווייטער וועט עס נאך קענען אפוועגן די אידעלע וואג? ס'איז געענדיגט! די גאנצע זאך פאלט צוזאם אויף איין זייט און עס איז מער נישטא קיין האפענונג צו קענען מאכן דערמיט א פונקטליכע מעסטונג.

אזוי איידל איז דער מח. דאס איז גארנישט קיין פארגלייך צום מח - דער מח אז נאך פיל מער דעליקאט ווי דאס - און איין ביסעלע שוחד מאכט דיר א געענדיגטער; דו וועסט מער נישט קענען וועגן מיט דיין מח.

## די טיפסטע טונקלקייט

אלזא, אויב דאס איז דער פאל, איז דא איין שוחד וואס מיר האבן אלע באקומען וואס נעמט אונז גענצליך ארויס פון דינסט און דאס איז זעלבסט-ליבע. דער גרעסטער שוחד אויף די וועלט איז ליבשאפט צו זיך אליין. יעדער איז איבערצייגט ביי זיך אז ער פירט זיך ריכטיג, ווייל וואספארא שוחד איז גרעסער ווי ליבשאפט צו זיך אליין? און יעדער איז אויסגעשטעלט צו אזא שוחד! איר דארפט אלעמאל זיין אויף דער וואך ווייל א גאנצן טאג באקומט איר דעם שוחד!

און דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד צו לערנען. אויב זענט איר געקומען צום שיעור היינט בלויז דאס צו הערן, איז עס וויכטיג. דו ביסט אלעמאל גערעכט! אפילו ווען דו האסט זיך איינגעבויגן און געזאגט ווידוי, און דו האסט זיך געקלאפט אין הארץ און פארלאזט טרערן, "חטאתי! איך בין נישט געווען גערעכט. פארוואס האב איך דאס געטון?", בשעת דו האסט דאס געזאגט האסטו געטראכט, 'זע וואס אן ערליכער מענטש איך בין.' בשעת איר האט געקלאפט מיט אייער האנט אין הארץ, האט איר געטראכט, 'וואספארא פיינער מענטש בין איך אז איך טו דאס, אז איך טו תשובה אזוי.' למעשה, האלט זיך נישט אפ פון דאס טון בלויז צוליב דעם. כאטש גייסטו דורך מעשים. אבער ס'איז נישט קיין שאלה אז אט די פינסטערניש פון זעלבסט שוחד איז די טיפסטע פינסטערניש פון אלעם.

## א תירץ נישט צו זיין ביים לערנען

און דאס, ווי אזוי איבערצוקומען אט די פינסטערניש, איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאכן וואס יעקב אבינו האט געלערנט אין דאס הויז פון יצחק און רבקה. וואס האט ער געלערנט? ער האט געלערנט דעם פאך פון זיין כיטרע מיט זיך אליין, נישט צו ווערן פארנארט דורך זעלבסט-ליבע. ער האט געלערנט זיך אליין צו איבערזיכטן, נישט אויבערפלעכליך נאר מיט כיטרישקייט. **לָתֵת לִפְתָאִים עָרְמָה**. וואס איז א פתי? א פתי איז א מתפתה ביצרו, איינער וואס ווערט איבערגערעדט דורך זיין יצר הרע; ער ווערט איבערגערעדט צו טראכטן אז ער איז גוט.

דו דארפסט זיך לערנען לחשוד את עצמו, זיך אליין צו חושד זיין. דו דארפסט טראכטן איבער זיך און נאכפארשטן דיינע מעשים. דו דארפסט אינטערזוכן דיינע געדאנקען און דיינע מאטיוואציעס. דו דארפסט זיך בודק זיין און דאס פאדערט חכמה. און דאס איז וואס יעקב האט געלערנט; דערפאר ווערט ער גערופן **אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים**.

אבער עשו האט דערלייגט. עשו איז נישט געווען אן איש תם. ער איז נישט געקומען צו קיין שלימות ווייל ער איז געווען א פלאכער מענטש. ער האט גארנישט געוואוסט, קיין חכמות. ער איז נאכגעלאפן א הערש אין פעלד; געשאסן א פייל, גע'הרג'ט דעם הערש. געשאסן נאך א פייל, געהרג'עט נאך א הערש. 'ס'איז זייער גוט. איך בין מקיים כיבוד אב. וואס קען זיין שלעכט?' דאס איז די גאנצע וואס ער האט געוואוסט. צי האט ער זיך אינטערזיכט אז אפשר פראבירט ער זיך ארויסצודרייען פון לערנען? אז עס איז נישט אינגאנצן כיבוד אב. אפשר איז עס בלויז א תירוץ צו קענען זיך דערווייטערן פון די וואכזאמע אויגן פון זיינע עלטערן. ער האט זיך נישט אינטערגעזיכט. די גאנצע סוגיא פון ווי אזוי צו ווערן אן איש תם האט ער נישט געקענט. ער איז געווען א גראדער מענטש און א גראדער מענטש איז גארנישט. א גראדער מענטש קען נישט זיין אן עובד ה' ווייל ער נארט זיך!

## דער נאר פאלט אריין אין גיהנום

ער איז דער גרעסטער רמאי. ווי דער מדרש זאגט אויף דעם נאמען עשו, אז עס קלינגט ווי **הוי שָׁוְא** - ווי פאלש איז ער! ער איז אזוי פאלש, נישט ווייל ער פארנארט מענטשן, ער פארנארט זיך אליין! דאס איז די גרעסטע פאלשקייט. עשו איז געווען א רמאי, נישט ווייל ער איז בכוונה געקומען צו פארנארן. ער האט געטראכט, 'איך וועל מחמיר זיין מיט מלח, פארוואס נישט?' איך וועל פרעגן מיין פאטער, "איך מעשרין את המלח?" ער איז נישט סתם געווען א שווינדלער וואס פראבירט צו פארנארן זיין פאטער. ניין, ער האט זיך אליין פארנארט!

אבער דער באשעפער האט געזאגט, "דו ווילסט א חומרה אין מלח?! זייער גוט! אבער וואס איז מיט די חומרה אין מידות טובות? וואס איז מיט די חומרה אין אנערקענען דיינע מאטיוואציעס? דאס איז די שווערסטע זאך און דאס איז אויף וואס איך ווארט."

## דער שרעק פון זיך פארנארן

און דאס איז וואס עס מיינט אז ווען עשו איז אריין אין זיין פאטער'ס געצעלט צו נעמען די ברכות וואס ער האט געטראכט אז עס קומט זיך אים, האט יצחק געזען די עפענונג פון גיהנום דארט אין געצעלט. יצחק האט זיך געזען שטיין ביים אפגרונט פון גיהנום אבער ער האט געזען אז עשו פאלט שוין אריין! און דערפאר איז יצחק אזוי שטארק דערציטערט געווארן; נישט נאר וואס ער האט איינגעזען דעם טעות וואס ער האט שיעור געמאכט, נאר נאך וויכטיגער, ער האט אצינד געזען אז דער טעות איז פאראורזאכט געווארן דורך די זעלבסט-

נארעריי פון זיין זון. ער האט יעצט געזען אז דאס נישט קענען זיך אליין איז די עפענונג צום גיהנום. עשו האט געברענגט א חורבן אויף זיך ווייל ער האט זיך נישט געוואלט נאכפארשן, און צוליב דעם האט ער שיעור חרוב געמאכט דאס גאנצע אידישע פאלק אויף אייביג.

**שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

## וואס מיינט צו פארשאפן נחת פאר'ן באשעפער?

## תשובה:

איך דארפט פארשטיין אז דער באשעפער איז אזויפיל העכער פון אונז אז ער קען אינגאנצן נישט אפעקטירט ווערן דורך אונזערע מעשים. אונזערע מעשים האבן אינגאנצן נישט קיין השפעה אויף אים! אבער דאך דארפן מיר זיך פירן לויט זיינע אנווייזונגען אין די תורה. און די תורה זאגט אונז אז דער באשעפער האט נחת פון אונזערע מעשים. "ישמח ה' במעשיו." און דערפאר, דארפן מיר זיך פירן אין דעם וועג. ס'איז זייער וויכטיג זיך צו פירן מיט דעם אין געדאנק. איז ווען איר טוט עפעס, זאלט איר זאגן, "איך טו דאס צו מאכן א נחת רוח פאר מיין בורא."

דאס איז זייער א וויכטיגע אויפגאבע אין אונזער לעבן. און דערפאר, סיי ווען איר טוט עפעס, אויב איר קענט, זאלט איר זאגן, "איך טו דאס צו מאכן דעם באשעפער פרייליך." און פארלאזט זיך נישט בלויז דאס צו טראכטן ווייל דאן וועט עס נישט פאסירן. זאגט עס מיט אייער מויל, "איך טו דאס צו מאכן דעם באשעפער פרייליך." און דער באשעפער איז פרייליך! "ישמח ה' במעשיו." דער באשעפער איז פרייליך מיט אונז ווען מיר טוען זיין רצון.

אצינד, דער רמב"ם פרעגט, "וואס איז כבוד ה'?" און ער ענטפערט אז טראכטן פון באשעפער — דאס איז כבוד ה'. ווי מער איר טראכט פון באשעפער, אלס מער זענט איר מכבד דעם באשעפער. א מענטש דארף זיך איינגעוואוינען צו טראכטן פון באשעפער א גאנצע צייט. און ווען איר טראכט פון באשעפער און געבט אים כבוד, "יהי כבוד ה' לעולם," דאן איז "ישמח ה' במעשיו."

און דאס איז ווי אזוי מיר דארפן לעבן. מיר דארפן לעבן מיט די לערנונגען פון די תורה. נישט מיט די לערנונגען פון די פילאזאפן. כאטש וואס מיט פילאזאפיע וואלטן מיר געזאגט אז דער באשעפער איז צו הויך אז ער זאל בארירט ווערן דורך אונזערע מעשים, דארפן מיר שטענדיג לעבן לויט די רייד פון די תורה, און מיר דארפן שפירן א הרגשה, א פאקטישע געפיל, אז דער באשעפער פריידט זיך ווען ער זעט אז זיינע קינדער טוען די זאכן וואס זיי דארפן טון.


בס"ד

## לכבוד די חשובע תורת אביגדור ליינער!

ברוך השם אז מיר האבן געהאט די זכיה אין די פארגאנגענע יארן אייך מהנה צו זיין **וועכענטליך** מיט די הערליכע גליון, וואס ווערט צוזאמען געשטעלט פון די שיעורים פון **הגאון הצדיק ר' אביגדור מיללער זכרונו לברכה**, און איז געשריבן מיט א קלארקייט און געשמאק, איבערצוגעבן **די ריינע תורה השקפה** פאר טויזנטער אידן ארום די וועלט.

שווערע כוחות גייען אריין יעדע וואך, נישט שפארנדיג **קיין צייט און קיין געלט** אז עס זאל ארויסקומען א דבר השלם; **געשמאק צו ליינען פיל מיט תוכן**, אלעס פאר איין ציל, **נעגטער צו ברענגען אידישע קינדער לאביהם שבשמים**, כן יעזור השם הלאה.

ביי די געלעגנהייט ווילן מיר אייך מיטטיילן די גאר **פרייליכע נייעס**, אז מיר גרייטן זיך בעזרת השם און די נאנטע צוקונפט צו גיין צום דרוק מיט די לאנג ערווארטעטע נייע **ספר תורת אביגדור על פרשת השבוע – באידיש**, גאר רייך איבער געארבעט וואס וועט בעז"ה ערשיינען אין **צוויי בכבוד'יגע בענדער**.

מיר געבן אייך דא די **געלעגענהייט** אפצוקויפן די זכות פון א פרשה, לזכות אדער לע"נ אייער באליבטע, וואס וועט פארשריבן ווערן אויף אייער נאמען אין די ספר לזכרון עולם. **קויפט יעצט די זכות פאר בלויז $500 א פרשה.** מיט'ן נעמען א פרשה, נעמט איר אויך די זכות פון טויזענטער אידן וואס וואקסען אין עבודת השי"ת צוליב אייער נדבה.

**די צוקונפט פון תורת אביגדור ווענדט זיך אין אייער הילף.**

מנדב צו זיין א פרשה קענט איר שיקן א אימעיל\אדער א טעקסט מעסעדזש צו *yiddish@torasavigdor.org* אדער רופן **845-422-7601**. אויב קיין ענטפער ביטע לאזט א מעסעדזש.

**בברכה, מערכת תורת אביגדור**

נ.ב. פאר בלויז $500 איז דער זכות גדולה מאד אייערס אויף אייביג, **פארבינדט אייך שוין!**






# די טעלער עסן אין פעטער-פאַוולאָסק תפיסה

**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

יצחק האט זיך געבעטן ביי עשו, **עשה לי מטעמים כאשר אהבתי**, זאלסט מיך מאכן גוטע שפייז, ברענג מיך גוטע עסן וואס איך האב ליב, **בעבור תברכך נפשי** אז מיין זעל זאל דיך קענען בענטשן.

**ווי עס איז באקאנט פאר יעדער, האט דער הייליגער בעל התניא זי"ע אסאך געליטן** פון די מתנגדים, און פון די משכילים די רשעים, דער הייליגער בעל התניא איז במשך זיינע יארן צוויי מאל געזיצן אין תפיסה. **יעצט ווען מען דערציילן בעיקר וועגן די ערשטע געשכיטע**, וועגן די צווייטע ארעסט וואס איז געווען נאכדעם וועלן מיר אי"ה דערציילן אין די פרשה "ויהי יוסף בבית הסוהר" פרשת וישב.

**עס איז געווען אין יאר תקל"ז**, וואס אין יענע יאר האט דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע מיט א גאנצע שיירא א גרויסע גרויסע חבורה מיט יראים ושלמים, צדיקים וקדושים, געמאכט אן עליה קיין ארץ ישראל, דער הייליגער בעל התניא איז אויך געווען פון די שיירא, אבער אינמיטן וועג דורכפארנדיג די שטאט מאָהליוו וואו די חסידים האבן זיך געזעגנט פון זייערע רבי'ס, **דארטן האבן זיך די חסידים שטארק געבעטן ביי דער הייליגער בעל התניא אז ער זאל איבערבלייבן דא אין רוסלאנד.** דער הייליגער בעל התניא האט זיי נאכגעגעבן און ער איז טאקע דארטן געבליבן אין ווייס-רוסלאנד און אין ליטא, און האט דעמאלטס אויפגעשטעלט א קופה א צדקה קאסע וואס רופט זיך **"קופת מעות ארץ ישראל"**, וואס מען פלעגט כסדר שיקן געלט פאר די ארץ ישראל'דיגע אידן, ארויסצוהעלפן די אידן אין ארץ ישראל פון זייער ארימקייט און זייער דחקות.

**אזוי ווי די מתנגדים און א גרויס חלק פון די משכילים האבן גע'רודפ'ט די חסידים אין ליטא, איז א איד מיט'ן נאמען הערש אביגדור פון פינסק געגאנגען פאר'מסר'ן פאר די רוסישע רעגירונג אז דער הייליגער בעל התניא שיקט געלט קיין ארץ ישראל כדי צוצוהעלפן פאר די טערקן**, וואס זיי האבן דעמאלטס געוועלטיגט אויף ארץ ישראל, די טערקן האבן דעמאלטס געהאט א מלחמה מיט רוסלאנד, און אז דער הייליגער בעל התניא העלפט ארויס די טערקן זיצנדיג דא אין רוסלאנד, ארבעט ער פאר'ן שונא.


די אלטע שטעטל מאָהליב אין רוסלאנד

(מען דערציילט אז יארן שפעטער איז דער אביגדור לא עלינו פאר'שיכור'ט געווארן און ער האט ליב געהאט צו טרינקען, און ער האט זיך ממש געוואלגערט אין די מיסט און געטרינקען און געזויפט טאג און נאכט, און ער פלעגט יארן שפעטער זיך דרייען צווישן די חסידים, איז ווען עס פלעגט זיין די

התוועדות פון י"ט כסלו פלעגט ער אויך אריינקומען בעטן משקה, און ער פלעגט שרייען **"מען דארף מיך געבן אויך משקה, ענק חסידים האבן נאר זוכה געווען צו דעם טאג דורך מיר"**, אזוי דערציילט מען נאך.)

האבן זיי דעמאלטס גענומען דער הייליגער בעל התניא פאר חקירות, אויספארשונגען, זיי זענען געקומען ערב ראש השנה, כ"ט אלול תקנ"ח האבן זיי אים נאר גענומען פאר אויספארשונגען.

אינמיטן דער הייליגער יום טוב סוכות אין יאר תקנ"ט, האבן זיי באפאלן דעם רבי'נס שטוב, אבער דער רבי האט זיך געהאט אויסבאהאלטן, **זענען זיי געקומען אין אסרו חג כ"ד תשרי און דעמאלטס האבן זיי גענומען דער רבי און קיינער האט נישט געוואוסט אין וועלכע תפיסה ער געפינט זיך, אין וועלכע פעסטונג.**

אזוי ווי דער הייליגער בעל התניא איז געווארן איינגעשפארט און מען האט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, האט מען אריבערגעשיקט **ר' יעקב סמאלינער זי"ע צום הייליגן בארדיטשובער זי"ע אז ער זאל מתפלל זיין.** ר' יעקב איז אויפן וועג קיין בארדיטשוב און ער כאפט זיך אז ער האט אינגאנצן פארגעסן די נאמען פון די מאמע פון דער הייליגער בעל התניא. ער קומט אן צום הייליגן בארדיטשובער, און דער הייליגער בארדיטשובער האט געהערט די שלעכטע בשורה אז דער בעל התניא איז אין תפיסה, און דער הייליגער בארדיטשובער האט געפרעגט די נאמען מיט די מאמע'ס נאמען, און ר' יעקב האט געזאגט אז ער געדענקט נישט די נאמען פון די מאמע, ער ווייסט נישט די נאמען פון די מאמע.



די וועלט מאפע ווי פעטערסבורג געפונט זיך


די טערקן האבן דעמאלסט געהאט א מלחמה מיט רוסלאנד


די איבער 320 יעריגע (תפיסה) פּעטערפּאַוולאָסק פעסטונג אין פעטערסבורג-רוסלאנד

רופט זיך אן דער הייליגער בארדיטשובער, וואס איז שוין, רוסישער חסיד, עס איז גוט אויכעט אפילו מען ווייסט נישט די נאמען פון די מאמע, מען קען אזוי אויך מתפלל זיין, און דער הייליגער בארדיטשובער האט גלייך געעפנט א חומש וואס איז געליגן פארענט פון אים, און עס האט זיך גלייך אויפגעמישט צו פרשת וישב ווי עס שטייט דארטן **וירא יעקב כי יש "שבר במצרים", רופט זיך אן דער הייליגער בארדיטשובער אז "שבר" איז ר"ת ש'ניאור ב'ן ר'בקה, במצרים, אז ער איז איינגעשפארט.**

ר' יעקב האט געהאט די קוראַזש צו געבן א פרעג דעם הייליגן בארדיטשובער, אפשר קען עס מיינען שניאור בן "רחל", פארוואס זאל עס דווקא מיינען "רבקה"?

רופט זיך אן דער הייליגער בארדיטשובער מיט זיין רוח הקודש, אז אין די צוויי אותיות ר' ב' ליגט שוין אויך בעצם די נאמען רבקה, ממילא איז מער משמע אז עס איז רבקה.

**דער הייליגער געטליכער צדיק דער הייליגער בעל התניא איז געזיצן אין פעטערבורג אין די פעסטונג מיט'ן נאמען פּעטערפּאַוולאָסק,** אזוי האט געהייסן די פעסטונג, עס שטייט נאך היינט, זיי האבן דארט היינט-צוטאגס א סטאטוע פונעם הייליגן בעל התניא, אפילו די צימער וואו ער איז געזעצן ווייסן זיי נאך היינט, און האלטן עס ליידיג.

דער הייליגער געטליכער צדיק דער הייליגער בעל התניא וואס אונז האבן נישט קיין השגה אין זיין גרויסקייט אין תורה, ער האט אוועקגעשטעלט הלכות, חסידות, פון די גרעסטע אין די וועלט,

וואס מען לעבט נאך היינט פון זיין תורה, **דער הייליגער צדיק איז געזיצן אין תפיסה, אבער האט אויף קיין שום זאך אין די וועלט נישט געוואלט נאכגעבן פון זיינע הייליגע תורה און מצוות און מקיים זיין יעדע מצוה מיט יעדע קוצו של יוד פונקט ווי ער וואלט יעצט געווען אינדערהיים,** און אז די עסן איז נישט געווען כשר אין תפיסה האט ער גארנישט געגעסן.

עס איז דורכגעגאנגען טעג און וואכן וואס דער הייליגער בעל התניא האט גארנישט געגעסן, ער איז געווארן שוואכער און שוואכער, אויסגעגאנגען ווי א לעכט, דאס ביסל וואסער וואס ער האט שוין יא נאס געמאכט זיין ליפן, האט ער נישט באקומען מער וואסער ווייל ער האט נישט קיין עסן, קיין שום זאך האט מען אים נישט געוואלט געבן אנדערש ווי מען געבט פאר אנדערע מענטשן, **די שומרים אין תפיסה האבן געהאלטן אז דער רבי עסט נישט ווייל ער וויל טאקע שטארבן, ממילא האבן זיי אים פרובירט צו צוואונגען מיט געוואלד,** אבער זיין מויל איז געבליבן פארמאכט און מען האט אויף קיין שום וועג אין די וועלט עס נישט געקענט עפענען און אריינשטופן דאס עסן אין זיין מויל.

די מענטשן אין תפיסה, די שומרים דארטן און אלע אנדערע מענטשן וואס זיצן אין תפיסה האבן געזעהן אז ער איז אין א גרויסע צרה, זיי האבן אלע געהאלטן דעם צדיק פאר א געטליכער מענטש, פאר א מלאך **און זיי האבן מורא געהאט פשוט ער גייט שטארבן,** און זיי האבן פשוט רחמנות געהאט, זיי האבן געזוכט א וועג וויאזוי צו מאכן דער הייליגער בעל התניא זאל






**די תפיסה צע"ל (צימער) אין פּעטערפּאַוולאָסק ווי דער בעל התניא איז געזעצן**



**די שר פון די תפיסה איז דורכגעגאנגען די קארידורן צווישן די צעל'ס**

עסן, אבער קיין וועג איז נישט דא.

יעדעס מאל וואס זיי האבן אויסגעפארשט דעם רבי'ן האב זיי אים אריבערגעבערענג מיט א שיפל דעם טייכל ניבע, צו זייערע אויספארשונג ביוראס (אפיסעס).

**דער הויפט שר פון די תפיסה דארטן אין פעטערבורג איז איינמאל דורכגעגאנגען די קארידארן צווישן די אלע צעלן** דארטן וואו די איינגעשפארטע זיצן, האבן אלע מענטשן דארטן געשריגן אז דער ראבינער האט שוין נישט געגעסן וואכן, ער האלט ממש ביים שטארבן און מען קען אים נישט מאכן עסן, מען האט שוין פרובירט אלע וועגן, אבער ער לאזט זיך נישט. דער שר איז דאך געווען א קלוגער מענטש, האט ער זיך אנגערופן, **אזוי ווי דער איז א גרויסער צדיק א גרויסער בעל מוח, אים קען מען נישט מאכן עסן מיט קיין כוח, נאר מיט מוח,** מען דארף זעהן צו רעדן מיט אים, איך וועל מיך שוין דורכקומען.

דער שר קומט אריין אין דער צעל וואו דער הייליגער בעל התניא זיצט, ער זאגט אים קום ארויס מיט מיך, לאמיר כאפן א שמועס לאמיר זעהן וואס איז דיין פראבלעם פארוואס דו ווילסט נישט עסן, און דער שר זאגט אים, איין זאך פארשטיי איך נישט, **אז דו הונגערסט וועסטו דאך זיכער שטארבן,** דו זיצט דאך אין תפיסה דא ווילאנג מען גייט מאכן דיין משפט, עס מוז דאך נישט זיין אז דיין משפט וועט זיין טויט שטראף, און טאמער דו וועסט ארויסקומען ריין ביים משפט ביי די געריכט, וועסטו דאך יא האבן א לעבן, און יעצט אז דו עסט נישט וועסטו זיכער שטארבן, ענקערע חכמים, זאגט ער, (דער שר האט דאך געקענט אביסל וואס שטייט אין די תורה), **ענקערע חכמים זאגן דאך אז א מענטש וואס הרג'עט זיך אליינס האט**

**נישט קיין חלק אין עולם הבא, ווי מעגסטו טון אזא זאך?** דו ביזט דאך פון די גרויסע רבנים פון די גרויסע חכמים פון די אידן, דו ווייסט דאך יא, איז ווי טוסטו אזא זאך?

ענטפערט אים דער הייליגער רבי זייער פשוט, איך וויל נישט עסן קיין טריפות, כשר'ס איז זיכער נישט דא דא, **ממילא וויבאלד איך וויל נישט עסן קיין טריפות גייט מיך נישט אן אפילו אויב איך שטארב און איך באקום נישט עולם הבא,** אזוי האט דער הייליגער בעל התניא געזאגט, איך עס נישט קיין טריפות.

דער שר געבט אים א פרעג, נו וואס וועט זיין אויב איך ברענג דיך יא כשר'ס צו עסן, וועסטו מיך גלייבן אז עס איז כשר?

ענטפערט אים דער הייליגער רבי אזוי, איך וועל דיך זאגן דעם אמת, יעצט נאך אפאר וואכן וואס איך האב ממש נישט געגעסן, בין איך אפגעשוואכט ווי א פליג, און דאס עסן וואס איך וועל יעצט עסן וועט מיך הרג'ענען און עס איז א גרויסע סכנה, **די איינציגסטע זאך וואס קען מיך ראטעווען האט דער הייליגער בעל התניא געזאגט, איז א רעטעך איינגעמאכטס וואס מאכט פון ביטער צו זיס**, דאס דארף איך יעצט און דאס וועל איך קענען עסן. די אידן ווייסן שוין וויאזוי מען מאכט עס און איך דארף עס דווקא פון א איד.

פרעגט אים דער שר, נו פיין, יעצט אז איך ברענג דיך עס, וועסטו מיך גלייבן אז איך האב דיך עס געברענגט פון א איד?

זאגט דער הייליגער בעל התניא, יא אוודאי גלייב איך דיך, אבער מיט א תנאי, אז פון ווען דו נעמסט עס איבער פונעם איד, ווערט עס נישט צוגערירט פון קיינעמס האנט, אפילו נישט פון דיין האנט, **וויאזוי דער איד מאכט עס און לייגט עס אין טעלער, אזוי באקום איך עס,** און נאר אזוי קען איך דיך געטרויען און איך וועל עס קענען עסן.

דער בעל התניא האט דאך געוואלט אויף א קלוגע וועג מודיע זיין אז מען זאל וויסן וואו ער איז, ווייל קיינער האט דאך נישט געוואוסט אז דער הייליגער בעל התניא איז דארטן אין תפיסה.

איז אין דער שטאט פעטערבורג האט זיך דעמאלטס געפונען א גרויסער גביר ער האט געהייסן ר' מרדכי לופלער, גראדע איז ער געווען פון די חסידים פונעם בעל התניא, **ר' מרדכי לופלער איז דעמאלטס געווען אין פעטערבורג צוליב זיינע געשעפטן, וויבאלד ער איז געווען זייער חשוב ביי די רעגירונג האט דער שר דווקא אים איבערגעגעבן די שליחות צו מאכן די רעטעך איינגעמאכטס,** כשר'ע אז עס זאל זיין פאר א איד וואס זיצט אין תפיסה.

ר' מרדכי האט זיך פארטראכט, ר' מרדכי קלערט אריין, ווער קען זיין דא א איד וואס איז ארעסטירט וואס פארלאנגט דווקא כשר'ס צו עסן, ער טראכט צו זיך און עס איז אים פלוצלינג ארויפגעקומען אין געדאנק, אפשר איז דאס טאקע דער הייליגער רבי דער בעל התניא **וואס קיינער האט טאקע נישט געוואוסט וואו ער געפונט זיך אין וועלכע תפיסה ער איז,** פון ווען ער איז גענומען געווארן אויף חקירות אויף אויספארשונגען האט מען נישט געוואוסט נאכדעם וואו אהין ער איז געשיקט געווארן אין וועלכע תפיסה.

ר' מרדכי לופלער האט זיך נישט געזוימט, ער האט געזאגט פאר'ן שר, אז אין צוויי שעה ארום וועט ער האבן גרייט די טעלער מיט די רעטעך איינגעמאכטס. ר' מרדכי



אידן אין אן איר אלטן שוהל אין פעטערסבורג



די פּעֶטעֶרפּאַוולאָסק פעסטונג - די קליינע פענסטערס פון אויבן

איז גלייך אהיימגעלאפן, און געשטעלט אויפקאכן און געמאכט די רעטעך איינגעמאכטס, און אונטער די רעטעך האט ער אפגעשריבן א קליין צעטעלע ער שרייבט אזוי, **"איך וויל זייער וויסן ווער עס עסט דאס רעטעך איינגעמאכטס און אין וועלכע ארט געפונט איר זיך"**, און דערנאך זיין אונטערשריפט, **"מרדכי לופלער"**. ער קנייטשט אים איין און ער לייגט אים אונטער די עסן.



זיי האבן דעם בעל התניא אריבערגעברענגט מיט א שיפל דעם טייכל ניבע

טאקע צום צווי שעה נאכדעם איז שוין געווען גרייט די טעלער מיט די רעטעך איינגעמאכטס, ר' מרדכי האט עס גלייך איבערגעגעבן פאר דער שר פון די תפיסה, דער שר האט טאקע געהאלטן ווארט, ער נעמט עס איבער און ער האט עס נישט צוגערירט, אזוי איז ער צוריקגעקומען אין תפיסה צום הייליגן בעל התניא וואס האט שוין געווארט ווען ער וועט דאס שוין ברענגען.

אזוי ווי ער ברענגט אים אריין די טעלער, האט אים דער בעל התניא זייער באדאנקט, און ער האט אים געזאגט, יא, איך זעה איך קען דיך געטרויען, און דער שר איז זיך אוועקגעגאנגען. דער בעל התניא האט געמאכט א ברכה און ער זעצט זיך עסן די מטעמים דאס וואס מאכט פון ביטער צו זיס, **ווען ער האט באמערקט אז עס ליגט דארט פון אונטן א צעטל**, ער נעמט די צעטעלע ער מאכט עס אויף, ער ליינט עס איבער האט ער געזעהן אז טאקע מיין מרדכי מיין חסיד ער האט מיך עס געמאכט. ווי דאנקבאר בין איך פאר'ן אויבערשטן, און דער רבי האט אפגעשריבן אן אנדערע צעטל און געשריבן זיין נאמען **"שניאור זלמן"**, און אין וועלכע תפיסה טאקע ער געפונט זיך **"אין פּעֶטעֶרפּאַוולאָסק"**. נאך האט דער רבי צוגעשריבן, "מען זאל זעהן שוין צו שיקן א מענטש קיין ווילנא צו שתדל'ען אז מען זאל מיך באפרייען".

ער קנייטשט אים איין, און ער לייגט אים אונטער די איבערגעבליבענע ביסל שיריים וואס איז געבליבן פון די רעטעך איינגעמאכטס.

דער רבי האט צוגערופן דעם שר, און זיך געבעטן ביי אים, איך האב איבערגעלאזט אביסל ווייל איך וואלט זייער שטארק געוואלט האבן נאך אביסל פון דעם, און איך האב דווקא איבערגעלאזט ווייל אונזערע חכמים זאגן דאך אז עס איז גוט אז מען לאזט איבער אביסל אז די ברכה זאל חל זיין, **ממילא האב איך איבערגעלאזט אביסל און איך וואלט זייער שטארק געוואלט בעטן אויב דו קענסט מיך ברענגען נאך אביסל** ווייל עס האט מיך ממש דערקוויקט דאס הארץ.

דער שר האט אים צוגעזאגט אז ער גייט אים ברענגען און עס נישט צורירן. דער רבי האט איבערגעגעבן די טעלער פאר'ן שר, דער שר האט געהאלטן ווארט און נישט צוגעריירט, און נאכאמאל אריבערגעגאנגען צו דעם ר' מרדכי לופלער. ר' מרדכי לופלער זעהט ווידעראמאל דעם שר, האט ער זיך שוין זייער געפריידט ער זעהט אים צוריקברענגען די טעלער, און דער שר זאגט אים, דער איד האט געבעטן אז ער וויל האבן נאך אביסל ווייל עס איז זייער גוט געווען.

אזוי? **אוודאי איך וועל אים מאכן א פולע טעלער פון די רעטעך איינגעמאכטס**, עס וועט זיין גרייט נאך א צווי שעה האפענטליך.

ר' מרדכי גייט אריין אין קאך, און ער זעהט אז עס איז טאקע געבליבן אביסל אין טעלער, האט ער פארשטאנען אז דער איד האט דא עפעס צוריקגעשיקט, און אזוי ווי ער ווישט אויס די טעלער טרעפט ער טאקע די צעטעלע, **ער מאכט עס אויף און ער קען נישט גלייבן וואס ער ליינט, טאקע, דאס איז דער רבי**, "ר' שניאור זלמן" דער הייליגער רבי, ער איז דא אין די פעסטונג אין די תפיסה אין פּעֶטעֶרפּאַוולאָסק, און ער האט געזעהן אז דער רבי האט טאקע געשריבן אז מען זאל שוין זעהן צו שיקן איינעם קיין ווילנא



די פּעֶטעֶרפּאַוולאָסק פעסטונג

שתדל'ען אים צו באפרייען.

אבער קודם דארף איך מאכן גרייט די רעטעך איינגעמאכטס, און אזוי האט ער טאקע גרייט געמאכט נאכאמאל, און אונטערגעלייגט א צעטעלע אפגעשריבן אז מען גייט שוין היינט זעהן ארויסצושיקן א מענטש און אז אלע אידן זענען מתפלל פאר'ן רבי'ן, **לאמיר האפן אז בקרוב וועט מען קענען מאכן די ברכה ברוך מתיר אסורים.**

דער רבי האט דאס געגעסן און ער האט זיך זייער דערקוויקט, און מיט די בשורה טובה אז מען טוט שוין פאר זיין באפרייאונג.

ר' מרדכי האט גלייך אריבערגעשיקט איינעם קיין ווילנא, זיי האבן זיך פארלאזט אז דער רבי האט געזאגט אז מען זאל שיקן איינעם, כאטשיג זיי האבן נישט געוואוסט וואס זיי האבן צו טון, האבן זיי אבער גלייך ארויסגעשיקט א איד קיין ווילנא, **וואס דאס האט טאקע צוגעברענגט שפעטער די באפרייאונג פון דער הייליגער בעל התניא אין די באקאנטע טאג י"ט כסלו, אין יאר תקנ"ט,** אינעם יארצייט פון זיין רבי דער הייליגער מעזריטשער מגיד דער רבי ר' בער, וואס דעמאלטס איז ענדגילטיג דער הייליגער בעל התניא באפרייט געווארן.

איז טאקע מיט די השתדלות פון די חשוב'ע עסקנים און די גרויסע חסידים האט זיך געענדיגט די דריי און פופציג טאג וואס דער רבי איז געווען איינגעשפארט אין די גרויסע גורל'דיגע טאג י"ט כסלו, וואס דער הייליגער בעל התניא האט געזאגט אז דאס איז טאקע די טאג פון די יארצייט פון זיין גרויסער רבי דער הייליגער רבי ר' בער.

אזוי ווי דער הייליגער בעל התניא איז טאקע באפרייט געווארן אין די טאג **י"ט כסלו, איז אין די טאג דער הייליגער בעל שם הקדוש און דער הייליגער מעזריטשער מגיד זענען צו אים** **אנטפלעקט געווארן** און זיי האבן אים געזאגט וואס איז טאקע פשט פארוואס ער איז געווארן איינגעשפארט איז ווייל ער האט איבערגעגעבן די סודות התורה, סודות וואס האט געדארפט בלייבן פארמאכט, ווייל די כבוד פון דעם אויבערשטער דארף זיין בהצנע לכת, און אז ער האט דאס מגלה געווען איז פארדעם געווען די שטראף אז ער זאל ווערן איינגעשפארט. האט דער הייליגער בעל התניא זיי געפרעגט, נו אויב אזוי זאל איך טאקע אויפהערן מיט די תורות, און חסידות? האט דער הייליגער בעל שם טוב און דער מגיד געזאגט, **ניין חס ושלום פארקערט יעצט האט מען שוין געפסק'נט אין הימל אז מען מעג עס פארשפרייטן ברבים,** ממילא זאלסטו וואס מער פארשפרייטן די תורה און חסידות אויף די וועלט און מגלה זיין די סודות התורה.



די סטעטשא פונעם הייליגן בעל התניא אין פֶּעטֶערפּאַוולאָסק תפיסה

**זאל דער אויבערשטער טאקע העלפן, אין די זכות פון די הייליגע צדיקים און קדושים, דער זעלבער באשעפער וואס האט זיי ארויסגענומען מצרה לרווחה מאפילה לאורה, משעבוד לגאולה, זאל אונז אלע שוין אויך אויסלייזן, אין די טעג וואס אונז טרעטן אריין אין חודש כסלו וואס אזויפיל ישועות איז געשען פאר אידן, י"ט כסלו, כ"א כסלו, דער גרויסער יום טוב חנוכה, וואס איז שוין אזויפיל דורות בהמשך הדורות אין די חודש געשען אזויפיל ניסים, זאל דער אויבערשטער טון טאקע שוין מיט אונז אויך בימים ההם בזמן הזה, און לאמיר האפן בקרוב שוין צו קענען מאכן די מטעמים כאשר אהבתי וואס דער אויבערשטער האט ליב, די הייליגע באוויליגטע קרבנות, בעבור תברכך נפשי, פון וועגן מיר זאלן שוין אלע געבענטשט ווערן, אונז זאלן זוכה זיין אז אלע צדיקים זאלן אויפשטיין תחיית המתים, און אונז זאלן צוזאמען מיט זיי אקעגן גיין משיח צדקינו, יראו עינינו וישמח לבנו, במהרה בימינו אמן.** ◼

אויב האט איר אמאל א גוטע מעשה, אדער אן הערה אויף א מעשה, אדער עפעס צוצולייגן, וועלן מיר שטארק הנאה האבן צו הערן.

טובי' לייב שטערן
07798638225
Lemaantesapeir@gmail.com

# הילולא דצדיקיא

פרשת תולדות – שנה י' גליון 48 (384)

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'

**לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com**

__הבהרה__: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די __'גאנצע'__ גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז __נישט__ ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז __נישט__ ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

## הרב הגאון ר' ברוך בער בן ר' שמואל דוד, מגדולי הראשי ישיבות, ה' כסלו ת"ש

**געבוירען**: חודש כסלו תרכ"ד אין שטאט סלוצק צו זיין טאטע ר' שמואל דוד לעבאוויץ. **אוועק**: ה' כסלו ת"ש. **חתונה געהאט**: טאכטער פון ר' אברהם יצחק הלוי צימרמן רב אין האלוסק. **קינדער**: 1) ר' לייב (אוועק יונגערהייט), 2) ר' יעקב משה מייסד געווען ישיבת קמניץ אין ירושלים, 3) איידעם ר' יצחק טורעץ געווען רב אין א געגנט אין חיפה, 4) איידעם ר' ראובן גרוזובסקי ראש ישיבת תורה ודעת, 5) איידעם ר' משה ברנשטיין ראש ישיבת קמניץ אין ירושלים. **תלמיד פון**: ר' חיים פון בריסק. **געווען**: נאך די פטירה פון זיין שווער געווארן רב אין האלוסק, אין יאר תרס"ג געווארן ראש ישיבת סלובודקא, ביים ערשטן וועלט קריג איז די ישיבה אריבער קיין מינסק, אין יאר תרפ"א איז עס אריבער קיין קאמעניץ פאר 18 יאר, ביים צווייטע וועלט'ס קריג איז עס אריבער קיין ווילנא וואס דארט איז ער אוועק. **ספרים**: ברכת שמואל. **ליגט**: אין ווילנא.

### די חשיבות פון א יוד

איין צופרי ווען ר' ברוך בער איז אריין צו זיך אין שטוב האט ער געזען אן ארבעטארער וואס טוט ארבעט ביי איהם אין שטוב, האט ר' ברוך בער איהם געגריסט אין די פוילישע שפראך 'צין דוברי פאניה' דאס מיינט 'א גוט מארגן', דער ארבעטארער האט דאס געהערט האט ער זיך צושמייכלט, האט ר' ברוך בער געבעטן זיין פרוי זאל איהם פרעגן פארוואס ער האט זיך צושמייכלט?

ווען זיין פרוי פרעגט דער ארבעטארער פארוואס ער האט געשמייכלט ווען איהר מאן האט איהם געגריסט, האט ער געזאגט ווייל ר' ברוך בער האט איהם געגריסט אין די פוילישע שפראך ווייל ער האט געמיינט אז ער איז א גוי (מן הסתם האט עס אזוי אויסגעזעהן לויט זיינע קליידער), אבער באמת איז ער א יוד אין ער וואלט איהם געקענט גריסען געהעריג אין יודישן 'א גוט מארגן'. ווען ר' ברוך בער האט געהערט דערפון האט איהם אנגעכאפט א ציטער און ער איז געלאפן איבערבעטן דעם ארבעטארער אז ער האט איהם חושד געווען פאר א גוי. דער ארבעטארער האט זיך געוואונדערט ווייל ער איז בכלל נישט געווארן באליידיגט עס איז נאר געווען אינטרעסאנט אז ער האט זיך אפילו צושמייכלט און ער זאגט איהם אז אלעס איז גוט און ער דארף איהם נישט איבערבעטן.

ר' ברוך בער האט זיך אוועק געשטעלט און מסביר געווען פאר דעם ארבעטארער, דעם חילוק פון א יוד און א גוי, און די חשיבות פון א יוד ווי שטארק דער אייבישטער האט איהם ליב, און וואס ער טוט נאר איז חשוב ביים באשעפער. ערשט נאכדעם וואס ער האט געזען אז דער ארבעטארער פארשטייט די חשיבות פון א יוד אז ער איז אנדערש ווי דער גוי האט ער איהם איבער געבעטן ווי יענער האט איהם מוחל געווען, ערשט דעמאלסט האט ר' ברוך בער זיך בארואיגט. ווילאנג ער האט נישט פארשטאנען דעם חשיבות פון א יוד האט ער נישט געוואלט אננעמען זיין מחילה, נאר נאך ער פארשטייט ווי חשוב ער איז און אז מען טאר נישט ווייטוהן א יוד האט ער איהם געקענט איבער בעטן.

### תורה מיט פלאג

אמאל אינמיטן סעודת שבת האט הגאון ר' דוד מגנס געוויזען פאר ר' ברוך בער א רמב"ם וואס מען האט די וואך געלערנט אין ישיבה און געפרעגט אויף איהר א שווערע קשיא, ר' ברוך בער האט אהן טראכטן גלייך געענטפערט א שטארקע קלארע תירוץ צו פארשטיין דעם רמב"ם. נאכן סעודה איז ר' ברוך בער ארויס אינדרויסן ווי ער האט זיך ארום געדרייט א לענגערע צייט און אריין געטראכט אין דעם רמב"ם וואס ער האט נאר יעצט געלערנט ביים סעודה.

יענעם וואך האט ר' ברוך בער געזאגט א שיעור אין ישיבה איבער דעם קשיא אויף דעם רמב"ם וואס ער האט געלערנט שבת. נאכן שיעור פרעגט איהם ר' דוד פארוואס ביים שיעור האט ער נישט געזאגט דעם תירוץ וואס ער האט איהם געזאגט ביים סעודה נאר ער האט יעצט געזאגט גאר אן אנדערע תירוץ? זאגט ר' ברוך בער 'ריכטיג אז יענער תירוץ איז זייער א פיינע תירוץ, אבער איך האב עס געזאגט אהן זיך מוטשענען אויף די תורה, אבער די תירוץ וואס איך האב געזאגט ביים שיעור האב איך מיך געמוטשעט אויף דעם, און תורה קען מען נאר פארשטיין דורך זיך מוטשענען'.

### הייליגע רש"י

א תלמיד האט איהם אמאל געפרעגט פארוואס א יעדעס מאל ער לערנט חומש רש"י, זאגט ער 'הייליגע רש"י', ווען ר' ברוך בער האט געהערט די רייד פון דעם תלמיד אזוי ווי ער רעט פארשעמטע רייד אויף רש"י, האט ער געבעטן אז מען זאל איהם ברענגן א מעסער פון קאך, ווי ער האט געריסן קריעה אויף זיין קלייד (אזוי ווי מען רייסט ווען א קרוב שטערט רח"ל), זיך אנצונעמען אויף די כבוד פון דער הייליגע רש"י.

### נישט געעפענט די מוסד

אין שטאט קמניץ ווי ר' ברוך בער האט געוואוינט איז געווען א געוויסע עסקן א ציוני (נישט אינגגאנצן עהרליך אין פרום) ווי ער האט געוואלט עפענען א מוסד ווי מען וועט לערנן נישט אזעלכע עהרליכע זאכן, ר' ברוך בער האט איהם עטליכע מאל גערופען און געבעטן אז ער זאל דאס נישט טוהן, אבער יענער האט מיט א שטאלץ געזאגט 'רבי עס וועט אייך נישט העלפן איך וועל עפענען דעם מוסד'. ר' ברוך בער האט דאס געהערט, האט ער אויסגעטוהן זיין אויבישטער קלייד, זיך געזעצט אויף דער ערד ווי ער האט שטארק געוויינט אין געקלאגט. דער רשע איז ארויס פון שטוב ווי ער איז צוריק אהיים, אבער קומעדיגע צופרי איז דער רשע נישט אויפגעשטאנען פון שלאף.

### ברעכט אויס כבוד

אמאל ווען ר' ברוך בער האט זיך געפונען אין אמעריקא צו גיין נאכגעלט פאר זיין ישיבה אין קמניץ, איז דארט פארגעקומען א גרויסן דינער ווי מען וועט שאפען געלט פאר די ישיבה, ווי א תלמיד האט זיך אויפגעשטעלט און שטארק באלויבט דעם ראש ישיבה ר' ברוך בער וואס געפונט זיך צווישן אונז. אזוי האט דער תלמיד שטארק גערעדט איבער זיין גרויסקייט, ווי ר' ברוך בער האט די גאנצע צייט געוויזען מיט די פנים ווי ער האלט נישט אויס די לויב רייד וואס מען זאגט אויף איהם, ווי מיט אמאל שטעלט ער זיך אויף און זאגט 'עס איז אלעס ליגנט, דער וואס רעט ווייסט נישט וואס ער רעט'.

דער תלמיד בייגט זיך צו צו ר' ברוך בער און זאגט איהם 'דער ראש ישיבה איז געקומען קיין אמעריקא צו מאכן געלט, און אין אמעריקא צו מאכן געלט מוז מען רעדן אזוי צו קענען מאכן געלט'. ר' ברוך בער האט עס אבער אוועק געמאכט מיט זיינע הענט. דער תלמיד האט ווייטער גערעדט אבער ר' ברוך בער האט פארשטאפט זיינע אויערן נישט צו הערן וואס מען רעט פון איהם. נאכן מסיבה אויפן וועג אהיים האט ר' ברוך בער זיך שטארק אפגערעדט מיט גרויס ווייטאג אויף דעם וואס מען האט איהם אזוי באלויבט.

אנקומענדיג צו די הויז פון ר' יעקב יוסף הרמן ווי ער איז איינגעשטאנען און מען האט איהם אריין געברענגט די עסן, האט דער בעל הבית אנגעווארענט אז מען זאל נישט עסן די פיש ווייל עס איז פארדארבן, האט ר' ברוך בער נישט געהערט און ער האט יא געגעסן פון די פיש.

אינמיטן נאכט האט מען געהערט ווי ר' ברוך בער ברעכט זייער שטארק, האט מען איהם געפרעגט פארוואס ער האט געגעסן פון די פיש? האט ער געזאגט 'דו מיינסט איז איך ברעך פון די פיש בכלל נישט דאס באדערט מיר בכלל נישט, איך ברעך פון די אלע לויב רייד וואס מען האט היינט געזאגט אויף מיר און מיין בויך דרייט זיך דערפון אז איך האב געמוזט ברעכן'.

### די גלח נעמט עס אראפ

אויפן וועג פון זיין הויז צו די ישיבה האט זיך געפונען די הויז פון א גלח ווי עס האט דארט געהאנגן א צ-ל-ם, ר' ברוך בער פלעגט ארום גיין א לענגער וועג, ווייל ער האט נישט געוואלט אריבער גיין די טמנא הויז אויפן וועג צו ישיבה. עס איז געווען באקאנט אז פאר דער ראש ישיבה האט גאר שטארק וויי געטוהן אז נישט ווייט פון זיין הויז געפונט זיך אזא טמנא זאך.

איין טאג האט מען באמערקט ווי דער גלח נעמט אראפ דעם טמנא צ-ל-ם פון די טיר פון זיין הויז, צו זייער גרויס וואונדער האבן די תלמידים געפרעגט דעם גלח פארוואס ער נעמט עס אראפ? האט ער געזאגט אז ער האט געהאט א חלום אז אויב ער נעמט נישט אראפ דעם צ-ל-ם וועט ער שטארבן, דערפאר האט ער זיך צוגעיאגט עס צו אראפ נעמען פון זיין טיר.

### געלט

דער ראש ישיבה איז געווען אינגאנצן אויסגעטוהן פון די וועלט, אזוי ווייט אז ער האט נישט געוואוסט, ווי אזוי געלט זעהט אויס אז ווען עס איז געקומען פורים און ער האט געדארפט געבן א האלבע שקל אין די שול פושקע, האט ער געדארפט פרעגן וויפיל די געלט איז ווערד צו וויסען וואס צו געבן. עטליכע מאל ווען ער האט געגעבן צדקה פאר ארימעלייט האט ער געגעבן אזויפיל, פשוט ווייל ער האט נישט געוואוסט וויפיל די געלט איז ווערד.

## הייליגע פנים

איין טאג קומט אריין א גרויסע האר פון די פאליציי און פרעגט ווער איז די בעל הבית פון די ישיבה ווייל ער דארף אדורך רעדן מיט איהם וועגן די ישיבה וואס איז נישט ריכטיג. מען האט געוויזען אויף ר׳ ברוך בער אז ער איז די בעל הבית. די פאליציי הויפט גייט צו צו ר׳ ברוך בער און הייבט אהן צו רעדן, אבער ר׳ ברוך בער איז געווען שטארק פארטיפט אין זיינע געדאנקן פון לערנן, אז ער האט בכלל נישט געהערט וואס דער פאליציי הויפט רעט צו איהם.

דער פאליציי הויפט האט געוואלט אז ר׳ ברוך בער זאל איהם צו הערן, האט ער אנגערירט ר׳ ברוך בער אז ער זאל קוקען אויף איהם. ר׳ ברוך בער האט זיך אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקן, אויפגעהויבן זיין קאפ און געקוקט אויף דער פאליציי הויפט. ווען דער פאליציי הויפט האט נאר געגעבן א קוק אויף די אויגן פון ר׳ ברוך בער, האט איהם אנגעכאפט אזא ציטער אז ער האט נישט געקענט רעדן און פון גרויס שרעק איז ער ארויס פון בית המדרש.

## דער גוי איז געשטארבן

עס האט זיך אמאל געמאכט אז ר׳ ברוך בער איז געווען אין א האטעל ווי ער באמערקט ווי עפעס א יוד דרייט זיך ארום שטארק פארטראכט און פארזארגט, ר׳ ברוך בער האט איהם געפרעגט וואס האט פאסירט? האט דער יוד פארציילט אז ער פירט געשעפטן מיט א גוי ווי מען פארקויפט האלץ צוזאמען, האט זיך געמאכט עפעס א פראבלעם צווישן זיי אז דער גוי איז אזוי בייז אויף איהם אז ער וויל איהם רח״ל הרגענן, און כאטש וואס ער האט שוין עטליכע מאל פרובירט זיך צו אדורך קומען מיט דעם גוי, וויל ער נישט הערן דערפון נאר ער וויל איהם חלילה וחס אומברענגען, און אזוי לויפט ער אוועק פון איין פלאץ צום אנדערן און ער ווייסט נישט וואס צו טוהן.

הערענדיג די רייד זאגט ר׳ ברוך בער ׳וואס הייסט ער וויל דיר הרגענן די תורה זאגט אז א גוי איז חייב מיט די 7 מצות פון א בן נח (א גוי) וואס איינער פון זיי איז אז ער טאר נישט הרגענן און אויב יא איז ער חייב מיתה. ר׳ ברוך זאגט איהם ׳האסט נישט וואס צו מורא האבן, פאר אהיים געהעריג און וועסט פטור ווערן פון איהם׳. דער יוד איז אהיים געפארן ווי ער האט געהערט די נייעס אזן אינמיטן עסן איז דער גוי דערשטיקט געווארן און איז געשטארבן.

## כיבוד אב

ביים שיעור פון ר׳ ברוך בער פלעגט אויך זיצען זיין טאטע הגאון ר׳ שמואל. יעדען טאג פאר ער האט געזאגט די שיעור פלעגט ער אלס כיבוד אב זיך אפשטעלן ביי זיין טאטע׳ס פלאץ פרעגן רשות צו ער מעג זאגען דעם שיעור, אזוי אויך נאכן שיעור האט ער איהם געפרעגט ׳האב איך טאקע גוט געזאגט?׳.

אמאל האט פאסירט אין דער שטאט א פראגראם ווי גוים זענען ליידער ארום געלאפן הרגענען און טוהן שלעכט׳ס פאר יודען און אלע זענען אנטלאפען, אבער ר׳ ברוך בער האט זיך קודם געזארגט אז זיין טאטע זאל אנקומען צו א זיכערע פלאץ, און ערשט דערנאך געזארגט פאר זיך.

אין אנפאנג פלעגט ר׳ ברוך בער רייכערן, ביז איין מאל האט זיין טאטע איהם געזאגט אז ער זאל אויפהערן צו רייכערן, איז פון דאן א יעדעס מאל וואס ער האט געוואלט רייכערן האט ער געפרעגט רשות פון זיין טאטע.

נאך זיין טאטע איז אוועק און ער האט איהם מער נישט געקענט פרעגן רשות, האט ער מער נישט גערייכערט, נאר א יעדעס מאל ער האט געוואלט רייכערן האט ער גענומען די צוגארעטל אין זיין מויל אויסגעלאשנעהייט.

ווען זיין טאטע איז אוועק האט עס איהם זייער וויי געטוהן און שטענדיג געזאגט אז דאס איז זיין שולד ווייל ער האט נישט גענוג אכטונג געגעבען אויף זיין טאטע, און פון גרויס צער איז ר׳ ברוך בער קראנק געווארען, ביז ער איז ממש געווען א סכנה, ביז ווען ער האט אמאל געטראפען דער הייליגע חפץ חיים וואס האט איהם בארואיגט. פון דאן פלעגט ער אייביג זאגן ׳דער חפץ חיים האט מיר ממש מחי׳ געווען׳.

ווען ר׳ ברוך בער האט ארויס געגעבען א ספר האט ער עס גערופען אויף זיין טאטע׳ס נאמען ׳ברכת שמואל׳ צו מכבד זיין זיין טאטע.

## כבוד פאר די פרוי

אמאל ווען ער איז געווען אין אמעריקא צו גיין נאכגעלט פאר זיין ישיבה, איז ער געגאנגען באזוכן צום שטוב פון זיין תלמיד. די ווייב פון דעם תלמיד האט זיך דאן צוגעהערט צו א ניגון וואס האט געשפילט פטיפון (רעקארד), דער תלמיד האט זיך געכאפט אז עס איז נישט קיין כבוד איז עס שפילט א ניגון בשעת זיין רבי געפונט זיך אין שטוב, האט ער עס שנעל אויסגעלאשן.

ר׳ ברוך בער האט דאן געבעטן דער תלמיד אז ער זאל ארויס קומען א מינוט ווייל ער וויל איהם עפעס זאגן. ארויס קומענדיג אינדרויסן זאגט איהם ר׳ ברוך בער ׳איך פארשטיי אז דו האסט עס אויסגעלאשן צוליב מיין כבוד, אבער אין דעם זעלבן צייט האסטו ווייגעטוהן דיין פרוי ווען דו האסט אויסגעלאשן די מוזיק ווען זי האט עס געהאלטן אינמיטן צוהערן, גיי אריין אין בעט איהר איבער.

## אהבת ישראל

ר׳ ברוך בער איז געווען שטארק באקאנט מיט זיין ליבשאפט צו א יעדער יוד. ער פלעגט זאגן, ווען עס וועט קומען די צייט אז ער וועט זיך דארפן שטעלן ביים בית דין של מעלה וועט מען איהם זאגן אז זיין תורה איז גארנישט ווערד, זיין יראת שמים איז גארנישט ווערד (ער האט אזוי געזאגט מיט זיין גרויס עניוות), נאר איין זאך וועל איך קענען זאגן אז מיין גאנצע לעבן האב איך ליב געהאט א יעדע יוד און ווען איך האב נאר געזען א יוד אויפן גאס טראכט איך גלייך אז דער יוד זאל געבענשט ווערן מיט אלעס גוט.

ר׳ ברוך בער האט אמאל מסביר געווען די גרויסקייט פון אהבת חבירים אזוי: אויב מען פארציילט צוויי מעשיות, די ערשטע מעשה איז א א יוד איז אריבער א טייך ווי ער זעהט ווי איינער האלט זיך ממש ביים דערטרענקן נאר מיט זיינע לעצטע כוחות כאפט ער זיך אהן אין א האלץ, שפרינגט אריין דער יוד און ראטעוועט איהם. די אנדערע מעשה איז אז איינער קומט צו צו א יוד און בעט איהם צו עסן, דער יוד טראכט נישט און געבט איהם גלייך, וועלכע פון די צוויי מעשיות זענען גרעסער? זיכער וועט א יעדער זאגן אז די ערשטע מעשה איז גרעסער ווייל ער האט דאך געראטעוועט די לעבן פון א יוד וואס די גמרא זאגט אז איז אזוי ווי ער ראטעוועט די גאנצע וועלט.

דאך אבער די אמת איז אז די צווייטע מעשה איז גרעסער, ווייל ווען מען זעהט ווי איינער דערטרענקט זיך וועט דאך זיכער א יעדער איינער שפרינגען יענעם צו ראטעווען, עס וועט בכלל נישט איינפאלן צו לאזן יענעם שטארבן, אבער ווען איינער בעט הילף צו עסען אדער עפעס אנדערש, דעמאלסט יאגט מען זיך עס נישט  צו טוהן און אפט מאל טרעפט מען  תירוצים עס צו טוהן שפעטער אדער עס בכלל נישט צו טוהן, אויב אבער שטארק זיך איינער און ער טוט יא העלפן יענעם איז עס אסאך חשובע, ווייל ער וואלט זיך דאך געקענט אויסדרייען פון עס טוהן.

## באשיצט אויף די דור

ווען ר׳ ברוך בער איז אוועק פון דער וועלט האט דער חזון איש נישט אויפגעהערט צו וויינען פאר א לענגערע צייט. דער חזון איש האט דאן געזאגט ׳ווי לאנג ר׳ ברוך בער האט געלעבט אין זיך געמוטשעט אין די רייד פון תוספות האט דער רשע היטלר ימח שמו וזכרו גארנישט געקענט טוהן, ווייל מיט די תורה פון ר׳ ברוך בער האט ער באשיצט אויף דער וועלט׳. (ר׳ ברוך בער איז אוועק ממש אנפאנג פון די צווייטע וועלט קריג).

יענער שבת האט דער חזון איש גאר שטארק געוויינט, האט איינער פון די תלמידים געזאגט ׳רבי, עס איז דאך היינט שבת׳, האט דער חזון איש געזאגט ׳וואס טוסטו זיך וואונדערן, יעצט איז דאך אפען די וועגן פאר היטלר ימח שמו וזכרו, ווייל דער וואס האט ביז יעצט באשיצט אויף אונז (ר׳ ברוך בער), געפונט זיך שוין נישט צווישן אונז, רבונו של עולם וואס וועט זיין׳.

# מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

**דער** בעל שם טוב איז אמאל אנגעקומען צו א געוויסע שטאט ווי ער איז איינגעשטאנען ביי א יוד וואס האט געהייסן אהרן שלמה מיט זיין פשוטע ווייב רבקה. דער יוד איז געווען זייער א פשוטע יוד וואס האט נישט געקענט לערנען און קוים  וואס ער האט געקענט דאווענען אבער דאך איז דער יוד מיט זיין ווייב געווען זייער עהרליך און אויף א יעדער זאך וואס האט זיי פאסירט אדער ווען זיי האבן נאר געטוהן עפעס האבן זיי שטענדיג געזאגט **׳זאל זיין דער נאמען פון השי״ת געבענשט אויף אייביג׳**.

**יענער** טאג איז דער בעש״ט ארויס אין וואלד אזוי ווי זיין שטענדיגע מנהג, ווי ער האט דארט געטוהן זיינע הייליגע זאכן און געדינט דעם אייבישטער און ער האט אינזין געהאט גאר הייליגע זאכן וואס נאר צדיקים ווייסען און קענען דאס טוהן. **אזוי** ווי דער בעש״ט שטייט דארטן אין דאווענט און טוט זיין הייליגע עבודה, האט אליהו הנביא זיך באוויזען צו איהם, און ער זאגט איהם ׳דו פלאגסט דיך צו אינזין האבן די הייליגע זאכן אין די הייליגע שמות, זאלסט וויסען אז דער קרעטשמע אהרן שלמה און זיין ווייב רבקה וואס זיי ווייסען גארנישט ווי אזוי צו לערנן אדער צו דאווענען געהעריג, דאך טוען זיי מער אויף און מאכן א גרעסערע נחת רוח פאר דעם אייבישטער מיט  מיט זייערע פשוטע זאגען **׳זאל זיין דער נאמען פון השי״ת געבענשט אויף אייביג׳** ווייל זיי זאגען דאס מיט אן אמת׳דיגע ערנסטקייט, און זיי ווייסען מער גארנישט פון דעם.